# אין ליכט פון תורה

## ספר
## שיח יצחק
והוא מן פלא יועץ



12

ספר

# שיח יצחק

## והוא מן פלא יועץ

דאס ספר איז נעתק געווארן אויס דעם ספר פלא יועץ און אויך פון אנדערע ספרי מוסר אויף עברי טייטש כדי לזכות את הרבים וכשמו כן הוא. דאס ספר טיהט ווינדערליכע עצות געבן וויא דער מענש זאל זיך פיהרן קענן דעם איבערשטן. און אויך קענן דיא מענשן. און דער וואס אויס דעם ספר עפעטערס לערנן ווירד, דער ווירד זיך בוודאי קונה שלימות זיין וימצא חן בעיני אלהים ואדם:

כל הזכויות שמורות אצל

הוצאת אמונה

© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# הסכמות הרב הגאון המפורסם מרי דאתרא אב"ד דק"ק קראקא

בעזה"י

**כבר** מלתי אמורה, בשפוריה ושבחיה של המעתיק ספר היקר פלא יועץ ללשון אשכנזי ההמוני במדינות פולין לזכות הרבים, ה"ה הרבני התורני ירא וחרד זוכה ומזכה מוה' **יצחק האמבורגער** נ"י. כאשר עליתי בהסכמה על חלק הראשון אשר הדפ"ס בק"ק לעמבערג. ובעת לשמחת לבבי הודיעני כי הוא עוסק ובא להשלים הדפסת הספר הנחמד הזה כלו בתוספות מרובה לקוטי שושנים, יקרים מפנינים, אשר העתיק ותרגם מספרים שונים. אמרין לפעלא טבא, יהיה ה' אלקים עמו ויעל על מכבש דפוס משובח. וזה שמו אשר יקרא לו שיח יצחק שיחה נאה היא שוה לכל נפש, המקום יהיה בעזרו, אשרי כל הזוכה לתומכו ולסעדו לסייע על ידו, מאת ה' ירבה שכרו, יהי חלקי עמו. הכ"ד לאהבת האמת וזכות הרבים, פה במקום הרחצה מארין באד במדינת בעהמען, הכותב בידי"ם רפות, ועיניו לרחמי שמים צפופות, חותם בכל הותמי ברכות:

הק' **שמעון** בהגאון **מהר"מ סופר** זצ"ל עבד לעבדי ה' בק"ק קראקא והגליל.

יום ב' כ"ה סיון שנת **וינוחו בו ישראל** לפ"ק

---

בעזה"י

**אפריון** נמטיה לר' שמעון הוא ניהו כבוד הרב המאוה"ג צדיק וישר הוא כש"ת מוה' **שמעון סופר** נר"י אבד"ק ערלוי בהגאון מופת הדור מהרא"ש בנימין הצדיק זצ"ל ה"ה (בעל שו"ת כתב סופר) אב"ד דק"ק פרעסבורג בהגאון מאוה"ג בעל שו"ת (חתם סופר) זצ"ל ה"ה אשר בצדקתו ובנדבת לבו הטוהר הלוה סך מסויים לצורך הדפסת הספר הזה שיח יצחק ח"ג לזכות הרבים וכן שלמים, וזכות הרבים תלוי בו, ואני אין כחי אלא בפה לברך אותו בברכה משולשת, וה' יחזקהו ויאמצהו ובישועתו יראה וכם כבודו יגדל למעלה בתורה ובגדולה, כלהו שנין קאמינא, ועוד יזכה ויראה בבנין בית עולמים ועמוד הכהן לאורים ותומים אכי"ר:

**מצות** דוד המלך האט גיזאגט [אשרי איש ירא את ה׳, במצותיו חפץ מאוד] וועל דעם מענש, וואס פארכט זיך פאר גאט ב״ה, און האט גראס ביגעהר אונד השקת צו טיהן זיין גאטס מצות, אונד דער איש יהודי, וואס האט דיא אמתדיגע אמונה אן הקב״ה, דאס ער בעצאהלט זעהר איין גראסען שכר, צו דיא וואס היטען זייגע מצות, אונד טיהט אויך שטראפען מיט איין פארכטבארען עונש, צו דיא יעניגע וואס טיהען איבערפאהרן אויף זייגע געבאט, אזו איין מענש דארף צו זיין [להיות רץ למצוה, ובורח מן העבירה] נאך צו יאגן דיא מצות, אונד זיך שטארק צו בעמיהען [בכל כחו ומאודו] מיט זיין גאנצן קראפט אונד פארמעגן כדי צו קענען מקיים צו זיין דיא מצות, נאך מעהר וויא מען בעמיהט זיך כדי טויזינט גילדן צו פארדינען נאך מעהר דארף מען זיך צו בעמיהען צו קענען מקיים צו זיין דיא געבאט פון השם יתברך, ווייל דער שכר פון דיא מצות זעהר, אונד זעהר גראס איזט, וואס דער מענש קען זיך גאר נישט פארשטעלין דעם גראסען תענוג, און קורת רוח פון דעם תענוג עוה״ב, וואס מען גיבט צו דיא יעניגען וואס האבען מקיים גיוועזין דיא מצות, דאס איז אויפצולערנען וואס מיר געפינען ביא אברהם אבינו, דאס פון וועגן וואס ער איז צווייא מאהל געלאפען כדי מקיים צו זיין דיא מצוה פון הכנסות אורחים, איז דאדורך הקב״ה אנגעקניפפט אן זייגע קינדער דיא ישראל וואס ער קען זייא שאהן נימאהלס פון זיך אין גאנצן ערווייטרן, אזו וויא עס שטייט, [מלך אסור ברהטים] ווידער דער זכות פון עשו הרשע, וואס האט מכבד גיוועזין זיין פאטער יצחק, טיהט איהם ביא שטיין אויף אללע דורות, ביז דער גואל צדק וועט קוממען, דאס זעלבע איזט אויך ביא ישמעאל, בזכות המילה, אויך ביא נבוכדנצר הרשע פון וועגן פיער טריט וואס ער האט געטיהן לכבוד הקב״ה האט ער זוכה גיוועזין [מלך בכיפה] צו זיין איבער דיא גאנצע וועלט צו קיניגען און נאך מעהר זאלכע מעשיות, פון דעם קען מען זיך פארשטעלן וויא גאר גראס מיז נאך זיין דער שכר אונד תענוג וואס מען בעצאהלט צו דיא נשמה, אויף עוה״ב, אזו וויא דיא חכמים ז״ל האבן גיזאגט, [יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה״ב מכל חיי עוה״ז] עס איז בעסער צו געניסען איין שעה דעם קורת רוח און תענוג בעוה״ב, פון דען גאנצען לעבען פון עוה״ז, אונד אזו וויא דער שכר פון דיא מצות גראס איז, דאס זעלבע איז ווידער דער עונש פון דיא עבירות, אונד דער עונש פון ביטול מצות, הקב״ה טיהט נישט אוועק

נעהמן

נעהמען, יעדען שכר פין יעדע מצוה אונ טיהט אויך נישט שענקען פין צו שטראפין אויף יעדע עבירה, אונד ביטול מצוה, אפילו ווען דיא עבירה נאך אזו קליין איזט, [כי על הכל יביא אלקי' במשפט וכו'] אלעס ווירד פארגענאממען ביים משפט, [ואוי להם לבריות] וויא איז צו דיא מענשען וואס טיהען מבזה זיין דיא מצות, ווייל עס איז גלייך אלס זייא העטען מבזה גיוועזין הקב"ה, ווייל דיא מצות זעגען דיא שלוחים פין הקב"ה, [וכמו ששלוחו של אדם כמותו, כן הדבר הזה וד"ל] אונ דיא גרעסטע מצוה, האט אפילו נישט אזו פיהל אין ווערט ביי זייא, וואס אין ווערט האט איין איינציגען גולדען צו פארדינען, ווען מען טיהט דען בר ישראל פרעגען וויא פיהל האט ביי דיר אין ווערט איינע מצוה? ענפערט ער גלייך עס האט גאר קיין שאצונג, אונד יעדער יוד גלייבט אויך אן שכר ועונש, צו דאך פאראייניגן זיך נישט זיירע מעשים מיט דעם מויל, וואס מען זעהט בעו"ה מבטל זיין כמה וכמה מצות פין וועגן נאר איין גולדען צו פארדינען, אז עס קומט דאצו האט שאהן דער גולדען מעהר אין ווערט פין דיא מצוה, אונ אויך פין מעהרערע מצות, וויא פיהל מאהל איז מען מבטל תפלה בציבור, אונ פין צו ענפערן אי"ש"ר אונד קדושה פין וועגן מרוויח צו זיין איין גולדען, וויא פיהל מאהל קען מען מקיים זיין דיא מצוה, פין גמילות חסד דורך איין גולדען אוועק צו בארגן הויז ווירטשאפט צו דיא שכנים אונ צו דאך וויל מען עס דאך נישט טיהן, ווייל דער ווערט פין דעם כלי האט ביי זייא פיהל מעהר אין וועהרט פין צעהן מאהל מקיים צו זיין דיא חשובה מצוה פין גמילות חסד, אונ ביטול תלמוד תורה איז דאך כנגד כולם, וואס מען האט שוין גאר נישט צו טיהן אין גישעפט אונד מען וויל דאך נישט לויפען מקיים זיין דיא גראסע אונ טייערע מצוה פין ת"ת, אונד וויא פיהל מאהל איז מען מבטל דיא מצות וואס מען האט קיין הנאה דאפין נאר בלוים מחמת לייכטזיניגקייט, ווייל מען איבערלייגט זיך גאר נישט ווער אויף דעם געבאטען האט, אונד מיר יודען זענין מחויב אונז צו פארכטען אונד ליעב צו האבען דעם מלך הגדול והנורא אונ בעדענקין זיך אויך גאר נישט וויא פיהל צער מען איז גורם צו הקב"ה, אונ פגם בכל העולמות, אונד וואס דאס טיהט אויף האלטען [משיח צדקינו שיבא במהרה בימינו] אונר מעהרערע זאכען וואס גאר נישט צו ע' ציילען איז. — [ואם יאמר ישראל] אונ אז מען ווירד וועלן זיך איינרעדן, איך וויים וואהל דאס דער שכר פין דיא מצות זעהר גראס זענען אונד מעהר

אין ווערטה האט פין דאס גאנצע לעבען בעוה"ז. אונ וויים אויך זעהר גוט דאס עס זעהר שלעכט אונ ביטער איזט וואס מען פערלאזט דיא געבאט פין גאט ב"ה, צו פארט האב איך איינע שטארקע טענה [כי יצר לב האדם רע מנעוריו] וויל איין יעדער מענש האט איין יצר וואס שטארקער איז פין אייזן, אויף דעם זאג איך דיר תשובה, דאס מען ווירד זיך מיט דיא טענה גאר נישט קענען פטרן ביים יום הדין הגדול והנורא. וויל הקב"ה האט גיזאגט איך האב איין יצר הרע בעשאפען דיא מענשען אפציריידן צו עבירות, אויף דעם האב איך דיר איין היילמיטל געגעבן, דאס איז דיא תורה הקדושה וואס מיט דיא תורה זאל מען קענען דעם יצר כובש זיין, אפילו ווען דער יצר נאך אזו שטארק איז. ווירסט איהם דאך איבער צווינגען מיט דיא תורה אונ באמת האט הקב"ה דעם יצר בעשאפען לטובת האדם. וויל מיט דעם וואס מען טיהט דעם יצר כובש זיין, טיהט מען זיך פיהל שכר פארשאפן לעוה"ב [ולפום צערא אגרא] וואס גרעסער דער צער איז אונד וואס מעהר דיא ארבייט איז ביי עבודת השם. אונד ביי דיא קיום המצות אונד כדי צו פארלאזן דיא עבירות. וואס גרעסער איז אויך דער שכר. א) איבער דעם, אז מען זעהט דאס דער יצר גאנץ שטארק איז. וואס טיהט איהם אפרעדן אויף איין עבירה עובר צו זיין, אדער איין מצוה צו פארלאזען, דאמאלס דארף מען זיך צו שטארקען געגען דעם יצר איהם כובש צו זיין, אזו ווירד זיין שכר פיהל גרעסער זיין אז ווען דער יצר העט איהם נישט שטארק גערייצט דאצו [ע"כ עבדי השם] איבער דעם איהר גאטס קנעכט [הקטנים עם הגדולים, זקנים עם נערים] לאזן מיר אונז שטארקן אונ פעסטעגין, כדי חס צו האבן אויף דעם כבוד פין אונזער בעשעפער, אונד אויה אונזער נשמה, צו ענטלויפן פין יעדע עבירה אונ נאך צו יאגן מקיים צו זיין יעדע מצוה אונ מדה טובה וואס נאר אין אונזער מאכט איזט [בכל לבבינו ובכל נפשינו ובכל מאודינו] אזו ווירד

איינץ

א) האטשע דאס האב דיר אויבן געשריבן פין דעם גראסן שכר וואס מען איז מקבל גאר קיום המצות, צו דאך איז דאס נאך נישט דיא אמתדיגע עבודה פאר שכר וועגן צו טיהן, נאר דיא רעכטע עבודה הייסט דעם בעשעפער צו דינען מחמת אהבה, וויל דאס זיין רצון אזו איז. אונד ביא יעדר מצוה צו זאגן, דאס טיהע איך כדי צו טיהן, דעם רצון בוראי יתברך שמו וכו':

אונז בוודאי השם יתברך צו העלפן [כי הבא לטהר מסייעין אותו] און נאך מעהר דארף מען זיך צו שטארקען מקיים צו זיין זאלכע מצות אונד צו פארלאזען זאלכע עבירות וואס איז דאביי געלד שאדען אדער געלד פארדינסט, ווייל דער יצר פון געלד איזט זעהר שטארק [ובפרט בדור הממון הזה] נאר דאס געלד זאל גאר נישט חשוב זיין אנגעגן עס קומט צו מצוה זאכן, אדער חלילה אויף איינע עבירה עובר צו זיין, מיר דארפן נישט צו פארגעסן דאס וואס מיר זאגן צוויא מאהל אין טאג אין דער ק"ש [ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך] דאס איז גימיינט, דיא זאלסט ליעב האבן גאט ב"ה מיט דיין גאנצן הארץ און מיט דיין גאנץ נפש און מיט דיין גאנץ פארמעגן און עס איז בעסער צו פארהונגערן איי צי זיין איין רשע פאר הקב"ה [אפילו שעה אחת], ובאמת [דורשי ה' לא יחסרו כל טוב] דיא וואס פארשטן גאט ב"ה, דיא טיט גאר נישט פעהלן:

## מזכה

מזכה, דיא חכמים האבן גיזאגט [כל המזכה את הרבים, זכות הרבים תלוי' בו] דער מענש וואס איז מזכה רבים, ווערד דער זכות פון דיא אלע מענשן איהם צוגירעכנט, גלאך ער העט אליין דיא אלע זכותים געטיהן, נאך מעהר האבן זייא גיזאגט [כל המזכה את הרבים, אין חטא בא על ידו] דער מענש וואס איז מזכה רבים, טיט מען איהם היטען מן השמים, דאס עס זאל דורך איהם קיין חטא קומען, עס גיבט פיהל ערלייא ארט מזכה רבים צו זיין, דאס ערשטע איז דורך דיא תורה, צו מאכען וויסען אנדרע מענשן וואס אנגילערנט זענען, גאטס גיזעטצע, און זייא צו מאכן וויסען וויא מיר יודן דארפען אינזן פאר איהם צו פארכטן, אויך פאר זייא צו דרשנין דברי מוסר, און הנהגות טובות, און דינים הנצרכים, אלע צייט ווען עס איז נאר דאס גילעגענהייט דאצו, פיליכט ווערד עס זיין איין עת הכושר וואס זייגע רייד וועלין פירות טראגן, ווען נישט צו הינדערט, פיליכט צו צעהן מענשן, און ווען אפילו נאר צו איינעם איזט שוין דער שכר פון דעם זעהר גראס, איבער דעם וויא גוט און ראבטפארטיג איז דאס, אויך צו שרייבען בקיצור דיא נייטיגע דינים און דברי מוסר אויך הנהגות טובות, און דאס צו דריקען אויף עברי טייטש, ווייל דאס איז אזו גיט וויא מען העט עס גידרשנט פאר פיהל טויזנטער מענשן, דער זוהר הקדוש איז זעהר מפליג פון דעם גראסן שכר פון דיא מענשן וואס זענען

גורם

גורם צו מאכען אב קעהרן דיא רשעים פון זייערע עבירות, אונ שלעכטן וועג, אונ ברענגען זייא לדרך טובה, אונ דיא מצוה פון מזכה רבים צו זיין איז נישט דוקא חל נאר אויף דעם תלמיד חכם אליין, נאר אויך אויף איין יעדן מענש איז דער חיוב גיווארפען (מוכיח רבים) צו זיין מיט ווייכע רייד אונ איינער צום אנדערן זאל זאגן (חזק ונתחזק) לאזן מיר אינץ שטארקען צו טוהן דעם רצון פון אינזער בישעפער, אונ עס איז חל אויף איין יעדן מענש דאס איינער זאל דעם אנדערן אויפמערקזאם מאכן אויף זיינע פעהלער, דאס דאזיגע מוז אבער נאר גישעהן בנחת מיט איין פריינדליך פנים, אונ מיט בעוויליגטע רייד, אבער נישט מיט געבייזער אונ געשרייא, ווייל נישט דאס אליין וואס זאלכע שטראף רייד גאר נישט ווירקט, איז עס נאך גורם מחלוקת אונ שנאה, (ואיזה חכם הרואה את הנולד), אויך איז אין כלל פון מזכה רבים צו זיין, צו זאגן אלע ברכות מיט הויכע שטימע, כדי מען זאל קענין ענטפערן אמן, ובפרט בשעת מען איז עולה לתורה, איז בוודאי דער חויב הויך צו זאגן דיא ברכה (ברכו את ה' המבורך), ווייל אז מען זאגט נישט הויך דיא ברכה, אזו טיט אויך דאס קהל נישט ענטפערן (ברוך ה' המבורך וכו') אזו ווערן זייגע ברכות גירעכנט פאר (ברכות לבטלה), חוץ דעם וואס דער שכר פון אמן ענטפערן זעהר גראס איז (עיין ב"ח א' סימן אמן), אין דעם כלל פון מזכה רבים, איז א"ך, ווען מען איז ציזאמען מיט מעהרע מענשן, זיין מויל צו עפנען בדברי תורה, אנ־ציפאנגען צו רעדן פון איין דין, אדער איין פשט פון אפסוק, אזו ווירד דאס שוין גורם זיין ווייטער צו רעדן בדברי תורה, אונ נישט בדברים בטלים, דער זכית פון דעם מענש וואס דאס גורם איז, איז זעהר גראס, איינס ווייל ער טיט פיהל מענשן מ"נע זיין פון דברים בטלים, צווייטנס איז ער מיט דעם מקיים דיא רייד פון דיא חכמים וואס האבן גישריבן (שלשה שאכלו על שלחן אחד, ואמרו עליו דברי תורה וכו'), אויך איז אין כלל פון מזכה רבים, זיך משתדל צו זיין בכל כחו מתקן צו זיין תקנות טובות ונהגות טובות אין זיין שטאט, אדער אין זיין שיהל, אויך איינצוריכטען חברות קדושות לטובות הכלל, וכדומה, אויך צוריק צו האלטען אלע מיני מחלוקת, אונ זיך צו שטארקען שלום צו מאכען (בין אדם לחבירו, ובין איש לאשתו) אויף אזו מענש ווערד בוודאי מקיום ווערן (וזכות הרבים תלוי בו):

# מותרות

**מותרות** נאך צו גיין נאך איבערפליסיגע זאכען פין עולם הזה, איז זעהר איינע מדה רע, וואס טיט דאס נפש אונ דעם גוף פארלענדן.

פין וועגען פיהל עסן אונ טרינקען קימען פארשידינע חולאים אויף דעם מענש, אויך אז מען געוועהנט זיך נאך צו גיין צו ערלאנגען די תאוות עוה"ז פין פיינע מאכלים אונ אנדערע תענוגי בני אדם, שיינע אונ קאסטבארע קליידער צו טראגן, אונ אין טהיירע וואהנונגען צו וואהנען דאס מאכט דעם מענש אין גאנצען פארגעסן אן גאט ב"ה, אונ איז עובר אויף [בל תשחית], איך איז דאס גורם אויף כמה וכמה עבירות עובר צו זיין, דהיינו אויף גניבה גזילה אויף ולא תעשוק] אונ ביטול תפלות וביטול תורה אזו ווייט דאס די הנאות אונ תאוות העוה"ז טיט איהם אין גאנצן ארוים ציהן פין גדר אדם, אונ ברענגט איהם לגדר בהמה, מחמת אז מען גיוויינט זיך אין די תאוות עוה"ז ווערד דאס ביא איהם אזו וויא איין טבע, אזו וויא איין אנדערע קאן נישט לעבן אהן ברוד, אזו קאן ער שוין נישט זיין אהן זיינע געוואהנהייט, אונ וייל דער גרגיר פין עניות איז חוזר בעולם, וואס דאס עשירות האט קיין בעשטאנד אויף איין ארט, נאר היינט איז עס ביא איהם, אונ מארגען ביא איין אנדערן, אזו ווען דאס עניות טיט איהם בינעגנען, ברענגט דאס איהם צו גניבה וגזילה, אונ עובר צו זין אויף כמה אסורין, אזו וויא מיר געפינען ביא דעם בן סורר ומורה, דער אבער וואס גיוויינט זיך מיט די מדה הסתפקות, וואס לאזט זיך צופרידען מיט וועניג, דער לעבט נאך מאניכעס מאהל פיהל גליקליכער פין דעם גראבן עושר, וואס וייל גערן די גאנצע תאות פין עוה"ז גיניסען, וועגן כמה טעמים, איינס פעהלט איהם גאר נישט, עס איז איהם אלעס רעכט אונ ליעב, אונ דארף זיך נישט צו פיהל צו פלאגען ביים ארבייטן נאר ער לאזט זיך צופרידען מיט אלעס וואס דער בישעפער איהם גיבט, צווייטנס בלייבט איהם פיהל צייט איבריג עוסק צו זיין אין די תורה, אזו ממילא טיט איהם שוין די תורה ערמאנען, דאס נישט דער עוה"ז איז דער עיקר, ווייל אלעס פין די וועלט איזט נאר לויטער הבל, אונ אלעס פארגייט וויא דער שאטען, אונ פין אלעס זיין געוויגען גיטץ נימט ער זיך גאר נישט מיט, ביא זיין אפרייזען פין די וועלט, נאר בלויס וואס מען האט זיך איינגיזאמעלט פין תורה ומעשים טובים, אויך איז דאס

איהם

איהם גורם, ווייל ער איז נישט ערוויטערט פון דיא תורה, ווען עס קומען אויף איהם דיא ימי הירידה, נאך דיא האלבע יאהרן, ומכש"כ דיא ימי זקנה, אונ זיהט וויא דיא כחות פון מענש פאנגען אהן יעדען חודש שוואכער צו ווערן, אזו פאנגט ער אהן אין זיך אריין צו קלערן, איך זעהע דאך אויגענשיינליך דאס מיין לעבען ווירד באלד איין ענד האבן, אונ מיט וואס האב איך מיינע יונגע יאהרן צוגעבראכט, הוי, ואבוי, וויא איז צו מיר [אם לא עכשיו אימתי] ווען איך וועל נישט זעהן איינוועניגסטנס פון אציגד אן תשובה צו טיהן, ווען דען ווערד צו דעם צייט זיין, אזו מיט ער דיא גאנצע וועלט פאראבשייען אונ פארמאוסן, אונ פאנגט אהן זיך צו בישעפטיגען מיט עבודת הבורא, תשובה צו טיהן אויף דיא פארגאנגענע צייט, אונ זיך צו פארשאפען מצות ומעשים טובים, צו האבן אויף [צדה לדרך] רייזע שפייזען, ווייל דיא רייזע וואס איין יעדער מאכען מיז, איזט זעהר איינע ווייטע רייזע, אונ אויך זעהר איינע געפעהרליכע רייזע, אויך בעקימט מען גאר נישט אויף דעם וועג צו קויפען פאר אלען געלד, [ומי שלא היכן מערב שבת מה יאכל וכו'] דער וואס בדייט זיך נישט אהן אויף דיא וועלט, דער מיז פארהינגערן אויף יענע וועלט. אונ דיא אלע מעלות טובות וואס מיר האבן דא געשריבען קאן מען נאר גע־פינען ביי אזו איין מענש וואס איז נישט ערווייטערט פון דיא תורה ביי אזו איין מענש אבער וואס האט זיך איינגעוויינט מיט אלע תענוגים אונ תאות עוה"ז, וויא קימט איהם אוים זיך צייט צו נעמען תורה צו לערנען, איבער דעם [מי האיש החפץ חיים] דער מענש וואס בינעהרט צו ערלאנגען דאס חיי נצחיות, אונ וויל זיך מציל זיין [מרדת שחת] פון צו נידערן אין דיא פינצטרע גריב, דער זאל זיך שטארקען קייגען דעם יצר, זיך מסתפק במועט צו זיין, זיך צופרידען צו לאזן מיט וועניג עסן, אינ וועניג טרינקען, אונ נישט מיט טהייערע קליידער, אונ אויך מיט מיטעלמעסיגע וואהנונג, אלעם נאך וועניגער לויט זיין שטאנד איז, אונ זאל זיך נישט לאזן אבפיהרען פון יצר וואס דעם מענש רייטצען טיט, זיך אזו צו פיהרען וויא אנדרע מענשן פיהרען זיך, נאר ער זאל זיך בעסער לאזן פיהרען פון דעם שכל, דער יצר טוב, זיך אזו צו פיהרען וויא דיא עובדי השם, וואס זענען זיך מסתפק במיעוט, אונ דאס איבריגע טיהן זייא אויסגעבן אויף צדקה צו דיא ארימע בני התורה, אונ צו דיא עניים מהוגנים, אונ זאל זיך קובע זיין צייטען תורה צו לערנען, [כי זה חלקינו

מכל

מכל עמלינו] ווייל נאר דאס אליין איז אינזער מהייל פין אלען אינזער בעמיהונג אויף דיא וועלט. אבער דאס זאל זיך קיינער איינרעדן איך וועל פאר מיין געלד דיא וועלט גענימען אונ וועל מיר אללע תענוגים אן טיהן, אונ וועל אויך דאצו דעם אייבערשטן דינען, ניין ווייל דאס אזוי זאך איזט וואס גאר אנמעגליך איז. ווייל אזוי וויא עס איז נישט מעגליך צו האלטען אין איין כלי פייער מיט וואסער, אזוי אויך איז נישט מעגליך דאס עס זאל זיך געפינען אין אזוי הארץ עבודת השם, וואס איז פיל מיט דיא תאות עוה״ז, ווייל איינס צום אנדערן איינע צרה איז. [אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך] ווען דיא וועסט אזוי טיהן וועט דיר וואהל זיין אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט:

## מהירות

מהירות, מאניכעס מאהל איז דיא מדה פין מהירות זעהר גוט אונ אויך נייטיג, אזוי וויא עס שטייט [חזית איש מהיר במלאכתו לפני מלכים יתיצב] דער וואס איז גערישט אין זיין ארבייט, דער איז ראוי פאר קעניגען צו שטיין, דאס איז געמיינט בייא איינע מצוה זאך, תיכף וויא עס טרעפט זיך איהם איין מצוה צו טיהן, זאל מאן עס תיכף מקיים זיין, אונ נישט פארשיבען אויף שפעטר. ווייל עס איז צו בעזארגן דאס עס זאל קיין היגדערנים אריין קימען ולכן [מצוה שבא לידך אל תחמיצנה]:

## מתון

מתון ווידער געפינען מיר דאס [מתינות] געלאסענד צו זיין האט זעהר פיהל אין וועהרט, הן בייא וועלט זאכען, והן בייא מצוה זאכען, דאס איז געמיינט פאר יעדע זאך אריין צי קלערן, אויב עס איז ראוי צו טיהן, אונ אויך וויא דארף דיא זאך געטיהן צו ווערן, אונ ווערד עס חלילה נישט זיין [מצוה הבא בעבירה], אזוי וויא אויבן געשריבען איזט בסימון הכנה יע״ש:

## מוסר

מוסר, ידוע דאס איז וואהל בעקאנט, אונ מפורסים דיא מעלות טובות וואס קימען פין ספרי מוסר לערנען, עס שטייט איין פשט אויף דעם וואס דיא חכמים האבן געשריבען, דאס הקב״ה זאגט [בראת

יצר הרע, בראתי לו תבלין, זו תורה] איך האב בעשאפען איין יצר הרע, האב איך ווידער קענען איהם בעשאפען דיא תורה, וואס איז איין היילמיטעל צו קענען מיט דיא תורה דעם שטארקן יצר בעצווינגען, אונ אויך דאס וואס מיר געפינען וואס דיא חכמים ז״ל האבן גיזאגט [אם פגע בך מנוול זה, משכיהו לבהמ״ד] ווען דער יצר ווערד צו דיר קומען דיך אנצירעדן צו איינע עבירה, אזו זאלסט לויפען אין בית המדרש תורה צו לערנען, ווען דער יצר ווערד אפילו אזו שטארק זיין וויא אייזען, ווערד ער צופארט מוזען צושמעטערט ווערן, דאס דאס אלעם איז נאר געמיינט אויף דעם לימוד אין דיא ספרי מוסר, ועל פי רוב דער וואס לערנט נישט עפטערס אין דיא מוסר ספרים, דער שפירט נישט דעם טעם פין יראת שמים, ויראת חטא, עהער קאן מען ביא איהם געפינען פיהל גאוה אונ איינרעדיניש, מחמת וואס אלע זיינע התנהגות זענען ביא איהם זעהר גיט אונ ראכטפארטיג, אזו ממילא האלט ער זיך פאר איין איש כשר וישר, אפילו דאס ער הערט יוא איינמאהל שטראף רייד, וויא דער בר ישראל זיך צו פיהרען דארף, אזו גיט וויא קענען גאט, אונ קענען מענשן, צופארט מאכט דאס גאר קיין איינדריק ביא איהם, אונ ווערד גאר נישט מתעורר דאפין, צו פארלאזן זיין שלאכטען וועג, וויל ער איז שוין גאר נישט מעהר מרגיש, אזו וויא דאס פלייש פין דעם מת, וואס שפירט נישט מעהר דאס מעסער, וויל זיין הארץ איז איהם פארפעצט מיט הלב, מחמת דיא פיהל עבירות וואס ער בכל יום, ובכל שעה עובר איז, וואס דיא עבירות טיהן דעם מענש זיין הארץ פארשטאפען, אזו וויא עס שטייט ביא דיא רשעים [רשעים בחייהם נקראים מתים] דיא רשעים ווערן נאך ביא זייער לעבען אנגערופען מתים, וויל זייא זענען אזו וויא געשטארבען, וואס טיהן שוין גאר נישט מעהר מרגיש זיין אן יראת ה׳, וויא דער מענש דארף זיין בעשעפער צו דינען מיט יראה, אונ אהבה, ומחמת זה ווערן זיירע אלע מצות געטיהן אהן חשקות, אונ אהן שמחה, אויך זענען זייא זיך גאר נישט מצער איבער זיירע פיהל עבירות, וויל דאס ווענט זיך נאר אן טהרות הנפש, וויא וייט דיא נשמה ריין איז פין עבירות, אזו וייט איזט אויך דיא הרגשה, צו שפירען איין תענוג נפלא ביא יעדע מצוה, אונ גראס צער פין יעדע עבירה, אונ כדי זיך צו קענען פארשאפען איינע ריינע נשמה, אונ הרגשות הלב, דאס קאן מען נאר ערלאנגען דורך דיא ספרי מוסר, וויל דאס איז אזו וויא איין לייטער וואס

שטייט אויף דיא ערד. אונ מען קאן דורך איהר שטייגען אויף דעם העכסטן שטאפעל. אזו אויך קאן מען דורך דעם עפטערס לערנען אין דיא ספרי מוסר צו שטייגען עד למעלה. ביז צים הימעל ווייל נאר דורך זייא קאן זיך דער מענש לערנען זיך צו פארכטן פאר גאט ב"ה. אונ וואס מעהר וואס מען לערנט אין דיא ספרי מוסר. וואס מעהר טיהט דער מענש ערפאהרען וויא ער איז געבאך בילאדענט מיט פיהל עבירות. אונ מיט פיהל עונות ופשעים אזו וויט דאס [מכף רגל ועד ראש] איז ער פיל מיט עבירות. אונ קודם זה. איי ער האט דאס גזעהן שטיין אין ספר. דאס דאס. אונ דאס איין עבירה איז. האט איהם נישט איינמאהל געטרוימט דאפין. דאס דאס אונ דאס זאל איין עבירה זיין. אונ נאר ערשט אצינד מחמת וואס ער לערנט עפטערס אין דיא ספרי מוסר. אזו געפינט ער יעדען טאג מעהר. אויף וואס אלעס ער האט ביז אהער עובר גיוועזן. דהיינו אויף גזל. שבועות שוא ושקר. ליצנות. חנופה. שקרים. ברכות לבטלה. אונ אז מען פארפעהלט ווארטער אדער אותיות פין דער ברכה. הייסט עס אויך ברכה לבטלה. [ונהנה בלא ברכה] עפעס צו געניסען אהן ברכה ראשונה ואחרונה. צו רעדן בדברי משא ומתן אן שבת ויום טוב. צו רעדן בדברי חול אין שיהל. אדער מפסיק צו זיין פין מיטען לערנען צו דברים בטלים. אונ ביטול תורה כנגד כולם. ביטול תורה איבערוועהגט קעגען אלען. ווייל נאר דורך ביטול תורה. קומט מען אויף דען אלען עובר צו זיין. וכהנה וכהנה. אונ נאך מעהרע עבירות וואס עס איז זעהר לייכט אויף זייא יעדען טאג עובר צו זיין. אונ אויך מעהרע מאהל אין איין טאג. ווייל דער הרגל פין מענש ווערד בייא איהם אזו וויא איינע טבע. אונ ציפארט פאלט עס איהם נישט איינמאהל איין. זיך איינמאהל צו איבערדענקן צו פארלאזן דעם שלאכטן וועג [כי מאין יבוא להיות זהיר] וויא זאל עס איהם איינפאלען. ווען ער ווייסט גאר נישט אויב ער עפעס שלאכטץ טיט. אין זיינע אויגען האלט ער זיך נאך פאר דעם איש צדיק ותמים. מחמת וואס ער געפינט אייביג נאך שלעכטערע מענשן פין איהם. קעגען שלאכט. איז ערע מאהל פארדאנגען נאך שלעכטער. אזו ממילא ווייל ער אין זיינע אויגען איין צדיק אונ ראכטפארטיג איז. אזו ברענגט דאס איהם אויף אנדרע מענשן ביז צו רעדן. אונ ארויס ציזיכען אנדרע מענשנס פעהלער. אונ אן זיך פארגעסט ער גאר איז גאנצען. ווייל פאר זיך האט ער שוין אויסגעזארגט:

אמנם

אמנם פארוואהר אבער, ווען ער העט זיך געמאכט איין שיעור יעדן טאג צו לערנען אין איין מוסר ספר, אזו ווערד ער ערשט ערפאהרען וויא וויים אונ טיהף ער געזונקען איז אין יודישקייט, אונ וויא שווער בעלאדענט ער איז מיט פיהל עבירות, דאס ער העט זיך כמעט דיא האר פון קאפ אויסגעריסען פאר גרויס צער, אונ דיא דברי מוסר העט איהם זיין הארץ דורך גיבוירט, אזו וויא עס שטייט [יערוף כמטר לקחי] אזו וויא דער רעגן קאן איין שטיין דורך בוירען ווען עס טוט בעשטענדיג דארויף טריפען, אזו אויך קאן דיא שטראפרייד וואס מען עפטערס לערנט, זיין פארשטיינט הארץ דורך בוירען, צו בעקומען איין [לב בשר], אונ ער העט זיך יעדען טאג מעהר זיינע פארדארבינע מעשים איבערגעבעסערט, אונ העט זיך פון פיהל עבירות אבגעוויינט [ושב ורפה לו] אונ עס ווערד איהם גיוועזן איין רפואה צום נפש; [רק כל התחלות קשות] דאס איז וואהר, דאס אין דיא התחלה, ווערד עס איהם שווער אנקומען, אונ נישט אנגענעהם זיין צו זיטצען איין שעה, אדער נאך מעהר איבער איין מוסר ספר, אויך ווערד עס איהם אין אנפאנג נישט אין הארץ אריין גיין, אבער בלי ספק דאס צום סוף, דאס שפעטער היז ווערד עס איהם שוין ברענגען צו הכנעה, אונ אויך צו שפירען איין גיטן טעם אונ גישמאק אונ ווערד זיך דאדורך מתקן זיין וויא גאנץ איין נייא בעשעפניש, אונ וויל [דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב] איזט גיט זיך צופארשאפען זאלכע ספרי מוסר וואס האבען געשריבען צדיקים וקדושים, דהיינו עפטערס צו לערנען פרק אבות, מנורת המאור, ראשית חכמה, של"ה הקדוש, חובת הלבבות, אורחות צדיקים, אונ ווידער דיא מענשן וואס בדויכען ספרים אויף עברי טייטש, זיך צו פארשאפען יודיש טייטשע ספרים, דהיינו שבט מוסר, קב הישר, שמחת הנפש, וכדומה, אויך איז גיט עפטערס צו לערנען אין דיא נייע ספרי מוסר, דהיינו דאס ספר עת לעשות, אונ פלא יועץ, וייל מען געפינט דארט זאלכעס מוסר, וואס עס געפינט זיך נישט אין דיא אלטע ספרי מוסר, וייל יעדעס דור דארף איין אנדער ארט מוסר, לויט מיט וואס זייא פארדארבען זענען, אפילו אויך דער וואס קאן וואל לערנען, איז אויך מחויב יעדען טאג עפעס מוסר צו לערנען, [כי לא המדרש עיקר, אלא המעשה] נישט דאס לערנען אליין איז דער עיקר, נאר אויך מקיים צו זיין וואס מען לערנט, אונ וואס גרעסער מען איז אין לערנען, וואס מעהר טיהט זיך

דער

# שיח מוסר יצחק

דער יצר אויף איהם שטארקען, איהם צו מאכען זינדיגען :

בזמן הזה גיבט פיהל מענשען וואס מאכען זיך איין גישעפט אום מוסר לערנען וואס זאגען ווער תיים דען נישט, וואס אסור איז. אונ וואס מען דארף נישט צו טיהן. אבער דאס זאגען זייא גאר נישט. נאר דער יצר טיט זייא דאס אזו איינבילדען, כדי דאס זייער לערנען זאל אויך נישט אין ווערט האבען. וואס פאר איין געווין האט אזו מענש פון זיין לערנען, ווען תיכף וויא ער אוועק גייט פון לערנען, טיהט ער עובר זיין אויף פיהל לאוין מן התורה, עס שטייט דאך געשריבען [ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי], אונ אז ער לערנט איין שעה איין שיעור גמרא, איז ער שוין דארויף פיל מיט גאוה, וואס רעט זיך איין, איך בין ב"ה דער ערליכער יוד, אונ למדן, איך קאן מיך ב"ה אויף יעדען ארט פון לערנען אנריפען, עס פאלט איהם אבער גאר נישט איין, דאס דורך זיין גאוה, האט איך זיין לערנען גאר נישט אין ווערט, ווען ער העט אבער אויך גילערנט עפעטערס אין דיא מוסר ספרים, אזו העט ער בודאי קיין גאוה גיהאבט מיט זיין ביסל לערנען, מחמת וואס ער העט שוין גיזעהן, דאס זיין אויספיהרונג אנדערש איז, לויט וויא עס שטייט געשריבען, אויך העט דאס איהם גיברענגט צו לערנען לשמה [על מנת לקיים] מקיים צו זיין, וואס אין דיא תורה שטייט: אונ דאס איז נייטיג צו דענקען וואס מיר האבען אויבען געשריבען אין דיא פתיחה פון ערשטען טהייל, דאס נישט מיט איינמאהל דורך לערנען דאס מוסר ספר, קאן מען זיך שוין מתקן זיין, אונ אויסבעסערן זיין הרגל פון אזו פיהל יאהרן, נאר דאס מוסר ספר דארף אזו גילערנט צו ווערן וויא איין אנדער לערנען, אונ איך גאנץ לאנגזאם, אונ איין זאך איינינגע מאהל צו לערנען, [כי טוב מעט בכונה וכו'] עס איז בעסער ווייניגער צו לערנען, נאר זיך דאפין איין מוסר ארויס צו נעמען, איי פיהל צו לערנען אונ עס זאל איהם גאר נישט אין קאפ בלייבען, ווייל אזו לערנען הייסט נישט [על מנת לקיים] עס איז איין יושר דיא פתיחה פון ערשטען חלק עפטערס דורך ציזעהן מיר זאלען זוכה זיין צו לערנען [לשמה על מנת ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים] :

# מחשבה טובה

מחשבה טובה אן דיא מחשבה טובה איז אנהעגניג דיא גאנצע עבודה,

אזו

אזו וויא מיר האבן אויבען געשריבען [בסימון לב טוב ייע"ש]. עס ווערד גיברענגט אין זוהר הקדוש דאס לויט דיא מחשבות וואס דער מענש טוט טראכטן, אזו טוט ער אויך זיך ממשיך זיין. טוט ער מחשב זיין בדברים שבקדושה, טוט ער אויך זיך ממשיך זיין קדושה. טוט ער אבער טראכטן חלילה בהרהורים רעים, אזו טוט ער אויך זיך ממשיך זיין טומאה ר"ל אונ טוט מטמאה זיין, זיין נפש. עס גיבט פיהר מענשן וואס ווייסען גאר נישט פון דיא גראסע מעלה אז מען בעשטרעבט זיך אייביג אין דיא געדאנקען צו האבען מחשבות טובות, אונ ווידער דעם גראסן פגם, וואס מען איז זיך גורם דורך מחשבות רעות ר"ל, לכן איז ראוי [לכל אשר בשם ישראל יכונה] זיך צו שטארקען [ברוב עוז ותעצומות] מיט זיין גאנצען כח אונ קראפט אייביג צו טראכטן מחשבות טהורות, וטובות, זאלכע זאכען וואס ברענגט דעם מענש צו יראה, אונ אהבה, דהיינו וויא דער מענש איז מחויב זיך צו פארכטן פאר השם יתברך, אונ איהם ליעב צו האבן אהבה רבה, אונ דעם חיוב זיך צו בעגרייפען אן דיא מדה טובה פון ענוה ושפלות, אונ אויך אן אנדרע מדות טובות וישרות, אויך איז אין דעם כלל צו טראכטען אן דעם [רוממות השם יתברך] גראסהייט פון הקב"ה וויא ער דיא גאנצע וועלט ערשאפען האט כרצונו, אונ וויא ער טוט משגיח זיין אויף דיא גאנצע וועלט [בשמים ממעל, ועל ארץ מתחת] בכל רגע ורגע, אויך דארף מען זיך עפטערס צו ערמאנען אן דעם וואס מיר זאגען יעדען טאג אין דיא ברכה פון יוצר אור [יוצר משרתים וכו' כלם אהובים, כלם ברורים, כלם גבורים, וכלם עושים באימה וביראה רצון קוניהם] וויא דיא היילינע מלאכים אין הימעל טוהן מיט פארכט אונ אנגסט, אונ מיט גראס ליבשאפט דעם רצון פון זייר בעשעפער, אונ וויא דיא אלע היילינע מלאכים טוהן אויך זיך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים בקדושה ובטהרה, מיט שירות ותשבחות, דאס אליין דארף דעם מענש מתעורר צו זיין, אויך הקב"ה ליעב צו האבן, אונ זיך פאר איהם צו פארכטען, אונ צו אנגסטען, נישט עובר צו זיין אויף זיין געבאט:

אויך איז גוט מחשב צו זיין, אן דיא ניסים ונפלאות, וואס ער מיט אינץ יודן געטוהן האט אין לאנד מצרים, אונ אין דיא מדבר, וויא אויך ביא דעם בית ראשון, אונ אויך אריין צו קלעהרן אן דיא גראסע אונ אויפענבארע השגחה וואס ער האט נאך אויף אונז יודן, אין דעם לעצטן גלות, וויא מיר האבען איין קיום אונ איין בעשטאנד, צווישען אזו פיהל פעלקער

טראכט דעם וואס מיר זענען פון זייא אבגעשיידען מיט אלדינג, הן מיט עסין, והן מיט דיא מלבושים, והן מיט דעם לשון, אונ מיט שבת האלטען, אונ נאך דער גלייכען, ועל כולם דיא גראסע [שנאה כבושה] וואס זייא האבען אייביג אויף אינז יודען, אונ ציפארט נאך דען אללען האבען מיר דא אין דעם גלות איין בעשטאנד, אונ נאך מעהר, דאס מיט אטייהל זאכען לעהבען מיר נאך שענער אונ בעסער פין זייא, אונ דאס גאנץ געמיינע פאלק פין זייא לעהבען מיט פיהל שטאפלען נידריגער אונ שפלר פין דיא נידריגע קלאס פין מיר יודען, דער מענש וואס אין דעם בעטראכטען טיט, זעהט אוינגענשיינליך דיא גראסע אונ אפענבארע השגחה וואס דער ערבארימיגער גאט אויף אינז האט, אזו וויא ער האט אינז מבטיח געוועזן דורך זיין קנעכט משה רבינו ע"ה [ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם, לא מאסתים ולא געלתים לכלותם וכו'] אונ נאך מעהר זאלכע מחשבות טובות וואס ברענגט דעם מענש צו אהבת השם יתברך, אונ צו עבודת השי"ת דהיינו צו טראכטען מיט וואס, אונ מיט וועלכע תחבולות וועל איך מיך קענען פין דיא מדה רעה אבגעוויינען, אדער דאס, אונ דאס אויסבעסערן וואס נייטיג איז מתקן צו זיין צו עבודת השי"ת: אדער זיך אין דיא געדאנקען צו נעמען דיא תורה אדער מוסר וואס מען האט דעם זעלבען טאג גילערנט, וכדומה, אויך איז אין דעם כלל מקיים צו זיין וואס אויבען געשריבען איזט [באות ז סימון זכירה עיי"ש] דהיינו עפטערס צו זאגען אדער אין דיא געדאנקען צו האבען, זאלכע פסוקים וואס טיט ערמאנען אן דעם גדלות השם יתברך, דהיינו [גדול ה' ומהולל מאוד, ולגדלתו אין חקר, אונ לך ה' הממלכה ומתנשא לכל לראש, אונ לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד, אונ מה רבו מעשיך ה' כלם בחכמה עשית, אונ שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה, המוציא במספר צבאם, מרוב אונים ואמיץ כח איש לא נעדר, אונ גדול העצה, ורב העליליה אשר עיניך פקוחות על כל דרכי בני אדם, וכדומה, דיא אלע פסוקים איז גיט צו קענען אויסווענדיג, כדי צו יעדע צייט וואס עס ווערד נאר זיין דאס גילעגענהייט דאצו, זאל מען קענען דיא [פסוקים זאגען, אדער עס צו טראכטען אין דיא גידאנקען, דאס אלעס וואס מיר האבען דא געשריבען, זענען מחשבות טובות, וואס מען איז פאר זאלכע מחשבות מקבל שכר, אונ דאס טיט אויך דעם מענש רייניגען זיין נפש, אונ עס טיט איהם מסייע זיין צו עבודת השם יתברך: וכל זה דאס אלעם וואס

אויבען געשריבען איזט. האט דיא תורה הקדושה מרמז געוועזן אין דיא פרשה פין קריאת שמע [והיו הדברים האלה וגו׳ על לבבך וגו׳ בשבתך בביתך ובלכתך בדרך, ובשכבך, ובקומך] איז דיא כוונה פין דעם פסוק, דאס מען זאל אייביג גידענקען אן הקב״ה, עס זייא ווען מען איז אין הויז, אדער ווען מען גייט אין וועג, אויך ביים לייגען גיין, אונ ביים אויפשטיין אונ אויף דעם פסוק [אל תפנו אל האלילים] זאגען דיא חכמים דעם פירוש [אל תפנו אל מדעתכם], דאס הייסט, דיא זאלסט דיין מחשבה נישט ווענדען צו נארהייטען כדי דאס זאלסט קיין מאהל אן גאט ב״ה פארגעסען, אין פרק אבות האבן מיר אויך גילערנט [המפנה לבו לבטלה, הרי זה מתחייב בנפשו] דער וואס טוט זיין הארץ ווענדען צו לעהרע זאכען, דער איז מתחייב בנפשו. אונ באמת איז דאס איין גראס שטות, אונ אויך והסתת היצר], דאס אין דיא צייט וואס מען קאן טראכטען במחשבות טובות, וואס ברענגט דעם מענש צו אהבה, ויראה, אונ מען איז מיט דעם מקיים מצות מדא׳רייתא, אונ מען איז מקבל שכר דאפיר, זאל מען זיין הארץ ווענדען לבטלה, צו לעהרע זאכען, אדער גאר חלילה מהרהר צו זיין בהרהורים רעים, וואס מען איז דאפיר מקבל עונש, אויף דעם זאגט דער פסוק [אותי עזבו מקור מים חיים וכו׳] מיך הקב״ה וואס איך בין אזו וויא פיין קוואל וואסער, טיהן זייא פארלאזען, אונ טיהן זיך אויפהאבען ברינגען מיט פארשטינקען וואסער: [והן אמת, כי יצר לב האדם רע מנעוריו], דאס איז וואהר, דאס יעדער מענש האט איין יצר הרע, באלד פין דיא יוגענט אן, אונ דאדורך איז ער נישט אין זיין מאכט צו גיוועלטיגען איבער דיא מחשבות, נאר איבער זיין דאנק, קימען איהם פארשידענע גידאנקן אין זין אריין צופארט איז דער חיוב אויף אינץ יודן גיווארפען יעדעס מאהל צו פארוועקסלען דיא מחשבות בטילות, אונ דיא מחשבות רעות, אויף מחשבות טובות, אפילו הינדערט מאהל אין איין טאג, אונ דער געווין פין דעם ווערד זיין [שמסייען אותו מן השמים], דאס מען ווערד איהם מן השמים מסייע זיין, ניצול צו ווערן פין מחשבות רעות, ולכן [הירא את ה׳] יעדעס מאהל וואס עס קימען איהם אין דיא געדאנקען לעהרע מחשבות, ומכש״כ שלאכטע מחשבות ר״ל, זיך צו שטארקען [בכל עוז] מיט גיוואלט דיא מחשבות צו פארטרייבען מיט ביידע הענד, מען דארף זיך פארצישטעלן, גלאך ער העט אריין גיפאלען אין יטיפען ים, כדי זיך צו שטארקען פין דארט ארויס צו קימען, אונ זאל שרייען

צום

צים בעשעפער אין הימעל, העלף מיר אדונינו המלך, [והצילנו ממיט ואל אטבעה] בישערעם מיך מיין פאטער אונ קיניג פון טיפען ליים, דאס איך דארט נישט פארזינקען זאל :

צו קענען מבטל זיין דיא הרהורים רעים ווערד געברענגט אין דיא ספרי מקובלים, צו זאגען, אדער זיך מכווין צו זיין דעם שם [קרע שטן] מיט זאלכע נקודות וויא דא שטייט, אויך איז גוט כדי מבטל צו זיין דיא הרהורים רעים, צו זאגן דעם פסוק [אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה], אונ דעם פסוק [סעפים שנאתי, ותורתך אהבתי] אונ צו זאגן דרייא מאהל דעם פסוק [לב טהור ברא לי אלהים, ורוח נכון חדש בקרבי], אונ זאל זיך יעדעם מאהל דיא האנד טיהן אויף דעם שטערן, ווערד עס איהם בעזר האל העלפען, רק בתנאי זה זיך מתחזק צו זיין צו טראכטען במחשבות טובות :

[אמרו חז״ל] דיא חכמים האבן גיזאגט [הרהורי עבירה קשה מעבירה], אז מען איז מהרהר אין איין עבירה, איז דער חטא נאך גרעסער פון דיא גופי עבירה, אונ הרהורי עבירה הייסט, אז מען איז מהרהר צו טיהן וואס אנראכט איז, הן צו גאט אדער צו מענשן, אדער אז מען איז מהרהר פון איינע אשה,

ולכן מיז מען זעהר גיוואהרנט זיין, זאלכע מחשבות תיכף פון זיך צו פארטרייבען, ווייל דאס קאן לייכט גורם זיין חלילה נכשל צו ווערן מיט דיא הארבע עבירה פון [זרע לבטלה], וואס דער עון פון דעם נאך הארבער איזט, פון רציחה, דער זוהר הקדוש איז זעהר מחמיר בעון זה, וואס דיא האר פון מענש שטעלין זיך אויף פאר פחד ומורא, זעה אין ערשטען חלק באות ז׳ סי׳ זנות] דאס פאר דעם עונש איבער דיא עבירה, דארף מען נאך מעהר צי ציטערן, וויא פאר דעם טוהט ר״ל, ולכן דער וואס וויל זיין גאטס פארכטיג, אונ וויל זיך היטען פון אונגעהערבארמיגע עונשים, דער זאל זיך איינצווימען, אונ זיך צו מאכען [משמרת למשמרת] כדי ניצול צו ווערן פון הרהורים רעים, אונ דער גרעסטער גדר איזט [לעצום עיניו מראות ברע], זיינע אויגען צו היטען פון צו זעהן אויף ערוות, אונ פון אנדרע נשים, ווייל דיא אויגען, אונ דאס הארץ זענע דיא צווייא מעקלערס פון אלע עבירות, דאס אויג זעהט, אונ דאס הארץ טראכט, אונ דיא איבריגע אברים טיהן דיא עבירה גומר זיין, דיא

תורה

תורה הקדושה, האט דאס דאזיגע פארבאטען מיט איין לאו. [ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, אשר אתם זונים אחריהם] דאס הייסט איהר זאלט נישט נאך גערן, נאך דעם גלוסטונג פון אייער הארץ, אוג נישט נאך איירע אויגן, דער איסר פון צו זעהן אויף ערוות, אפער דעם וואס דאס איז גורם נכשל צו ווערן מיט דיא הארבע עבירה פון ז"ל איז דאס אליין פאר זיך איינע הארבע עבירה, וואס מען איז עובר מיט דען בלויסען קוקען, אויף איין לאו אויך איז ראוי דעם המון עם מודיע צו זיין, אוג צו וואהרנען זיך צו היטען בשעת מען איז בבית הכסא, אדער בשעת מען שטייט [במקומות המטונפים] אויף זאלכע פלעטצער וואס נישט ריין איזט פון צואה, אדער ממי רגלים, נישט מהרהר צו זיין בדברי תורה ה', אוג אין קיין שום דבר שבקדושה, ולכן איז איין עצה טובה, אין דיא צייט וואס מען איז בבית הכסא, זיך אין דיא גידאנקען צו נעמען זאלכע ענינים פון גישעפט זאכען, אדער אין אנדערע נייעקייטען פון דיא וועלט ובדומה:

# משא ומתן

משא ומתן, ידוע, דיא ערשטע שאלה וואס מען פרעגט ביום הדין הגדול בעולם האמת, איז [נשאת ונתת באמונה] האסט דיא עהרליך גיהאנדעלט, ובעוה"ר בדור הזה האט כמעט אויפגיהערט דיא אמונה, מחמת וואס פיהל פון דעם המון עם רעדן זיך איין [ודברים של הבל] דאס אין דיא יעצטיגע צייט, וואס דיא פרנסה פון מענש קומט זעהר שווער אהן, דער וואס וויל זיך פיהרען ביים משא ומתן באמונה, דער קאן נישט איינמאהל פארדינען אויף בלויז ברויט צום עסן, אוג דורך דיא פאלטשע טענה, איז עס וויווארן ביא זייא פאר איין היתר גמור, צו טיהן עולת אוג אונראכט, אוג פאלשקייט אויך ליגענט צו רעדן, אוג צו גינארען, צו גנבנן, צו גזלן, מסיג גביל צו זיין, איינער קעגען דעם אנדערן, חוץ דעם וואס מען

מען ערלויבט זיך מבטל צו זיין פון תורה לערנען, וואס קיקען די גאנצע וואך קיין יודיש ספר אהן, און אויך וואס מען איז זיך מתיר מבטל צו זיין תפלה בציבור, וואס דאווינען די גאנצע ימי החול אין דער היים, מאניכע פושעים טיהן זיך שוהן גאר מתיר זיין, מחלל שבת צו זיין פיר פרנסה וועגען, און עס פאלט קיינעם איין, אבציקעהרן פון זיין שלאכטען וועג, כדי זיך מציל צו זיין פון אזו פיהל זינד, און מיסטייט. [אוי לנו מיום הדין] ווייא איז צו זאלכע מענשן פאר דעם יום הדין, זעהע נאר מיין פריינט, די תחבולות פון יצר, וויא ער מיט די מענשן פארבלענדען, און מאכט זייא גאנץ פארגעסן, וואס ער איז. בין איך איין יוד, אדער נישט, און מאכט איהם, גאנץ פארגעסין, דאס ער וועט מיזען דין וחשבון אנגעבען [על כל מעשיו] אויף אלע זיינע אויפפיהרונג, ובפרט אויף דעם גראבן חטא פון גזל, וואס דאס האט גורם געוועזן דאס מבול צו ברענגען אויף די וועלט, זייער אויפיהרונג אויף די וועלט, איז אזו וויא די וועלט, ווער חלילה הפקר אהן אויפזיכט. דאס איין יעדער מענש איז אין זיין מאכט צו טיהן וואס נאר זיין הארץ גליסט, [הוי שוטים, יושב בשמים ישחק] דער בישעפר אין הימעל לאכט אויס זייא, ווייל זייער צאהל טאג, וועט איין מאהל קימען, [ועל הכל יבוא אלקים במשפט] וואס זייא וועלין מיזען דין וחשבון אנגעבען איבער אלעם, זעה נאר, וויא מען נארט זיך זעלבסט אליין. אז מען פרעגט, זאלכע מענשן, האסט די, די אמונה אן השם יתברך, אזו ענטפערט ער באלד דארויף, ווארים נישט, ווער דען פיהרט די וועלט, און גיבט אכט אויף די וועלט, ווער מעהר וויא דער בורא ב"ה וואס האט זיא בישאפען כרצונו, דאס טיהן זייא אבער נאר מיט דעם מויל רעדען, און זייערע מעשים טיהן זייערע אייגענע רייד אין גאנצען אבלייקענען, ווייל דער וואס האט באמת די אמונה אן השם יתברך, דאס נאר ער דער שפייזער איז פון די גאנצע וועלט, און גלייבט אויך דאס דעם מענשס פרנסה ווערד איהם בעשטימט פון איין ראש השנה צו אנדערן ר"ה, דער ווערד בוודאי נישט זאגען, דאס מיט דעם, וואס מען מיט גזלן, און גנבנן, און משיג גביל זיין, וואס דאס אלעם מיט זעהר ערצארנען דעם בישעפער, ווערד מען בעגליקען, און מצליח זיין, [הם מלהזכיר], וויא קאן זאלכעס גאר אויף די געדאנקען קימען אפילו דאס עס טרעפט זיך מענשן, וואס טיהן זיך אזו פיהרען, און טיהן צופארט בעגליקען, אזו זאלסט וויסען, דאס בלי ספק, איז עס

נאר

נָאר [עושר שמור לבעליו לרעתו] נָאךְ פִיר זַייר שְׁלַאכְטָען, כדי זַייא צוּ מַאכֶען פַארְלִירָען פוּן עוה״ב, דָאס זָעלְבֶּע אויךְ, אַז מֶען זָעהְט, אַיין מֶענְשׁ וָואס פִיהְרְט זִיךְ בדרךְ הישר, אוּנ הַאנְדֶעלְט באמונה, אוּנ צוּפַארְט, אִיז זַיין פרנסה בדוחק, חלילה וחס צוּ זָאגֶען, דָאס דוּרךְ זַיין פְרִימִיגְקֵייט הָאט עֶר נִישְׁט, [הס מלהזכיר, השופט כל הארץ לא יעשה משפט], וָוערְד דָען דָער רִיכְטָער פוּן דִיא גַאנְצֶע וָועלְט טִיהְן, וָואס אַנְרַאכְט אִיז, חלילה והלילה גָאר זָאלְכֶע דיעות נפסדות אויף דִיא גִידַאנְקֶען צוּ נֶעמֶען, נָאר דֶער אמת אִיז [הצור תמים פעלו, וכל דרכיו משפט] אַלֶע זַיינֶע ווירְקֶע, זֶענֶען רַאכְטפַארְטִיג, אוּנ אַלֶע זַיינֶע דרכים זֶענֶען מִיט משפט, אוּנ אַלֶעם וָואס עֶר טִיט אִיז לטובת האדם, עֶר וִויל מִיט פְלַייס נִישְׁט גֶעבְּן דֶעם צדיק צוּ גֶענִיסֶען דִיא וָועלְט, כדי אִיהְם צוּ מַאכֶען אַרְבֶּען, דֶעם גְרָאסְן שכר בעוה״ב פִיר אַלֶע זַיינֶע מעשים טובים, אוּנ אויךְ כדי אִיהְם פְרַייא צוּ מַאכֶען פוּן דִיא עוֹנשי גיהנם, אִיבֶּער זַיינֶע פֶעהְלֶער, וָואס עֶר אַיינְמָאהְל גֶעטִיהְן הָאט, [כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא] : עֶס אִיז וָואהְר כל ישראל זֶענֶען [מאמינים בני מאמינים] אָבֶּער נִישְׁט דָאס בְּלוֹיסֶע זָאגֶען, אִיךְ גְלַייבּ אַן הקב״ה, הַייסְט שׁוֹיְן אַיין מאמין, נָאר דֶער וָואס זַיינֶע מעשים טִיהְן זִיךְ פַאר אַיינִיגֶען מִיט דֶעם מויעל, דֶער הַייסְט דֶער אֶמֶתְדִיגֶר מאמין, אַיין מֶענְשׁ דֶעם אַנְדֶערְן, קָאן זָאלְכֶעס פַאר זָאגֶען אִיךְ בִּין אַיין מאמין, אָבֶּער פַאר דֶעם בורא ב״ה, וָואס אִיז אַיין [בוחן לבות], קָאן מֶען נִישְׁט מִיט זָאלְכֶע פַאלְטְשֶׁע רֵייד פַארְקִימֶען, וַוייל עֶר אִיז אמת, אוּנ זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אמת, זַיין חותם אִיזְט אמת, אוּנ הָאט אויךְ לִיעֶב אמת, אוּנ נָאר דֶער אמת הָאט אֵייבִּישְׁטַאנְד אויף אֵייבִּיג :

# מחלוקת

מחלוקת. וִויא גָאר שְׁטַארְעק גִיפֵיינְט אִיז פַאר הקב״ה (מחלוקת) קְרִיג, אוּנ צַאנְקֶערַייא, אַזוֹ וִויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט [בית שיש בו מחלוקת, סופו לחרוב], דָאס הויז וָואס עֶס אִיז דָארְט מחלוקת, וָוערְד צוּם סוֹף חָרוּב, אויךְ שְׁטֵייט וֶוען צְוִוישֶׁען צְוַוייא ת״ח אָדֶער ב״ד מחלוקת אִיז [סופן למות ר״ל], אויף פִיהְל מקומות הָאט הקב״ה מְוַותֵּר גִיוָועזְן אויף דֶעם חטא פוּן עבודה זרה, אוּנ הָאט נִישְׁט מְוַותֵּר גִיוָועזְן אִיבֶּער דֶעם חטא פוּן מחלוקת, אַזוֹ וִויא מִיר גֶעפִינֶען, בַּייא דֶעם דור

אנוש

אנוש, וואס זייא האבן עבודה זרה געדינט, אונ צופארט, האט מען זייא נישט אייער מעניש געוועזן, ביז עס איז געקימען דאס דור המבול, ווייל דאס דור אנוש האבען גיהאבט שלום איינער מיט דען אנדערן, אונ דאס דור המבול, האבן גיהאבט מחלוקת, וואס איינער האט דעם אנדערן גירויבט, אויך בייא דעם דור המדבר, ווען זייא האבען דאס עגל געמאכט, האט זייא הקב"ה מוחל געוועזן, אונ בייא דיא מחלוקה פין קרח, זענען אפילו דיא זייגענדע קינדער פארלענט געווארן, ווידער בייא דעם דור אחאב, וואס האבען ע"ז געדינט, האט מען נישט אייער פין זייא בעצאהלט גענימען, ביז עס איז געווארן צווישן זייא מחלוקת, דאס זעלבע געפינען מיר, אויף אלע מקומות וויא עס איז געוועזן מחלוקת האט דער מידות הדין אן זייא שולט געוועזן, אונ זענן פארלענט געווארן, אונ ווידער דארט וויא דיא מענשן האבען גיהאבט שלום איינר מיט דעם אנדערן, האבען זייא מצליח געוועזן, ירושלים איז נאר הרוב געווארן וועגען מחלוקת, אונ שנאת חנם, אין (פרק במה מדליקין) האבן מיר גילערנט: ר' נחמי' זאגט פין וועגען שנאת חנם, קומט מחלוקת אין הויז, אזו איז דאס גורם, דאס דיא אשה פין דארט מיט מפיל זיין נפלים אונ דיא קינדער שטארבן ווגגע הייט ר"ל, ר' יהושע זאגט (שנאת הבריות) מאכט דעם מענש פארלירען פין ביידע וועלטן, אונ ווייל דער עון מחלוקת אזו גראס איז, אונ אויך דער עונש אזו הארב איז, דארף מען זיך צו שטארקען (בכל עוז ותעצומות), זיך צו ערווייטערן אונ צו ענטלויפען פין מחלוקת, נאך מעהר וויא מען ענטלויפט פאר דעם טוהט:

והנה, נישט דעם מענש איז צו בריהמען דאס ער האט קיין מחלוקת מיט מענשן, וואס ער האט קיין ארזאך דאצו זיך צו קריגען, מחמת וואס זיין בני הבית, וויא אויך אנדרע מענשן, טיהן איהם נישט ערצארנען, נאר אזו מענש איז צו בריהמען אונ איהם צו לויבען, וואס האט יוא ארזאכען דאצו זיך צו קריגען, מחמת אזו גיט זיין איינען בני הבית, וויא אויך אנדרע מענשן, האנדלען נישט קעגע איהם מיט יושר, אונ בעצאהלען איהם נאך פאר גיטין שלאכטין, אדער אזו איינר וואס מען מיט "איהם" אהן בזיונות, גאנץ אמזינסט, אדער אזו איינער וואס האט צו טיהן מיט זאלכע מענשן, בייא זיין נישעפט, וואס טיהן איהם עפטערס ערצארנען, אונ צוזאך, שטארקט ער זיך מיט אלען גיוואלט, דיא מחלוקת צו פארמיידען, וואס לאזט זיך פארשעהמען, אונ ער, מיט קיינעם

פארשעהמען

פארשעהמען, אונ לאזט זיך לעסטערן, אונ ער וויל איין אנדערן נישט לעסטערן, אזו איינער איז רידהמוננם ווערדט, אונ אויף אזו איין מענש זאגט דער פסוק [ואוהביו כצאת השמש בגבורתו], דאס ער איז גאטס ליב האבער, אויך דער פסוק [תולה ארץ על בלימה] קומט צו ווייזען, דאס דיא גאנצע וועלט האט איין קיום אין דעם זכות, פון דעם מענש, וואס שליסט צו זיין מויעל, בשעת אנדרע מענשן קריגען זיך מיט איהם, בעוה"ר אבער האט זיך דער יצר פון מחלוקת, אזו גשטארקט, וואס נישט דאס אליין וואס מען וויל נישט זיין איין [ומעביר על מדותיו], נאר מען קריגט זיך נאך גאנץ אמזינסט, וועגען לעהרע זאכען, דהיינו וועגען דעם נארישן כבוד, אונ בזיון פון מענשן, [ולפי האמת] איז אלעס הבל הבלים, לויטער נארהייטען, דער כבוד פון מענשן, האט נישט אין ווערדט, וויא אויך דער בזיון פון מענשן, איז קיין פארלוסט, דאס עס זאל אין ווערט האבען דאריבער זיך צו צאנקען, אדער מצער צו זיין דער דרך הישר, אונ דאכטפארטיגער וועג, איז זיך אזו נוהג צו זיין ווען יעמאנד פאנגט זיך אהן מיט דעם אנדערן צו קריגען, זאל נאר דער צווייטער שווייגען, איהם נישט צו ענפערן, נאר כל התפעלות צו טיהן צו פאדערן שלום, עס זייא דורך דעם וואס מען מיט זיך ראכטפארטיגען אדער דורך איבערציאונג, בעהטן, אזו איבערדאנק ווערד דער צווייטער אויך מיזן שלום מאכען, ווייל ער ווערד דאך נישט זיך זעלבסט קריגען, ווייל מחלוקת קאן דאך נישט אנדערס עקסעסטירען, נאר צווישען צווייא מענשן, אונ בילייג נאר דיר וואס אלעם מען טיט זיך מיט דעם גיט מאכען, מען פארשפארט צו הערן שומפרייד, אונ דער האס הערט אויף, אונ זייא ווערן נאך גיטע פריינד, איינר מיט דעם אנדערן, אונ דאס אלעם האט נאר גורם גיוועזן, וואס דער צווייטער האט איהם נישט גיענפערט מיט צארען אונ גיבייזער, אבער וויא דאס דאזיגע וואס מיר גישריבען האבען, גיט, אונ ראבט איזט, אזו נאך זעלטענער טרעפט זיך, דאס איינער פון זייא זאל איננוועניגסטענס זיין איין [ואיש משכיל] מיט שכל, נאר תיכף וויא איינער דעם אנדערן טיט עפעס פוגם בכבודו זיין, אזו שפרינגט שוהן דער צווייטער ארויס מיט נאך גרעסערע, אונ שטאכינדע שימפווארטער אונ קיין איינציגער פון זייא וויל אבזיטצען, ווייל לויט זייער פאריקטען פארשטאנד, הייסט דאס איין שפלות, אונ פחיתות הכבוד, יענעם נישט צו ענפערן, אזו ממילא קומט אויס, דאס

דיא

# שיח מחלוקה יצחק

דיא מחלוקה שטארקט זיך, אונ שטייגט (עד לב שמים), ווייל מחלוקה איז גלייך צו איין קליין פלאם פייער, אונ אויך צו איין קליינען פלום וואסער, וואס פון איין קליינעם אויסשפריגג, ווערד איין גראס פייער, אונ איין גיוואלטיגעס, אונ רייסענדעס וואסער, אבר (על פי האמת) לויט וויא דיא חכמים הקדושים האבען גישריבען, אונ אויך איין יעדער בעל שכל דארף צו דעם מסכים צו זיין, דאס דער מענש וואס טוט זיך משפיל זיין, אונ יאגט נאך שלום, וואס טוט דעם צווייטען בעל מחלוקה קיין ווארט ענטפערן מיט קריג, דאס נאר דער איז דער רעכטער בעל שכל, אונ דער פארנינפטיגער מענש, אונ דאס איז ערשט איין ביווייז אויף זיין קעראקטער, אונ שטאט, דאס ער איז איין מיוחס, אונ דער איידלער מענש.

ווען מחלוקת אזו געפיינט איז, ווען עס איז (בין איש לאיש), וויא נאך גאר גיפיינט מיז זיין, אזו מחלוקה וואס איז (בין איש לאשתו) צווישען מאן אונ ווייב, מיר געפינען דאס דיא חכמים ז"ל, האבען פיל תקנות מתקן גיוועזן פון דרכי שלום וועגן, ובפרט פון שלום בית וועגן, אונ דיא תורה האט מתיר גיוועזן אפצומעקן דעם שם, וואס איז געשריבען געווארן בקדושה, כדי שלום צו מאבען (בין איש לאשתו), פון דעם איז אנצילערנען וויא פיהל דער מענש דארף צו ערדולדען אונ סבלנות צו בעווייזען, כדי דאס עס זאל אלע מאהל בייא איהם זיין שלום בית, ולעולם, אונ איבריג דארף מען צו געפינען שכל, בייא דעם עלטערן, אונ גרעסערן, דאס ער זאל כובש זיין דעם יצר, אונ אנצושרייען אן דעם שטן, כדי נישט מחזיק במחלוקת צו זיין, נאר פארקעהרט צו זיין, (אוהב שלום ורודף שלום) ליעב צו האבן שלום, אונ נאך צו יאגען וועגען שלום, ובפרט בין איש לאשתו, אונ דאס איז אין מערהרסטנס מוטל אויף דעם מאן, נישט צוצילאזען קריג אונ ווייל (נשים דעתן קלות) דיא ווייבער זענען זעהר לייכטזיניגע, איבער דעם איז מוטל אויף דעם מאן, מוחל צו זיין אויף זיין כבוד, אונ זיך איינטערטעניג צו מאבען, פון וועגן דעם כבוד, זיין בעשעפער, אונ אויך כדי זיך אונ זיין בני הבית מציל צו זיין פון כמה רעות ר"ל וואס דיא מחלוקת גורם איז אויך דארף מען גיווארנט צו זיין, נישט צו קריגען קעגען מעדערע מענשען, אפילו, דאס זייא טיהן זעהר מיט אנראבט האנדלען קעגען דיר, צופאוט, האבען אלע מאהל מעהרע מענשן דעם פארצאג, געגען איינעם, אונ אז מען זעהט איין

מחלוקה

מחלוקה, אונ מען קאן זיא בקיין אופן שטילען, איז איינע עצה טובה, פין דארט צו ענטלויפען, אזו וויא פאר פייער, כדי נישט אויך אנגעברענט צו ווערן פין דעם פייער, פין מחלוקה, ועל פי רוב טרעפט זיך מחלוקת צווישען ווייבער ווייל עס קענען עהער זיטצען צעהן מענשן מאנספארזאנען מיט שלום, וויא צוויא ווייבער, אהן קריג, איבער דעם כדי צו פארמיידען קריג פין הויז, זאל נאר איינע יעדע בעזונדער וואהנען, ובפרט, דיא שניער מיט איהר שוויגער, אזו באלד וויא מען זעהט נאר דאס עס פאנגט, אהן זיך עפעם קריג צו מאכען, תיכף איין צווישען שייד צו מאכען צווישן זייא, באפאהר דיא קריג זיך שטארקען טוט, אונ נישט צו אבטען אויף דעם וואס עס מיז מעהר הוצאה קאסטען, ווייל מחלוקת טוט דעם גוף אונד דאס געלד פארלענדן: אונ שלום אבער, ברענגט [חיים וברכה] לעבען אונ ברכה אויף דיא וועלט:

# מנחה

מנחה, ידוע, דאס איז ווישענדיך וואס דיא חכמים ז"ל האבן גיזאגט [לעולם יהא אדם נזהר בתפלות המנחה] אייביג זאל מען גיוואהרנט זיין, בייא תפלת מנחה, דהיינו צו דאווענען מיט גראס כוונה, אונ נישט עובר צו זיין דעם זמן התפלה, אונ אויך מתפלל צו זיין אין שיהל בציבור, אליהו הנביא איז אויך ערשט נענה גיווארען בתפלת מנחה, [והן בעון] טיהן זיך פיהל מענשן זעהר מיקל זיין, ערשטענס וואס זייא דאווענען נישט מנחה בציבור, אונ אויך מיט דעם, וואס טיהן זעהר לאנג צעגערין מיט דעם דאווענען ביז נאכט, וואס דאמאהלס איז שוהן דער זמן עובר, אויך וואס טיהן נישט מדקדק זיין צו דאווענען [כהוגן, בכוונה, ומלה במלה], נאר זעהר איילידיג, אונ פארפעהלין אויך כמה אותיות, אדער גאנצע ווארטער, מאניכע דאווענען שוהן גאר קיין מנחה, נאר זייא פארלאזין זיך אויף דעם, וואס וועלין צו מעריב דאווענען צווייא מאהל שמונה עשרה, אונ דאס איז איין גראסר טעות, מען טאר גאר נישט דאווענען צווייא מאהל ש"ע, נאר ווען מען איז איין ראכטער אונס גיוועזן, אבער פארליסט פין געלד ריווח, הייסט קיין אונס, אונ דער וואס דאווענט יוא צווייא מאהל ש"ע אהן איין אונס, איז ער נאך עובר אויף [לא תשא], וואס ער טוט אזו פיהל מאהל דעם שם מעלדן לבטלה, אונ דאס אלעס קומט נאר מחמת דיא שוואכע אמונה, וואס מען האט אן הקב"ה, [כי הוא הנותן

כח לעשות חיל] דאס נאר השי"ת גיבט כח און קראפט פארמעגן צו זאמלען. נאר זייא גלויבען דאס דער מענש האט אין מאכט מיט זיין אייגענען כח צו פארדינען, און אז ער ווערד דאס גישעפט שטיין לאזין אויף איין שעה, כדי מנחה צו דאווענען בציבור, ווערד דאס איהם היזק מאכען פין פארדינסט, אויף זאלכע מענשן קאן מען זאגען [הוי טיפשים הוי שוטים] וויא קאן גאר זאלכעס אויף דיא געדאנקען קומען, דאס מחמת וואס מען גייט דעם בורא עולם דינען, וויד איהם היזק מאכען, און דער וואס טוט אויף זיין געבאט עובר זיין, דער ווערד מצליח זיין, זאלכעס איז קיין ווינדער צו גלויבען, אויף דיא ראבטע כופרים, וואס לייקענען שוין אין גאנצען אב אן דיא השגחה פין הקב"ה, דאס זאלען זאלכעס זאגען, פין זאלכע פושעים איז נישט ווערט צו רעדן, מיר רעדן נאר פין זאלכע מענשען, וואס זאגען יעדען טאג [אני מאמין שהבורא ית"ש הוא הבורא ומנהיג לכל הברואים, וכו'] איך גלייב אמתדיג און וואהרהאפטיג דאס דער בורא ב"ה וב"ש, דער בישעפער אלע וועלטען איז, און נאר ער אליין איז דער רעגירער, און גיוועלטיגער פין אלע בישעפנישן — דעם כלל זאלסט וויסען, דאס דיא מענשן וואס לויפען גאנץ פריה צום גישעפט, און דאווענען נישט אין שיהל בציבור, און אין דיא צייט פין מנחה' טיהן זייא ווייטער עוסק זיין אין גישעפט, איז דאס איין ראיה ברורה, דאס זייא האבען קיין אמונה אן הקב"ה, דאס ער דער משגיח איז אויף דיא גאנצע וועלט, זייא מעגען אפילו זיין פאר חשובים געהאלטען, דאס איז אלעס פאלטש, אזו וויא דיא הייטיגע ווערט פאלטש איז, ווייל דיא אמתדיגע אמונה, מיט קלות ראש, קאן זיך בקיין אופן פעראייניגען, ווייל איינס איז דער נעגען, קעגן דעם אנדערן, [אוי לנו] פין אלען גיטען וואס מיר האבען גיהאבט, איז אינז נישט מעהר איבערגעבליבען נאר דאס איינע, וואס מיר קענען דרייא מאהל אין טאג מתפלל זיין פאר הקב"ה, און דאס דארף גיראכענט צו ווערן שטאט קרבנות, און דאס צווייטע איז, דיא תורה הקדושה צו לערנען און ווען מיר דיא צווייא זאכען מקיים זענען וויא עס גיהער צו זיין, טיהן מיר מיט דעם איין נחת רוח צו הקב"ה, און מיר האבען יוצא גיוועזן [ידי חובתינו], אז מיר וועלין אבער חלילה אן דעם אויך מיקל זיין, נישט אכט צו געבען צו דאווינען בזמנו ובכוונה, און זיך צו מאכען איין שיעור קבוע, יעדען טאג תורה צו לערנען [ומה אנו ומה חיינו], וואס האט שוין אינזער לעבען אין ווערט. אויף

די וועלט, [וויש] עס גיבט מאניכע מענשן וואס האבען ליעב פיהל צו שלאפען, אזו זאגען זייא, וואס, זאל איך טיהן, איך בין איין ראכטער אונס מחמת שינה, עס איז מיר קיין מעגליכקייט פריה אויף צו שטיין, מען ווערד זיך אבער מיט דיא טענה בוודאי נישט קענען פטרן בייא דעם יום הדין הגדול, וייל מען ווערד איהם פרעגען אויב אז עס העט זיך איהם געטראפען, יעדען טאג אייניגע גולדען צו פארדינען, נאר ער האט דאצו געמיזט פריה אויפשטיין, אויב ער האט אויך דאס פארדינסט פאר לאזט [מחמת אונס השינה], ווען מיר וועלין אינץ אזו לאזן פיהרען פין דעם יצה״ר, אין דער פריה צו זאגען איך בין איין אונס מחמת שינה, און מנחה צייט, איז ווידער דער אונס מחמת ממון, מען קאן נישט דאס געשעפט שטעהן לאזין, [תפלה מה תהא עליה, תורה מה תהא עליה] וויא וועלין דיא תפלות, און דיא תורה אויסזעהן, און וואס ווערד מען קענען ענפערן, ווען עס ווערד קימען דער יום פקידה, איין חשבון צו מאכען אויף יעדען טאג בעזינדער, מיט וואס האבט דיא דעם טאג פארוועט מיט עבודת הבורא, אדער וועגען תאוות יצרו, זענען דען מיר נאר בישאפען געווארען בלויס צום האנדלען, און צו שלאפען, וויא ווערד נעבאך אינץ פארדעקען [חרפה ובושה] דאס מיר האבן אינץ אפילו נישט צייט גענימען, פין דעם גאנצען [מעת לעת] דיא פיער און צוואנציג שעה, לכל הפחות צווייא שעה, זייא מקדש צו זיין בלויס פיר עבודת השם יתברך, [וכדי בזיון וקצף], ולכן יודישע קינדער, בני אברהם יצחק ויעקב, לאזין מיר אינץ שטארקען, און שטרייטען קעגען דעם יצר, דעם מלאך המות צו פארלאזין דעם נארישן וועג, און צו גיין [בדרך טובים] אין דעם אמתדיגען וועג: [והרגל נעשה טבע] אזו וויא מען געוויינט זיך, ווערד דאס בייא איהם שוהן איין געוואנהייט זיך אייביג אזו צו פיהרען [רק כל התחלת קשה], עס קומט נאר שווער אהן אין אנפאנג, אבער צו סוף ווערד עס אינץ שמעקען, און זים זיין יעדעס מאהל וואס מען ווערד זיך ערמאנען, דאס איך האב ב״ה אויך עפעס געזארגט פיר דיא נשמה וועגען, און נישט בלויס פיר דעם נארישען גוף וועגין, דעם בויך אנצופילען, וואס דיא וועלט פארגייט, און דיא נשמה האט איין קיום אויף אייביג, וואהל דעם וואס בשעת ער דארף פין דיא וועלט צו גיין, האט ער זיך עפעס מיט צו נעמען אויף צדה לדרך און קאן זיך ביהעפטן אן דיא שכינה:

---

# מסירה

**מסירה**, ידוע וואס דיא חכמים ז"ל האבען גיזאגט, אז אזו איין מענש וואס איז (מוסר דין על חבירו) וואס זאגט, דער אייבערשטער זאל זיך מיינער אנעמען, אונ זאל דיך שטראפען פיר מיינעט וועגען, דאס דער מענש טוט זיך מיט דעם זעהר פיהל שאדען, וועיל אין דיא זעלבע רגע וואס ער אזו זאגט, טוט מען איהם אין הימעל דן זיין, אוב ער איז ווערט, דאס מען זאל יענעם שטראפען פיר זיינעט וועגען, אזו איז דאס נאך גורם, וואס מען טוט איהם פריער שטראפען [ועל פי רוב] איז דאס דאזיגע בנמצא, בייא דעם המון עם, מחמת וואס זייא וויסען נישט, וואס דאס גורם איז, אונ באמת דארף מען זיך איבער קיין איינציגע זאך מצער צו זיין, (וכי ה' אמר לו קלל) אלעס אנראכט וואס דעם מענש געשיהט, איז אלעס אזו איהם בישעהרט פון אייבערשטען, אונ ווען ער פארקעהרט (ברצות ה' דרכי איש, גם אויביו ישרים אתו) דער מענש וואס איז געליבט פאר השי"תב, טוהן אפילו זיינע שונאים אויך מיט איהם שלום מאכען, איבער דעם איז דאס איין עצה טובה פיר דעם מענש, זיך צו געוויינען, אויף אלעם אנראכט וואס איהם געשיהט, צו זאגען, געוויס האבען דאס מיינע עונות גורם גיוועזן, אונ זאל נאר שווייגען, דאמאהלס ווירד שוהן דער אייבערשטער ב"ה איין פיר זיינעט וועגען משפטן:

**ויש**, עס גיבט נאך איין ארט מסירה, וואס דיא חכמים ז"ל האבען בייא דעם זעהר מחמיר גיוועזן, אזו וויט וואס (בזמן הבית) האבען זייא מתיר גיוועזן דעם יעניגען וואס אויף דעם עובר איז צו הרגנען, אונ דאס איז איין מסיר, וואס טוט איבער ענפערן איין יודס געלד אדער איין יוד אליין אין גיומס הענד, אהן רשות פון ב"ד, אונ דער וואס גליבט אן דיא רייד פון דיא חכמים ז"ל, אונ האט פאר זיך מורא, דער זאל זיך פאר דעם הארבען חטא, נאך מעהר היטען, וויא פאר דיא שווערט, אונ זאל זיך נישט (מעביד עצמו לדעת זיין), עס איז אויך דעם דאזיגען צו קלאגען וואס מען זעהט געזאך זאלכעס צו פון פיהל מענשען, וואס אויף דעם הארבען עון עובר זענען, דהיינו ווען איינער האט איין סחורה אויסגיהאנדלט בייא איין גוי, מיט דעם אונ דעם פרייז, אונ הערנאך קומען אנדרע מענשען, אונ טוהן דעם גוי ערזעטצען, נאך דיא חשוואה, דיא מענשען זענען ראכטע מוסרים, וואס טוהן מוסר זיין (ממון של ישראל

ביד

ביד גוי] יודנס געלד אין גוימס הענד, און דאצו טיהן נאך זאלכע מענשן מוסיף זיין [חטא על פשע], וואס טיהן נאך מיט דעם מחלל השם זיין, וואס דיא גוים טיהן איבער אינץ יודן מיט דעם קאפ שיטלען, און זאגען, אך וויא פארדארבען, און אנגעזיטעט זייט איהר יודן, [אוי לאזנים שכך שומעות] עס איז קיין גרעסער חילול השם פארהאנדען וויא דאס איז, ולכן ווער עס איז אין זיין מאכט, דאס צו פארמיידען, דער דארף זיך מוסר נפש צו זיין, כדי יודן פון אזו איין פארכטבארען עון צו פארמיידען כדי אבצוטיהן דעם חילול השם, וואס הארבער איז פון אלע עבירות, כדי זיך צו ראכנען [קנאת ה' צבאות]:

# מרירות

מרירות, דער מענש וואס ווייסט דאס ער האט אויף עבירות עובר גיוועזן, דער דארף ביטערליך צו קלאגען, און פיהל טרערין צו פארגיסען, כדי מתקן צו זיין דיא חטאים, ועונות, ופשעים, וואס ער גטיהן האט אזו גיט אין זיין יוגענט וויא אויך אין דיא עלטער, ווען דער מענש העט געוויסט, און פארשטאנען, וויא פיהל שלאכין, און דיא פגמים גדולים וואס ער האט מיט זיינע עבירות גורם גיוועזין אזו גיט וויא צו דיא עולמות עליונים, וויא איך צו דעם עולם התחתון, און וויא פיהל שלאכין ער האט גורם גיוועזן צו זיין נשמה, וואס דער פגם אזו גראס איז וואס דאס מ"יל פין מענש איז גאר נישט אימשטאנד דאס אויסצושפרעכן און פיהל פיכער וועט נישט גענוג דאס אלעם אויף צו שרייבען, אזו העט ער ממילא פין זיך זעלבסט פיהל טרערין פארגאסען וויא איין שטראם וואסער, יעדעם מאהל, וואס ער העט זיך ערמאנט אן זיינע עונות ופשעים, נאר אבער וויל דער מענש פין דעם אלען נישט ווייסט, איבער דעם איז דאס הארץ פין דעם בעל עבירה גאנץ אנבעזארגט און גייט זיך ארים אויף דיא וועלט ליסטיג, אזו וויא איין [בן חורין], און נישט דאס אליין, נאר אפילו אויך בשעת מען טיט וידוי זאגען אדער אנדערע תפלת, קאן מען קיין איינציגע טרער פארגיסען, מאניכע זאגען גאר דיא וידוי וויא איין זמר, מיר האבען שוהן אויבן גישריבען, דאס מיט אזו וידוי זאגען, טיט מען נאך פארגירען (יע"ש), עס טרעפט זיך פיהל מאהל, וואס מען העט גערין מתפלל גיוועזין מיט טרערין, און מען קאן נישט, דאס איז נאר מחמת דיא פיהל עונות פין איהם וואס

מַאכֶען אַיין אַייזֶערְנֶע וואַנְט צְווִישֶׁען אִינְץ, אוּנ צְווִישֶׁען אוּנְזֶער פָּאטֶער אִין הִימֶעל, ולכן אִיז רָאוּי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶען [ברוב עוז ותעצמות] בִּיטֶערְלִיךְ צוּ קְלַאגֶען, ווייל מִיר זֶענֶען גֶעבַּאךְ אַזוֹ שְׁטַארְק עֶרְווייטֶערְט גֶעוואָרִין פוּן דִיא שכינה, וָואס אִינְזֶער הַארְץ אַזוֹ פַארְשְׁטֵיינְט אִיזְט, אוּנ זִיךְ צוּ עֶרְמַאנֶען פוּן דֶעם צער שכינה, וָואס מִיר הָאבֶּען מִיט אִינְזֶערֶע עבירות גורם גִיוֶועזֶן, [והבא לטהר מסייעין אות] אַזוֹ ווֶערְד מֶען אִיהְם מן השמים צוּ הֶעלְפֶען, וָואס זַיין הַארְץ וֶוערְד אִיהְם גִיעֶפְנִיט וֶוערֶן, צוּ קֶענֶען וויינֶען מִיט הֵייסֶע טְרֶערֶן, וָואס דָאס זֶעהְר אַיין דבר גדול אִיז, מִיט דִיא טְרֶערֶן אָבּ צוּמֶעקֶען אַלֶע זַיינֶע עבירות, אוּנ אוֹיךְ צוּ צֶערַייסֶען אַלֶע גזירות רעות, נָאר אָבֶּער [הכל יפה בעתו] אַלֶעס אִיז גִיט אִין זַיין צַייט, אפילוּ צוּ וויינֶען, אוּנ צוּ טְרוֹיעֶרְן אִיבֶּער זַיינֶע עבירות, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גִיט אַלֶע צַייט, נָאר בשעת וִידוּי, אָדֶער בשעת חצות זָאגֶען, אוּנ אוֹיךְ בַּייא תהלים זָאגֶען, בַּייא וָואלְכֶע מזמורים, וָואס מֶען אִיז מתפלל אוֹיף דִיא עבירות, אָדֶער וָואס שְׁמִיסְט פוּן חרבן בית המקדש, אוּנ אוֹיף גלות ישראל, אָבֶּער אִין דִיא צַייט וָואס מֶען זָאגְט פסוקי דזמרה, אוּנ בשעת הלל זָאגֶען, ווִיא אוֹיךְ בשעת תורה לֶערְנֶען אוּנ אוֹיךְ אִין דִיא צַייט וָואס מֶען אִיז עוסק אִין אַיין מצוה, טָאר מֶען גָאר קַיין שום עצבות בֶּעווייזֶען, נָאר נָאךְ להיפוך, מֶען דַארְף אִין דִיא צַייט פְרֵיילִיךְ זַיין, ווייל דִיא עבודה צוּ השם יתברך, מִיז נָאר גֶעטִיהְן וֶוערִין בשמחה, דֶער כלל אִיז, אַלֶעס אִיז גִיט אִין זַיין צַייט, נִישְׁט אַרַיין צוּ מִישֶׁען אַיינְס אִין אַנְדֶערֶן [ובזה יהיה טוב לו וטוב לנשמתו, וטוב לכל ישראל אמן] :

## מתיקות

מתיקות, נָאךְ זִיסֶער פוּן הָאנִיג אִיזְט דִיא צִינְג פוּן אַזוֹ מֶענְשׁ, וָואס מִיט אַייבִּיג רֶעדֶען [דברים רכים], ווייכֶע אוּנ אַנְגִינֶעמֶע רֵייד, צוּ יֶעדֶען מֶענְשׁ, פוּן אַזוֹ מֶענְשׁ, הָאט דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער ב"ה, אוּנ אוֹיךְ דִיא מֶענְשֶׁן אַיין נחת רוח, אוּנ זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אָנְגֶענִימֶען, אוּנ אִיז אוֹיךְ גורם צוּ מֶעהְרִין שלום מִיט יֶעדֶען מֶענְשׁ, ווִיא אוֹיךְ מִיט זַיין ווייבּ אוּנ קִינְדֶער, ווייל [מענה רך משיב חימה] ווייכֶע רֵייד, טִיהְן ווִידֶער זֶעטְצֶען דֶעם צָארְן, וּבפרט אִין דִיא הַיינְטִיגֶע דורות, וָואס מֶען ווִירְקְט גָאר נִישְׁט מִיט זָאלְכֶע שְׁטְרָאף רֵייד, וָואס וֶוערְד גִירֶעט צָארְנִיג, דַארְף מֶען בוודאי אָן דֶעם נזהר צוּ זַיין, יֶענֶעם מוכיח צוּ זַיין מִיט אַיין פְרֵיינְדְלִיךְ פנים,

און מיט אנגינעהמע רייד. הלוואי דאס מען זאל אנעמען דאס מוסר, וואס ווירד פריינדליך גירעט, אויף דעם פסוק [הוכח לחכם ויאהבך] זאגן טייהל דעם פשט, ווען דיא יעמאנדען שטראפן ווילסט זאלסט איהם שטראפן מיט דיא ווארטער, דיא בזט דאך איין חכם, וויא איז דאס פאסענד אויף דיר, דאס דאזיגע צו טיהן, און אזו דארפען זיך אויך צו פיהרען דיא בעלי מ׳היכום, און מוסר זאגער. און אויך איין מענש קעגען דעם אנדערן, און דער בעל הבית מיט זיין ווייב און קינדער, אפילו אויך אין דיא צייט וואס מען רעט צו איהם מיט הארטע רייד. זאל ער דאך נאר ענטפערן [במענה רך] מיט ווייכע רייד, און מיט זיסע לעפצען, שלמה המלך ע״ה האט גיזאגט [ולשון רכה תשבר גרם], דיא ווייכע שפראך, האט אין קראפט איין ביין צו צערבראכען, דאס דאזיגע וואס מיר דא געשריבען האבען, איזט איין קרייטער פון לעבען, וואס איז [טוב לשמים, וטוב לבריות, וטוב לעוה״ז, וטוב לעוה״ב.] און דאס איז איין כלי וואס איז מחזיק ברכה ושלום [ושלום יהיה לנו, ולכל ישראל אמן:]

# מלמדי תינוקת

**מלמדי תינוקת.** דיא מלמדי תינוקת וואס טיהן עוסק זיין אין זייר זאך באמונה [מה טוב חלקם] וויא גאר גראס איזט זייר חלק, וואס אויף זייא זאגט דער פסוק [והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע]. [ולא המדרש הוא העיקר] נישט דאס לערנען אליין איז דער עיקר, נאר [יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ] מען דארף אויך מיט דיא תלמידים צו לערנען דרך ארץ, ומוסר, ומידות טובות, אויך איזט זעהר נייטיג מיט זייא צו לערנען בקיצר דיא אלע דינים וואס נייטיג איז זייא צו וויסן, ועל כולם דארף מען מיט דעם קינד צו לערנען [בהדרגה] שטאפלען וויים, צו שטייגען פון איין מדריגה אויף דיא אנדרע, און דיא בעלי בתים וואס פארלאנגען פון דעם מלמד מיט זיין קינד צו לערנען תיכף אין דיא התחלה גמרא, דיא מאכן מיט דען איין גראסען פעהלער, וייל דאס איז אזו וויא מען בויעט איין הויז אהן איסוד, וואס דאס קיין קיום האט נאר דער סדר הלימוד דארף צו זיין בתחילה זאל דאס קינד קענן גאנץ תנ״ך און אויף יעדן ארט וויא עס איז פון דארט איין מוסר ארוים צו נעמען זאל ער דאס קינד אויף דעם אויפמארקזאם מאכן, אויך איז מוטל אויף דעם מלמד זיינע תלמידים עפטערס מוכיח צו זיין מיט בענעליגטע רייד,

צו פארלאזן די נארהייטן, אונ זייא זעהר צו ווארנען זייא זאלן געווארנט זיין צו דאווענען כהוגן, אונ איך געהעריג ברכה ראשונה ואחרונה צו מאכן איבר יעדן עסן איבער דעם איז דאס איין גראסר יושר אכט צו געבען דאס די קינדר זאלען קענין אויס וועגדיג זאגען אלע ברכות הנהנין אהן פעהלער אויך זייא צו ווארנען פין ליגענט רעדן, אונ פין קללות, אונ פין פארשייטעקייט, אונ דרך ארץ צו האבען פאר עלטערע מענשן, וכדומה [וישמע חכם ויוסף לקח], אונ וויא נייטיג איז דאס זיך צו מאכען איין שיעור יעדן טאג לכל הפחות איין האלבע שעה מיט זייא צו לערנען אין איין מוסר ספר, ווייל דאס איז אזו נייטיג וויא אלעס לערנען, איך דארף ער די זעלבע השגחה צו געבן אויך דעם ארמען תלמיד, וויא אויף דעם רייכן מען דארף זעהר געווארנט צו זיין ביי די [בני עניים, כי מהם תצא תורה] דער מלמד, וואס פיהרט זיך אזו וויא מיר דא געשריבען האבען, דער קאן זיך משמח בחלקו זיין, מעהר פין דעם גרעסטן עושר, ווייל די אלע תלמידים בני תורה, ויראי שמים וואס ער האט מיט זייא געלערנט, ווערן אלע פיר זיינע קינדר גערעכנט [וטוב יהיה לו ולנשמתו]:

# מורא

מורא מיר זעהען געבאטן געווארן אויף מעהרערע מיני מורא, דאס ערשטע איז, וואס די תורה האט געזאגט [איש אמו ואביו תיראו] מען זאל זיך פארכטן פאר די מוטער, אונד פאטער, אבער דאס טרעפט זיך זעהר זעלטן, דאס מען זאל די מצוה מקיים זיין, [כמצות התורה] אזו וויא די תורה האט געבאטען, אויסער אזוי לאנג וואס דאס קינד פארכט זיך, נאך פאר דעם שטעקן, אונד באט אונ באלד וויא עס נאר גראס ווירד, טוהט עס שוהן פין זיך [פורק עול] זיין, איבער דעם איז איינע עצה טובה, פאר די עלטערן, דאס זייא זאלען מוחל זיין אויף זייער כבוד, כדי מיט דעם צו פארגרינגערן דעם עונש פין זיירע קינדער, מיר געפינען דאס די הכמים ז"ל האבן געזאגט [כשם שמצוה לאמור דבר הנשמע וכו'] אזו ניט וויא עס איז איינע מצוה יענעם צו שטראפן, אונ מוסר צו זאגן, ווען זיינע שטראפרייד ווערדן צוגעהארכט אונ אנגענימען אזו אויך איז איינע מצוה, צו שווייגן פין מוסר זאגן, ווען מען ווייסט, דאס זיינע רייד ווערדן נישט אנגענימען דאס זעלבע איזט אויך ביי די

קינדער

קינדער אז מען ווייסט דאס זייא וועלן נישט אכטען אויף דיא געבאט פון זיירע עלטערן, אונד זייא וועלן נאך אן זייא מורד זיין, אזו וויא מען זעהט עס געבאך בדור הזה, אזו איזט בוודאי איין גראבער חיוב אויף דיא עלטערן, זיך מונע צו זיין פון צו בעפעהלן זיירע קינדער עפעס פיר זיירענט וועגן צו טיהן, אז מען ווייס דאס דאס קינד וויךד נישט הארכען, ווייל דיא עלטערן זענען מיט דעם עובר אויף [לפני עור לא תתן מכשול] אונ אזו גיט וויא עס איז איין איסור איין גראס קינד צו שלאגן, כדי דאס קינד נישט צו ברענגן לידי עבירה, מורד צו זיין אן זיינע עלטערן, אזו אויך איזט עס בייא דעם, דאס קינד, נישט צו ברענגען צו עבירות, וואס מיט דעם איז מען גורם צער צו דיא שכינה, כביכול, [ולכן כל ערום יעשה בדעת] איבער דעם דארף מען אום צו גיין מיט זיין קינד מיט ווישענשאפט אונד פארשטאנד, אונ דיא עלטערן דארפן צו וויסן ווען דאס קינד יוא צו שטראפן, אונד ווען נישט, ווען זיך צו לאזן פון זייא בעדינען, אונ ווען נישט דאס ווענט זיך אלעס לויט דיא מדות פון זיין קינד אונ לויט דעם פארשטאנד פון קינד אזו וויט צו טוהן דאס זיינע קינדער זאלן נישט דארפן צו דעם צו קומען, אן זיינע עלטערן מורד צו זיין:

דיא צווייטע מורא איזט [מורא מקדש] זיך צו פארכטן פאר דעם בית המקדש, אונ היינט בזמן הזה איזט ווי'ער דיא מצוה פון [מורא מקדש] חל אויף דיא שיהלן, אונ בתי מדרשים, וואס זייא ווערן אויך אנגערופען [מקדש מעט] אונ וואס איז דאס געמיינט, מורא צו האבען פאר דיא בתי כנסיות, ובתי מדרשים, זיך פארצושטעלן אז מען קומט דארט אריין, גלייך מען איז אריין געקומען אין קאבינעט פון מלך, דארט צו שטיין מיט מורא, אונ דרך ארץ, [כעומד לפני מלך] אונ זיך צו היטן דארט נישט צו רעדן מיט היבע שטימע אונ נאך ד"ג, דער זוהר הקדוש איז זעהר מחמיר בענין הזה, אז מען רעט אין שיהל בדברי חול, דאס דער האט קיין חלק באלקי ישראל, אונ אויף דעם האבען אלע חכמים אונ צדיקי הדור געשריגען, אונ מוכיח גיוועזן, צופארט טיהט מען דעם מנהג רע ומר נישט אפלאזן, וואס מען איז נוהג שאנד, אונ שפאט אן דיא מקומות המקודשים, וואס עס ווערד דארט פיהל דברים בטלים גירעט, אונ דברי משא ומתן, אונ אז עס טרעפט זיך דארט צו רעדן בדברי שחוק, וקלות ראש, טיהט מען זיך א"ך גאר נישט שפאהרען,

דאס איז אלעס נאר מעשי היצר וואס טיהט דיא מענשן פארבלענדן
פון צו זעהן וואס אונרעכט איז, איבער דעם [מי האיש החפץ חיים]
אונד וויל זיך מציל זיין פון שווערע אונד ביטערע עונשים, זאל זיך
פון זאלכעס שטארק מונע זיין, נאר זיך צו מאכן פאר איין איסור גמור
אין שוהל עפעס צו רעדן, וויאס נישט איז תורה אדער תפלה, און זאל
זיך מיט עפעס קנסן ווען ער ווירד דארט יוא רעדן דברים בטלים, אויך
איז אין כלל פון מורא ביהכ"נ, דארט נישט צו רעדן מיט הויכע שטימע,
אפילו אז מען זעהט דארט עובר זיין אויף איינע עבירה, טאהר מען אויך
נישט אויף דעם זעלבען שרייען בקולי קולות, נאר מען זאל זיך פאר
שטעלין, גלייך מען שטייט אין ביהמ"ק, [ודברי חכמים בנחת נשמעים]
[ועיין בחלק ראשון באות יראה דף י"ח] אויך איז פאר האנדן איין מין
יראה, זיך צו פארכטן פאר דיא תלמודי חכמים, אזו וויא מען האט דאס
גידארשנט פון דעם פסוק, [את ה' אלהיך תירא] אבער פיהל פון דעם
המון עם זענען אן דעם נישט גיווארנט, וואס טיהן זעהר מקיל זיין
בכבודם, און טוהן זייא נאך מבזה זיין, [ואוי להם ולנפשותם] ווייא איז
צו זייא, און צו זייער נשמה שעתודים ליתן את הדין, נאך איז פאר
האנדן איין מין מורא, וואס מען דארף זיך צו פארכטן פאר דעם יום
המיתה און פון חבוט הקבר, און פאר דיא עונשי גיהנם דער [ראשית
חכמה] שרייבט און [שער היראה פרק י"ב] פון זוהר הקדוש וועגן, וז"ל
[זוהר פ' לך דף ע"ח ז"ל, אמר ר' אלעזר] ר' אלעזר, האט גיזאגט וואהל
צו דיא צדיקים וואס לערנען, צו וויסען צו גיין אין דיא דרכים פון הקב"ה
און צו וויסען זיך פאר איהם צו פארכטן, און פאר דעם יום הדין, וואס
יעדער מענש איזט אנגיבריית דין והשבון צו געבן פאר הקב"ה, [איוב]
האט געזאגט [ביד כל אדם יחתום] ת"ה, קים, און זעהע, אן דעם טאג
וואס ענדיגט זיך, דאס לעהבן פין מענש, פון דיא וועלט אוועק צו גיין,
דער טאג וואס דער גוף, ווערד צעבראכן, און זיין נפש וויל זיך שאהן
פון איהם אפ שיידן, אזו גיבט מען רשות צו דעם מענש צו זעהן,
זאלכעס, וואס ער האט נישט רשות גיהאט דאס צו זעהן, ווען ער איז
נאך מיט זייז גאנצן כח גיוועזן, אזו זעהט ער וויא עס שטייט פאר איהם
דרייא שלוחים, וואס צייחלן, און ראבענן אלע זיינע טעג, וואס ער פאר-
לעהבט האט, אונד יעדע עבירה וואס עהר האט אן יעדן טאג עובר
געוועזן, אויך אלע זיינע מעשים וואס ער געטיהן האט אויף דיא וועלט,

און ער אליין מיט איף דעם אלעם מודה זיין, מיט זיין מויל, און חתמת עם מיט זיינע הענד. דאס מיינט דער פסוק [ביד כל אדם יחתום] ווייל ער מוהט זיך אליין חתמנין, כדי איהם צו קענע: דן זיין איף יענע וועלט, וואס ער געטיהן האט, אין זיינע יוגענט וויא אויך אין דיא עלטער, אויך איף נייע אונד אלטע עבירות, אונד איינם פון זייא ווירד גישט פארגעסן און אזו גיט וויא ער האט אלעס געטיהן אויף דיא וועלט, ווען דער גוף מיט דעם רוח איז צוזאם גוועזן אזו אויך מיז ער חשבון אפ געבן בשעת ער נאך לעהבט, און דער רוח איזט נאך אין איהם, בעפאהר ער גייט אוועק פון דיא וועלט, [עכ"ל]:

נאך ווערד גיברענגט אין זוהר, [פ' נשא ר' אבא פתח] [לדוד ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו] וויא שטארק דארף דער מענש אכט צו געבן, און צו וויסען אן דעם דינסט פון זיין בשעפער, יעדן טאג מיט איין כרוז אויברופען, אונד זאגט, [עד מתי פתיים תאהבו פתי' וגו'] וויא לאנג נאך ווירד איהר נארען ליעב האבן נארהייטען, [שובו בנים שובבים וגו'] מיט ווידער קעהרן איהר פאראַרטע קינדער, וועל איך אייך היילען, פון אייער ווילדיקייט, צו פארט וויל קיינער זיין אוהר נייגען דיא תורה שרייט אויף אויס, דאס זעלבע, אונד קיינער וויל דארויף אכטן, ת"ח. קום אין זעהע, דער מענש גייט אויף דיא וועלט זיכער אונד גלויבט זיא איזט זיין אייגען, אונד אויף אייבעג אויף איהר צוא פארבלייבען, או פלעטצליך מוהט מען איהם שליהען אין קייטן, און מען טוט איהם משפטן, אויב ער זאל לעהבן בלייבן אויב נישט, ווען ער האט מליצים טובים, וואס זאלין פאר איהם מליץ טוב זיין, אזי ווירד ער בעשארמט פון משפט אזו וויא דער פסוק זאגט, [אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף וגו'] און ווער איז דאס דיא מליצים טובים, דאס איז דיא מעשים טובים פון מענש, וואס שטייען בייא איהם אויף איהם ממליץ טוב צו זיין, ווען ער איז אין איין עת צרה, אבער ווען ער האט קיין מליצים טובים אזו ווירד ער מחויב ביים משפט אוועק צו גיין פון דיא וועלט פאר זיין צייט, [בההיא שעתא] אין דער צייט וואס ער איז געשלאסען אין דיא קייטן, דאס איז בשעת זיין אפשיידן צו שטארבן, הייבט ער אויף זיינע אויגן, און זעהט וויא עס קימען צו איהם צווייא שלוחים וואס שרייבן אויף אלעס וואס ער האט געטיהן אויף דיא וועלט, און אלעס וואס ער האט גערעט, און מיט אויף אלעס דין אפגעבן, און

עס

עס ווערד פאר זיינע אויגען אלעס אויף געשריבן אונ ער מוז אויף אללעם
איין בעצייגען, וויל דיא זעלבע מעשים וואס ער געטיהן האט אויף
דיא וועלט נידערן אראפ אונד שטייען פאר איהם אויף איהם עדות צו
זאגען, אונ זייא גייען אייער נישט אוועק פון איהם ביז מען איז איהם
דן אויף יענע וועלט, ות"הו קים אונ זעהע אלע מעשים וואס דער מענש
געטיהן האט, אויף דיא וועלט דיא אללע שטייען אנגעברייט אונד בשעת
מען טראגט איהם צום קבר, טיהן דיא אלע פאר א"ם לויפען אונד
דרייא כרוזים שרייען פאר איהם א"ם, איינער פאראוים, אונ איינר
זיינער ראכטע, אונ איינר צו זיינער לינקע זייט, אונ זאגן דאס איז דער
דאזיגר וואס האט מורד גיוועזן אן זיין הערר הקב"ה, ער האט מ"רד גיוועזן
אובען, אונ האט מורד גיוועזן הינטן, אונ האט מ"רד גיוועזן אן דיא
תורה, אונ אן דיא מצות, זעהט זיינע פארדארבענע מעשים, אונ זיינע
פארדארבינע רייד, עס וועהר איהם בעסער דאס ער וועהר גאר נישט
בעשאפען געוואורן, אונ אז מען האט איהם שאהן גיבראכט צום קבר,
טיהן אלע מתים ציטערן איבער איהם, אונ זאגען [ווי דדא מתקבר בגוון]
וויא דאס דער רשע ווערד בייא אינץ בעגראבן ווערן, אזו טיהן זיך
זיינע מעשים, אונ רייד פעדערן, אונד נידערן אראפ אין קבר, אונ
שטייען פאר איהם, אונ וויא מען האט איהם שאהן בעגראבען אין קבר,
קומט צו איהם דער מלאך דומה, מיט נאך דרייא מלאכי חבלה,
וואס זענען געזעצט איבער דעם דין פון חיבוט הקבר, זייא האלטן אין
זיירע האנד דרייא פיירדיגע שפיסען, אונ טוהן דן זיין דעם גוף מיט דעם
רוח, צוא זאממען, ווייא פאר דעם שווערן דין, ווייא צו דעם וואס האט
קיין מליץ טוב, איהם מציל צו זיין פון דעם שווערן עונש, נאך
דעם קומט דער שוטר פון מלך הקב"ה, אונ שטעלט זיך צו זיינע פים,
ער האט איין שארפע שווערט אין זיין האנד, הייבט אויף דער מעניש זיינע
אויגן אונ זעהט וויא דיא וואנט פון זיין קבר טוט פלאמען פון וועגן דעם
פלאם אונד גלאנץ פון זיין שווערט, אין דעם זעהט ער דעם שוטר פון
מלך פאר זיך שטיין, ער איז פיל מיט אויגן אונ זיינע מלבושים זענען
פון פלאם פייער, אונד דרייא טראפפען גאלל הענגט אן זיין שווערט,
וויא ער טיהט איהם אנזעהן, פאנגט אהן זיין גאנצר קארפער צוא ציטערן
אונ זיין רוח, לויפט ארום, אין אלע זיינע אברים, פון איין אבר צום
אנדערן אבר, כדי זיך פאר איהם צו פארבארגען, אונ שרייט ווייא, ווייא,

וואס

וואס האב איך געטיהן אבער עס העלפט איהם גאר נישט, אויסער ווען ער האט געפעדרט דיא רפואה פון תשובה איי עס איז אויף איהם דיא דאזיגע צייט געקימען, אזו וויל זיך דער מענש פאר איהם בעהאלטען אונ וויא ער זעהט דאס עס איז גאר נישט מעגליך פאר איהם צו בעהאלטען אזו טוט ער זיינע אויגן עפענן, אונ טוט איהם אנזעהן מיט אופענע אויגען דאמאהלס טוט ער זיין גוף אונ זיין נפש אליין איבער ענפערן אין זיין האנד, אונ אין דיא דאזיגע שעה, איזט דער דין הגדול, וואס דער מענש ווירד דן אויף יענע וועלט, אונ צו דאך טוט דער רוח פון מענש ארום שוועבען אונ לויפען אין אלע אברים פון מענש, אונ אלע גלידער טיהן ציטערן, אונ יעדעס אבר וואס דער רוח קומט אריין דארין, פאלט דארויף איין ציטערניש, אונ אזו באלד וויא דער רוח גייט ארויס פון דעם אבר, אזו באלד טוט דאס אבר אב שטארבען, אונ אזו געשיהט עס מיט אלע אברים, אונ אז דער רוח וויל שאהן אין גאנצן ארויעס פליהען פון גוף, אזו שטייט דארט דיא שכינה, אונ דער רוח פליהט ארויעס פון גוף, וואהל איז צו דיא יעניגע וואס זייער נפש קאן זיך ביהעפטן אן דיא שכינה וויא איז צו דיא יעניגע וואס זענען ערווייטערט פון איהר, אונ קענען זיך ניכט אן איהר בעהעפטן [ובכמה בי' דינא אעבר בר נש, כד נפיק מהאי עלמא] אונ דורך וויא פיהל דינים, טוט דער מענש דורך גיין, ווען ער גייט אוועק פון דיא וועלט, איינס איז, דער דין וואס אובן שטייט, ווען דער רוח גייט ארויעס פון גוף, אונ איין דין, ווען זיינע מעשים, אונ רייד לויפן פאראויס פאר איהם, אונ שרייען אויס, וויא ער האט זיך אויף דיא וועלט געפיהרט, אונ איין דין, וויא מען לייגט איהם אין קבר אריין, אונד איין דין פון חיבוט הקבר, אונ איין דין, וואס דיא ווירם טיהן גוועלטיגן אן גוף אונ איין דין פון גיהנם, אונ איין דין וואס דער רוח טיהט ארום שוועבן אין דיא וועלט אונ געפינט נישט איין ארט, ביז מען האט שאהן דעם מענש בעצאהלט פאר אלע זיינע שלאכטע מעשים פון דיא וועלט, אונ דאס איז דיא זיבען צייטען, וואס טיהט איבערפאהרען אויף דעם מענש, איבער דעם דארף דער מענש וייל ער געפינט זיך נאך אויף דיא וועלט, זיך צו פארכטן פאר זיין הער הקב"ה, אונ אכט צו געבען יעדן טאג אין זיינע מעשים אונ זאל איילען תשובה צו טוהן, פאר הקב"ה, [כד אסתכל דוד מלכא] וויא דוד המלך האט אריין גיקלעהרט אין דיא זיבען דינן וואס טוט איבערפאהרן אויף דעם מענש, ווען ער גייט אוועק

פון

פון דיא וועלט, האט ער זיך געפעדערט, אונ געזאגט [ברכי נפשי את ה׳] מיין נפש טוהע לויבען הקב״ה איי דיא גייסט אוועק פון דיא וועלט, ווייל דיא געפינסט דיך נאך אין גוף, [וכל קרבי את שם קדשו] איהר אלע גלידער, ווייל דער רוח איז נאך אין אייך מוט אייך פעדערן צו לויבן זיין היילינען נאמען, בעפאהר עס קומט דיא צייט וואס איהר וועהרט שאהן נישט מעהר קענען איהם לויבן, עכ״ל:

אין זוהר פרשת ויקהל [פתח ר׳ אבא וכו׳] ר׳ אבא מיט פארגלייכען דיא ספורי מעשה, פון יונה הנביא וויא ער איז געוועזן אויף דיא שיף, אונ מען האט איהם אין ים אריין געווארפען, צו דיא נשמה וואס איז אין גוף פון מענש. בעוה״ז, אונ נאך דיא פטירה, ווארפט מען דעם גוף אין קבר, אונ דאס קבר איז גענלאבנט צו דעם פיש, וואס האט יונה הנביא איינגעשלינגען, [וז״ל, יונה דנחתא לספינה וכו׳] יונה הנביא, וואס האט געגידערט אויף דיא שיף, דאס איז געמיינט, אויף דיא נשמה, פון מענש, וואס מוהט אראפ נידערן אויף דער וועלט, צו קומען אין איין גוף פון איין מענש, אונד דאריבער ווירד זיא אנגערופען יונה, ווייל אז זיא קומט אריין אין איין גוף, ווערד זיא גענאט אויף דיא וועלט, דאס ווארט יונה איז טייטש גענארין, אזו גייט דער מענש אויף דיא וועלט, וויא איין שיף אין מיטען שטארקען ים, וואס זיא איזט יעדע מינוט אנגעבגרייט צערבראכען צו ווערן, אזו וויא עס שטייט ביי יונה הנביא, [והאניה חשבה להשבר] אונ דער מענש אזו לאנג וואס איז אויף דער וועלט, מיט ער זינדיגען, אונ דאכט זיך דאס ער איז שוהן ענטלויפען געווארן פון זיין העררר, אונ ער מוהט גאר נישט משגיח זיין אויף דיא וועלט, אזוי מיט הקב״ה, ווארפען איין שטארקען שטארעם ווינט, דאס איז דער גזר דין וואס שטייט אייביג פאר הקב״ה אונ פאדערט דין אונ משפט צו נעמען פון מענש פאר הקב״ה, אונ דאס איז דער גורם צו מאכן דיא שיף ציטערין, אונד שטארעמן זיא צו פארזינקען, אונ מיט מזכיר זיין דעם חוב פון מענש, איהם אין געפענגנים צו נעהמען, אונ אז דער גזר דין איז, דער מענש זאל געפאנגען ווערין, דאס איז אין איין קראנקהייט אריין צו פאלען [מה כתיב] וואס שטייט ביי יונה הנביא, [ויונה ירד אל ירכתי הספינה, וישכב וירדם] דאס הייסט, יונה האט גענידערט, אין עק פון שיף, אונ האט זיך געלייגט, אונ איז ענטשלאפען געווארען דאס מיינט מען, האטשע דאס דער מענש איז שאהן אין תפוס געפאנגען, וואס ער ליגט קראנק, צו דאך

מיט זיך די נשמה נישט ערוועקן תשובה צו טיהן פאר איהר הער הקב"ה, כדי זיא פרייא צו מאכן פון איהרע עבירות, [מה כתיב] וואס שטייט דארט ביא יונה הנביא, דער [רב החובל] שיפסקאפיטען האט איהם געריפן, ווער איז דאס דער [רב החובל] דאס איז דער יצר טוב, וואס פיהרט אלעם מיט פארניפט, אונ האט צו איהם געזאגט [מה לך נרדם, קום קרא אל אלהיך] עס איז אצונד נישט צייט צו שלאפן, מען מיט דיך אצונד פארנעהמען צום דין ומשפט, איבער אלע דיינע מעשים וואס דיא האסט געטיהען אויף דיא וועלט, טיהע בעסר תשובה פון אלע דיינע מיסטייט, אונד טיהע ווידערקעהרן צו דיין הערר הקב"ה [מה מלאכתיך] מיט וואס האסט דיא דיך בעשעפדיגט אויף דיא וועלט, [מאין תבוא] גיב אכט פון וואס דיא קימסט אהער פון איין [טפה סרוחה] איבר דעם האלט דיך נישט בגאוה פאר הקב"ה, [מה ארצך] גיב נאר אכט דאס פון דיא ערד ביזט דיא בעשאפען געווארן, אונ אין דיא ערד ווירסט דיא ווידער קעהרן, [ואי מזה עם אתה] גיב דיר אין אכט אויב דיא האסט עפעס צו ראכענען אויף זכות אבות, וואס זאל איבר דיך מגין זיין בשעת מען ווירד דיך פאר דעם משפט ברענגען, [ההוא סערה] דער שטארימווינט, דאס איז דער גזר דין, וואס שטארימט איבער דעם מענש, אונד פאדערט פון מלך הקב"ה דן צו זיין דיא געפאנגענע פון מלך, איבער זיירע עבירות, [בההוא שעתא] אין דער צייט, מיט צו געגענין דאס בית דין אטייל פון זייא פאנגען אהן לזכות, אונ אטייל פון זייא לחובה, אונד דער גזר דין פאדערט נאר דעם וואהרען אונד אמתדיגען דין, [ואי ההוא בר נש לא וכו׳] ווען דער מענש ווערד נישט זוכה ביים משפט, וואס שטייט דארט ביא יונה, [ויחתרו האנשים וכו׳] דיא מענשן פון דער שיף האבען פיהל מיהע איינגעווענט דיא שיף צו דיא יבשה צו פיהרן כדי זיא צוא רעטען, אבער זייא האבען נישט גיקענט, דאס מיינט מען דיא וואס טיהן מלמד זכות יין אויף דעם מענש, דאס מען זאל איהם נאך צוריק לאזן, אויף דיא יבשה דאס איז אויף דער וועלט, אבער זייא האבן נישט גיקענט אונ פאר וואס [כי הים הולך וסוער עליהם]. ווייל דאס ים מיט שטארק שטארמען איבר זייא, דאס איז דער גזר דין, ווען דיא פיהל עבירות פון מענש, וואס טיהען זעהר שטארמען אויף דעם מענש, אונד טיהן זיך גובר זיין איבר דיא מלמדי זכות [כדין נחתין עליה תלת שלוחין ממנין] אזו טיהן אראפ ניהערן דרייא שלוחים וואס אויף דעם גיזעצט זענען, איינער

פין

פין זייא. וואס שרייבט אויף אלע זכותים. אונד חובן, וואס דער מענש
האט גיטיהן, אויף דער וועלט. אונ איינר וואס ראכנט אוים אלע טעג פין
מענש. וואס ער פאר לעהבט האט. אונ איינר דער זעלבער וואס איז
מיט איהם מיט גיגאנגען וואס איז נאך מיט איהם גיוועזן אין זיין מיטער
לאב. [והא איקומנא] מיר האבען גלערנט דאס דער גזר דין טיט אייער
נישט ריהען ביז מעןווארפט איהם אין ים אריין, דאס איז דאס קבר.
אזו וויא עס שטייט ביא יונה הנביא. [וישאו את יונה וכו'] דיא שיפס
מענשן האבן יונה הנביא אין ים געווארפן, דאמאהלם האט ערשט דאס
ים געשטילט פין זיין גרימצארן, אונ בשעת מען פיהרט איהם פין זיין
הויז. צום קבר אזו טיהט מען פאר איהם אוים שרייען וויא זיינע
מעשים פין דיא וועלט זענען גוועזן, האט ער מעשים טובים געטיהן, טיט
מען פאר איהם אויסריפען [הבו יקר לדיקנא דמלכא] גיבט ווירדיגקייט
צו דעם דאזיגען דער פארום פין מלך ויבוא שלום ינוחו על משכבותם
הולך נכחו] לאז קומען מיט פרייד. אונד זאל ריהען אויף זיין געלעגער.
דער וואס איז געגאנגען אין ראכטפארטיגען וועג. אזו וויא עס שטייט.
[והלך לפניך צדקך וכבוד ה' יאספך] דיין גיראכטיקייט ווירד פאר דיר
פאראוים לויפען, אונ נאכם כבוד ווירד דיך צו איהם איינטיהן. [ואי חייבא
איהו] ווען ער איז אבער שילדיג. וואס האט שלאכטע מעשים געטיהען,
אזו טיט מען פאר איהם אויםריפען אונ טיהן זאגען [ווי לי' לפני'] וועה
איז צו דעם דאזיגען עס וועהר איהם בעסער דאס ער ווער גאר נישט
בעשאפן געווארן, אונ דער פיש וואס האט פאר שלינגען יונה הנביא דאס
איז דאס קבר וואס דער מענש ווירד דארט אריין פארשלינגען: [ומה
כתיב] וואס שטייט וויטער ביא יונה, יונה איז געוועזן אין לייב פין
פיש, דרייא טאג אונ דרייא נאכט, דאס איז דיא דרייא טאג וואס דער
מענש איז אין דעם קבר. אונ נאך דרייא טעג ווירד זיין בייך געשפאלטען
אונ דיא טינופות פין בויעך ווירד איהם פארקעהרט אויף זיין פנים אונ
זאגט צו איהם, נעהם דיר וואס דיא האסט אין מיר אריין גילייגט, דיא
האסט גיגעסען, אונ געטרינקען אונד האסט נישט גיגעבן דיא ארמע לייט
צו עסן. אלע דיינע טעג זענען ביא דיר אזוי, וויא ימים טובים גיוועזן,
אונד דיא ארעמע לייט האסט געלאזט פארהינגערין, אונ האבען נישט מיט
דיר מיט געגעסן, נעהם דיר צוריק וואס דיא האסט מיר גיגעבן, אזו וויא
עס שטייט אין מלאכי [וזריתי פרש על פניכם] מיר האבען נאך גיראכנט

נאך די דריי טעג אונ ווייטער. טיהט מען דעם מענש דן זיין איבער זיינע אויגן, אונ זיינע הענד אונ זיינע פיס. וואס ער האט מיט זיא געזינדיגט ביז דרייסיג טאג מיט מען דן זיין דאס נפש מיט דעם גוף, צו אזאם, אונ דאדורך מיט זיך אויך דיא נשמה געפינען אויף דיא וועלט וואס גייט נישט ארויף אויף איהר ארט אזו וויא איינע אשת נהח וואס איז ערוויטערט אזו לאנג וואס זיא איז אנחטן, אונ דער נאך גייט דיא נשמה ארויף אויף איהר ארט אונ דער גוף ווערד פארפויעלט אין דיא ערד, ביז דיא צייט וואס הקב"ה, ווירד ערוועקן, דיא מתים, אונ עס איז אנגעברייט, איין קול צו ערוועקן דיא מתים פין דיא קברים, אונ ווירד זאגן, [הקיצו ורננו שוכני עפר] וואכט אויף, אונ טיהט זינגען, דיא אלע וואס האבען גערוהט אין דיא ערד, [כי טל אורות טליך וכו'] גאטס טוי, איזט אזו וויא דער טוי פין דיא קרייטער, [וארץ רפאים תפיל] אונ דיא ערד ווירד אלע מתים ארויס יווארפען, [עכ"ל]:

# מנוחה

מנוחה, עס איז נישט פארהאנדן קיין בעסערע זאך וואס מיט מסייע זיין צו [עבודת השם] צו קענען דעם בעשעפער דינען בשלימות, וויא דאס [מנוחה] אז מען האט מנוחה פין פיהל טרדות מהעולם הזה, איין איש חסיד האט מתפלל גיוועזן, דער אייבערשטער זאל מיך אפהיטען פין צו האבן [פיזור נפש] דאס הייסט, ער זאל נישט דארפן זיינע געדאנקען צו האבען אויף פיהל מקומות, פין זיינע פיהל געשעפטן, שלמה המלך האט אויך גיזאגט [טוב פת חריבה ושלוה בה וגו'] עס איז בעסער אפילו נאר צו געניסען פין דיא וועלט טראקענעס ברויט, נאר דאס עס זאל דאביא זיין שלוה ומנוחה, [ואמרו רז"ל, לעולם ילמוד אדם את בנו אומנות נקי' וקלה וכו'] אייביג זאל דער פאטער זיין קינד לערנען, איינע ריינע, אונד גרינגע מלאכה, כדי דאס ער זאל זיך האבן מיט עפעס מפרנס צו זיין בהיתר ובמנוחה, אונ דער איש נאמן וואס האט דעם אמתדיגן בטחון אן הקב"ה, אונ גלויבט באמונה שלימה, [כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל] דאס נאר ער אליין גיבט כח אונד קראפט איינצוזאמלען פיהל פארמעגן, אויך האלט איהם נישט צוריק פין צו העלפן מיט פיהלי אדער ווענינ ארבייטן, אונד ווען אפילו דער מענש ווירד לויפן אזו שנעלל וויא איין הירש, אונד ווירד זיך נאך אזו פיהל בעמיהען, אונד

זעהר

זעהר טעטיג זיין ביים משא ומתן אדער מלאכה, צו דאך ווירד עס איהם גאר נישט ווירקען צו קענען מעהר פארדינען לויט וויא דער רצון הבורא איזט, אזו איין מענש טיהט זיך בוודאי אוים ערוויילען [מנוחה] אזו איין מו"מ אדער מלאכה, וואס זאל איהם נישט הינדערן פון עבודת השי"ת דאס ער זאל נישט דארפן זיין גאנץ לעהבן צו פארוועגדן מיט פיהל ארבייטן, נאר ער ווירד זיך בוודאי אויסזיכען אזו געשעפט, דאס ער זאל קענען יעדן טאג דאווענען בציבור אונד זיך צו קענען יעדן טאג קובע עתים זיין תורה צו לערנען, אונד ווירד בוודאי נישט זאגען וואס פיהל טיפ'שים זאגען, דאס אין דיא יעצטיגע צייט דער וואס טוט נישט שווער ארבייטן דער האט נישט ברויד צו עסן, דאס איז איין שקר מוהליט, נאר גראד להיפוך, [והבוטח בה' חסד יסובבנו] דער וואס פארזיכערט זיך אן הקב"ה, אונד נישט אויף זיין פיהל ארבייטן, דעם טוט ערשט, דער בורא ב"ה שפייזן, מיט זיין חסד, אונ פיהל ערבארעמקייט, איבער דעם יעדער בעל דעת, זאל זיך פארמיידן פון צו איבערנעהמן זאלכע געשעפטן וואס דאס דארף זיין גאנץ לעהבן, צו פארוועגדן ברוים פיר דעם געשעפטס וועגן, ומכש"כ וויא שטארק דארף מען זיך מונע צו זיין פון צו זיין באזע שפיהלער וואס דאס טוט דיא גאנצע גידאנקען פון מענש אוועק נעהמען, ווייל זיא ווילען מיט גיוואלט רייך ווערן, אהנע מיהע אונ ארבייט, זאלכע מענשן טיהן פארוועקלין שטאץ וואס דער גוף זאל ארבייטן אויף פרנסה, טיהן זייא דעם גוף הבלה, שאהנען, אונד טיהן בעסער זיירע גאנצע געדאנקען היין געבן, אונד אויף אפפערן וואס זיירע געדאנקען, זענין נישט לעהר, איין אויגענבליק [אבל לא זה הוא דרך הישר] נישט דאס איזט דער דרך הישר וויא דער בר ישראל זיך צו פיהרן דארף, נאר אומגעקעהרט, דעם גוף צו בעמיהען, [כי האדם לעמל יולד] ווייל דער מענש איז בעשאפען געווארען צו ארבייטען, אבער זיינע געדאנקען, דיא מחשבה פרייא צו מאכן, נאר דיא מחשבה צו בעמיהען אין עבודת השם יתברך, [אם כה תעשה] ווען דיא ווירסט אזו טיהן, [ויכלת עמוד] ווירסט קענען איין בעשטאנד האבן אויף דיא וועלט, צו לעהבן בנחת, אונ זיך איין גראסארטיגעס פארמעגן צו זאמלען לעוה"ב:

# מיתה

**מיתת**, דער זכרון, צו דענקען אן דעם יום המיתה איזט איין גדר גדול

ניצול

ניצול צו ווערן פֿון פֿיהל עבירות. [ולכן החיי יתן אל לבו] איבער דעם ווען דער יצר טוט דעם מענש רייצן צו זינדיגען, אָדער זיך צו וועלין כעסן ווענן מניעות הכבוד וכדומה, זאָל מען זיך תיכף אין דיא גידאַנקען נעמען, דעם יום המיתה, וואָס טוט אויף יעדן מענש איבערפֿאַהרן, און קיין איינציגער ווערד פֿון דעם ענטרינען, אָרעם און רייך, טיפּשים און חכמים, גראָס אונד קליין, אַזוי ווערד דאָך פֿאַרגעווים דער פֿאַרגיפֿטער באַבער פֿון טוהט איבער מיר אויך איבערפֿאַהרן, דאָס דאָזיגע וויהרד בוודאי דעם שטאַרקן יצר אונטערטעניג מאַכן [ומה טוב] וויא גוט איז דאָס, עפּטערס צו בעזאָכען דיא גיפֿעהרליכע קראַנקע, און בייצוואָהנען בשעת יציאות הנשמה, וויא עס מיט דעם מענש צוגייט בשעת מיתתו, פֿון דען געשיהט גאָר נישט נאָר גאָך גראַד להיפוך, חוץ דעם וואָס דאָס איינע גראָסע מצוה איז [חסד של אמת], איזט עס נאָך איין גדר גדול [שהחיי יתן אל לבו] דאָס מען טוט זיך בידענקען וואָס דער סוף פֿון יעדן מענש איז, און וויפֿיהל צער דער מענש ליידן מוז, בשעת יציאת הנשמה, וואָס דאָס איין גראָסע כפּרה איז איבער דעם מענשס עבירות, אויך איז עס ראַכט עפּטערס ביי צו וואָהנען דיא לויה און קבורה, כדי זיך צו ערמאַנען וואָס דער גאַנצער מענש איז, און וואָס ער נימט זיך מיט פֿון זיין גאַנץ פֿאַרמעגן דיא בלויסע תכריכים, און ער ווערד זיך דענקען, דאָס זעלבע וואָס מען טוט מיט דעם נפטר, דאָס זעלבע ווערד מען מיט מיר אויך טיהן, מען ווערד מיך אויך מספּיד זיין, און אויך אין דיא ערד לייגען אויף איין שטיקל פּלאַטין פֿון פֿיער עקען, און דיא אַלע צוזעהר ווועלין מיך אויך מיט ערד צושיטען, און מיך גאַנץ אַליין איבערלאָזען וויא איין דאָרן אין דיא מדבר, דער געווין פֿון דעם איז, דאָס דער וואָס אַן דעם אייביג דענקט, דער ווערד בוודאי נישט זינדיגען מען זאָל זיך אָבער נישט ראָזן איינרעדן פֿון יצר עס איז נאָך גענוג צייט אויף אַזוי וואָס צו זאָרגען, און צו שרעקען פֿאַר דעם טוהט, איך בין נאָך היינט ב״ה יונג און געזונד, היינט איזט דיא צייט זיך צו פֿרייען און דיא וועלט צו געניסן ווען עס וועלין קומען דיא ימי זקנה וועל איך דאַמאָהלס אַן אַזוי וואָס טראַכטן, און פֿאַר דעם טוהט שרעקן, און וועל אויך דאַמאָהלס תשובה טיהן. אַזוי זאָלסט נאָר איהם ענטפֿערן [הוי זקן וכסיל] מיר זעהן דאָך אויגענשיינליך, דאָס דער טוהט שוועהבט אַרום אויף דיא וועלט, און פֿאַר־שוהנט נישט גרויס און קליין, יונג און אַלט, ווען איינער נאָך אַזוי שטאַרק

אין

איז און אויך נאך גאנץ יונג איצט, היינט און ער דא און מארגען אין קבר, און באמת דארף יעדר בעל שכל צו פארשטיין, דאס דער מענש שטארבט נישט מיט איינמאהל, נאר תיכף פון טאג פון געבוירן ווערן, יעדער טאג וואס פאראיבר גייט, איצט איהם שוין דער טאג אבגעשטארבן וואס שוין נישט מעהר צוריק קומט, און וויא אמתדיג און חשוב זענען דיא רייד פון ר' אלעזר וואס האט געזאגט [שוב יום אחד לפני מיתתך] טיה תשובה איין טאג פאר דיין טוידט, און ווייל מען ווייס נישט דעם שטארב טאג, אזו דארף מען יעדן טאג תשובה צו טיהן, פיליייכט שטארב איך מארגען, [נמצא כל ימיו בתשובה], אזו קומט אויס אלע טאג תשובה צו טיהן, און דער מענש וואס האלט זיין עצה, דער איז זוכה צו [טוב שם משמן טוב, ויום המות מיום הולדו] איין שם טוב, וואס בעסער איז פון שמן טוב, און דער יום המות, ווערד איהם בעסער זיין, פון דעם יום הלידה, און ווען ער ווערד פון דיא וועלט אוועק גיין, ווערד עס איהם אזו זיין וויא מען גייט אויף איין חתנה:

# אות נ נחמה

נחמה, אין כלל פון גמילות חסדים איז אויך [תנחומי אבלים] מנחם אבל צו זיין, און נישט בלויס אליין דיא אבלים צו טרייסטן, נאר [על כל צרה שלא תבוא] אויף יעדן אנגליק אדער שאדן וואס עס קומט צו חלילה, איז איין מצוה מיט דעם יענעגען מיטלייד צו האבען און איהם צו טרייסטן, מיט זאלכע ווארטער [שנכנסים ללב], און מיט דעם קאן מען יעדן מענש וויא אויך זיך זעלבסט טרייסטן, דאס איבר יעדע צרה ר"ל איז פארהאנדן נאך ארגער, אזו דארף מען אלע מאהל נאך דעם בעשעפר צו דאנקען דאס ער האט נישט אויף איהם נאך גרעסערע יסורים געשיקט, און אויך צו בעטין, דאס ער זאל איהם פון זייא מציל זיין, אויף געלד שאדן איז דיא טרויסט דאס עס איז נישט געוועזען איין גרעסערער שאדן פון קראנקהייטן, אדער אנדרע יסורי הגוף, ווידער אויף יסורי הגוף, איז דיא טרויסט דאס מען איז ניצול געווארן פון טוידט, ווידער אויף דעם פארליסט פון איין נפש חלילה, קאן מען זיך אויך טרייסטען, דאס ער איז אלם יוד געשטארבען, אדער דאס ער איז נישט געשטארבען מיט איינע מיתה משונה, ר"ל אדער דאס עס איז פון איהם צוריק געבליבען איין זרע של קיימא, און מתפלל צו זיין צו השם ית' דאס דאס וואס

איבערגעבליבן איז, זאל איהם בלייבען, וזאת אונ פין דעם מיז מען זיך שטארק היטען, נישט צו פיהל צו וויינען אויף איין מת ב״מ ווייל עס שטייט דער וואס וויינט צו פיהל אויף איין מת, דער ווערד חלילה דארפן צו וויינען אויף איין אנדער מת ב״מ׳ ובאמת [על פי דעת הישר] ווער ראוי גאר נישט צו וויינען אויף איין מת, דען וואס פאר איין געווין האט מען דען פין דעם וויינען וואס שוהן גישעהן איזט, אפילו דאס מען ווירד זיך הרגנן חלילה, ווערד מען מיט דעם נישט מעהר דעם גישטארבינען לעבעדיג מאכען, צודאך איז מען מחויב יעדן מת עפעס צו ביוויינען מקיים צו זיין דיא גיבאט פין אונזערע חכמים וואס האבען גיזאגט [שלשת ימים לבכי] דרייא טאג דארף מען צו וויינען איבער איין מת ב״מ אונ נישט מעהר, ווייל נאך מעהר וויינען, איזט שוהן גיפעהרליך פאר זיך זעלבסט׳ חלילה וחס נישט צו דארפן ווידער צו וויינען אויף איין אנדער מת ב״מ׳ אויסגענימען אויף איין אדם גדול וחשוב איז מותר נאך מעהר צו וויינען, אזו וויא מיר געפינען ביי משה רבינו ע״ה דאס כל ישראל האבען איהם ביוויינט דרייסיג טאג, אפילו אין דיא צייט וואס מען דארף יוא דאס מת צו בעוויינען, דארף נישט דאס געוויין צו זיין וועגן דעם וואס ער האט זיך פין איהם אבגעשיידען אדער ווייל ער האט מפרנס גיוועזן זיין ווייב אונד קינדר וכדומה, ווייל דאס אלעס איז איין הבל, ווייל באמת איז נאר דער בעל הבית איין שליח פין דעם אמתדיגען שפייזר אין הימעל, אונ דאצו איז דאך דער אב הרחמים איין אב יתומים, ודיין אלמנות, ועל כולם דארף מען זיך צו טרייסטען ווען עס אזו גיפעלט דעם ליבען גאט אין הימעל, אזו דארף עס איינץ מענשן זיינע קינדר אויך צו גיפעללן, אזו וויא מיר געפינען געשריבען [חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה]׳ מען דארף מיט אזוי שמחה צו מאכן דיא ברכה דיין האמת איבר דעם שלאבטן, וויא מען מאכט [הטוב ומטיב] איבר דעם גיטן, נאר איבער וואס דען איזט צו וויינען, איבער זיינע זינד אונ מיסטייט וואס האבען דאס גורם גיוועזן, דאס דיא צרה איז אויף איהם געקימען, אויך וועגן צער השכינה כביכול, וואס אין צער איז׳ ווייל אז דיא מענשן זענין בצער, איז אויך דיא שכינה בצער [ע״ד עמו אנוכי בצרה]׳ נאר איבר דעם איזט צו וויינען, כדי זיך מתעורר צו זיין תשובה צו טיהן, וואס מיט דעם איז מען ווידער גורם שמחה, צו דיא שכינה כדי גורם צו זיין איין נחת רוח צו הקב״ה, אונ אזו. וויא עס איז

אין מצוה יענעם מנחם צו זיין, אזו איז אויך איין מצוה זיך צו לאזן מנחם זיין אנצונעמען דיא טרויסט, אונד אויך תיכף וויא דיא צרה קומט, דעם בורא עולם צו דאנקען, צו זאגען גערעכטער גאט, דיין משפט איזט אמת וצדק, אונ פון דיר קומט גאר קיין שלאכץ, נאר לויטער גוטץ, געוויס האבן דאס מיינע עונות גורם גיוועזן [אנא השם חטאתי עויתי ופשעתי] פארגיב מיר אויף אלע מיינע מיסטייט, אונ לאז זיין דער צער איין כפרה איבער אלע מיינע עבירות:

# נדיבות

**נדיבות**. וויא גאר איין מדה טובה איז דיא מדה פון נדיבות בעווילגט צו זיין, הן צדקה צו געבען והן גומל חסד צו זיין לכל אדם, ווייל דיא מדה איז [טוב לשמים וטוב לבריות] גוט צום אייבערשטן אונ גוט צו דיא מענשן אונ גוט צו זיך זעלבסט, [בין לעולם הזה, ובין לעולם הבא], אויבוואהל דאס דיא מדה פון נדיבות, אונ אויך דיא מדה רע עין קארגהייט איזט אין מעהרסטנס טהייל על פי הטבע, וואס דער מענש ווערד באלד אזו געבוירן מיט דיא מדה, צופארט ווערד מען זיך נישט קענין פטרן ביים יום הדין הגדול פון דעם עונש וואס מען איז איין אכזר גיוועזן קעגען דיא עניים, ווייל דאס איז אין דעם מענשם האנד, אויבצובעסרן דיא אלע שלאכטע מידות אויף מידות טובות, אונ זיין שלאכטע נאטיהר אויסצובעסרן, זיך מהפוך צו זיין פון שלאכט אויף גוט, נאר דאס דאזיגע מיז מיהע קאסטן, פאר דעם ווידער [לפום צערא אגרא] וואס מעהר דיא מיהע איז, איז אויך דער שכר גרעסר, מען דארף זיך צופיהרן מיט דיא מדה פון נדיבות אויך קענען זיין בני הבית, נישט צופיהל קארג צו זיין, אונ צו געבען אויף צרכי הבית [בפנים שוחקות]. דיא מדה האט קיין שיעור ביא יעדן מענש אלס איינס, נאר איין יעדר לויט זיין פארמעגען אזו דארף ער זיך נוהג צו זיין, אויך דארף מען נישט צופיהל צו פארטהיילן צו פרעמדע, אונ זיין בני הבית צופיהל מצמצם צו זיין, ווייל זיין בני הבית זענין קודמר פון ארן פרעמדן, אויך אזו איינר וואס האט אויף זיך חובות, דער איז מחויב זעהר מצמצם צו זיין, אין הייםישן הויז ווירטשאפט, כדי צו קענין זיינע חובות ביצאהלען, אויך איז אין כלל פון נדיבות, נישט צופיהל קארג צו זיין ביים איינקויפן, אונ פארקויפען, זיך נישט צו שטעלען וועגען איינע קליינע קייט, נאר זיך צו פיהרן בנדיבות

קענען

קענען איין יעדן מענש, צו לאזן אן זיך פארדינען, אזו גיט ביים איינקויפן וויא אויך בייא דעם פארקויפען, ובפרט קענען דיא ארמע לייט איז בוודאי דער חיוב אזו צו טיהן, זייא צו געבען צופארדינען, צו געבן דאס גיבאטינע געלד, אויך זייא צו פארקויפן ביליגר פין איין אנדערן דאס זעלבע איז אויך ווען איין ארימאן מיט זיך בייא איהם פארדינגען אדער מען גיבט איהם עפעס צום ארבייטן איהם צו בעצאהלן בעין יפה דאס פארלאנגטע געלד, וויל דאס ווערד פאר איין צדקה גיראכנט אונ דער עני ווערד נישט בייא דעם מבויש, אבער זיך נישט אזו צו פיהרן, וויא אטהייל עשירים זיך פיהרן, ווען זייא קויפן עפעס פין דעם ארימאן, אדער ווען זייא טיהן דעם ארימאן דינגען צו איין ארבייט, טוהן זייא מיט איהם מדקדק זיין [בדקדק עניות] ביז איין שוה פרוטה, דער אויסרייד פין זייא איז צדקה צו געבן ווייסן מיר שוהן וועהם צו געבן, אבר ביים איינקויפן אונ דינגען, וויל איך האבען וויא אין ביליגסטען, אבער באמת, איז דאס זעהר פעהל גירעט, אונ האבען קיין פארשטאנד וואס ווייסן נישט [בין ימונם לשמאלם], נאר דער דרך הישר איז גראד להיפוך, עס איז נישט פארהאנדן איין גרעסערע צדקה וויא דאס איז, וואס מען גיבט דעם עני צו פארדינען מעהר וויא עס קומט איהם, וויל דער עני ווערד בייא דעם נישט פארשעהמט, מחמת וואס ער דאכט זיך, איך האב ב"ה אן איהם פיהל מרוויח גיוועזן, אבער בייא גאט ב"ה איזט אלעס אויפעגבאר, אונ ער מיט דאס איהם ראכנען פיר איין גראסע צדקה, אויך איז אין כלל פין נדיבות צו בארגן דיא שכנים כלים פין הויזווירטשאפט, אונ נישט מקפיד צו זיין אויף דעם פארליכט וואס דאס כלי ווערד אבגעניצט וויל מען דארף צו דענקען דאס דער שכר פין דיא מצוה איז בוודאי פיהל מאהל גרעסער, עס גיבט זאלכע מענשן וואס [צרי עין] זענן עפעס איין זאך צו בארגען, אונ טהן זיך נאך דאריבער קריגען, ובפרט איז דאס שכיח בייא מאנכע ווייבר, ולכן איז מוטל אויף דעם בעל הבית זיין ווייב צו אינטעריכטן, זיא אויפמארקזאם צו מאכן פין דעם גראסן שכר פין דיא מצוה, אונ אויך דעם עונש פין דעם [צרי עין] וואס נגעים קימען וועגן דעם חטא, ובפרט דארף מען צו זיין איין נדיב לב אוועק צו לייען ספרים צום לערנען, אונ נישט צו אכטן אויף דעם פארליסט וואס עס ווערד עפעס אבגעניטצט, אונ דאס איז איין עצה טובה זיך תיכף אויפצושרייבען וועהם מען האט דאס ספר אוועק גיבארגט צום אנדערן, אויך דארף מען

צו זיין איין נדיב לב, זיך צו בעמיהען מיט שליחות פיר אנדרע מענשנס וועגן, אויך עיצות טובות צו געבן, איבערהויפט דארף דאס אלעס געשיהן צו ווערן [בעיין יפה] מיט איין פריינדליך פנים עס זייא בייא איינע קליינע טובה, אדער בייא איינע גראסע טובה, ווייל מיט דעם טוט מען מאכן איין נחת רוח צו הקב״ה, אונד זיין שכר ווירד גראס זיין בין לעולם הזה ובין לעולם הבא:

# נקימה ונטירה

[נקימה ונטירה] דאס זענין צווייא [לא תעשה] אזו וויא עס שטייט [לא תקום, ולא תטור, את בני עמיך] דיא זאלסט דיך נישט נוקם זיין, אונ אויך קיין האס טראגען צו איינעם פין דיין פאלק ישראל, נקימה הייסט אז מען זאגט איך וועל דיר אזו בייז טיהן וויא דיא מיר געטיהן האסט, אדער איך וועל דיר קיין טובה טיהן אזו וויא דיא האסט מיר קיין טובה געוואלט טיהן, אונ [נטירה] הייסט אפילו מען איז זיך נישט נוקם נאר מען זאגט צו איהם זעה דאס איך בין נישט אזו, שלאכט, וויא דיא ביזט, נאר איך טיה דיר יוא דיא טובה, דאס האט אויך דיא תורה פארבאטען מיט איין [לאו], ווייל ער טוט יענעם ווייטער איין האס נאכטראגן, נאר מיר יודן זענין מחויב וועגען אזו וואס גאר נישט מקפיד צו זיין, אונ אויך יענעם גאר קיין האס צו טראגען, נאר איין יעדן מענש דן צו זיין לכף זכות, פילייכט איז עס נישט אין זיין מאכט גיוועזן מיר דיא טובה צו טיהן, אונ אפילו וועןדיא האסט גאר קיין שום זכות אויף איהם צו געפינען, זאלסט איהם מיט דעם דן זיין לכף זכות, דאס ער האט עס נאר געטיהן מחמת וואס ער האט קיין שכל, אבער נישט יענעם צו האסען, פין דעם קאן מען זעהן וויא אונראכט דיא מענשן טיהן וואס פרייען זיך איבער דעם שטארץ פין זיין שונא, דאס זעהט מען אין מעהרסטן בייא דיא [חסרי דעת] וואס לעהר פין פארשטאנד זענין, וואס זאגען, זעהסט וויא ער איז איבר מיר גישטראפט גיווארן, אונ השם יתברך האט זיך מיינר נוקם גיוועזן, [אבל לא זו הדרך הישר] נישט אזו דארף זיך צו פיהרן דער בר דעת, נאר נאך גראד להיפוך, מען דארף זיך נאך איבר אזו וואס מצער צו זיין, דאס יעמאנד איז דורך מיר גישטראפט גיווארן, אזו וויא עס שטייט [ושמח לאיד לא ינקה] דער וואס פרייט זיך איבר יענעמס אנגליק דער ווערד נישט ענטרינען פין איין עונש,

דיא

דיא זאלסט נישט זאגען בין איך דען איין מלאך דאס איך זאל מיך נישט פרייען איבער דעם שטארין פון מיין פיינט וואס בינעהרט מיר שלאבטין צו טיהן, ווען דיא ווערסט דיר נאר דיא זאך איבערלייגען, אזו ווירסט שוהן זעהן דאס גאט ב״ה פארלאנגט נישט פין דעם מענש זאלבעם וואס נישט איז זיין מאבט איז, ווייל דיא פאלטשע טענות שפראטין נאר ארויס, מחמת וואס מען האט דיא שוואבע אמונה אן דיא השגחה פין בורא ב״ה, ווייל דער וואס גלייבט באמת דאס אלעס וואס געשיהט אויף דיא וועלט פין גראס ביז קליין, עס זייא גיטין אדער שלאבין, קימט אלעס נאר פין איהם מיט זיין השגחה פרטות, אונ דיא יעניגע וואס דיר שלאבין אדער גיטין טיהן, זעני נאר שלוחים פין הקב״ה, אונ עס פעהלט נישט אויף דיא וועלט שלאבטע מענשן, האט עס דער נישט געטיהן, אזו ווער עס גישעהן דורך איין אנדערן, אזו וויא דוד המלך ע״ה האט גיזאגט [ה׳ אמר לו קלל], אזו דארפסט שוהן קיין שום מענש צו האסען וואס דיר בייז טיט, אדער וואס וויל דיר קיין טובה טיהן, נאר דיך אליין, קאנסט דיא בעשילדיגען דאס מיינע מעשים האבען אזו גורם גיוועזן, קענען מיר אזו צו האנדלען, אונ דער יעניגער איז נאר אזו וויא איין האק אין דעם האלץ העקערס האנד:

# נטילת ידים

נטילת ידים. דיא הענד צו וואשן צום עסן איז איינע מצוה מדרבנן, אונ פיהל פין דעם המון עם טיהן אן דעם בעוה״ר מיקל זיין, מאניבע וואס וואשן זיך גאר נישט צום עסן, מחמת וואס זייא רעדן זיך איין, דאס דיא מצוה נטילת ידים איזט איינס פין מדות חסידות, מאניבע ווידער וואס וואשן זיך יוא צום עסן, אבער נישט אלע מאהל, נאר ווען זייא עסן אין דערהיים, אונ ווען עס קימט זייא אויס צו עסן וויא ארגעץ, אין דעם גיוועלבי אדער אויף דעם וועג, אזו טיהן זייא שוהן אן דיא מצוה מיקל זיין, מאניבע ווידער וואס טיהן מיקל זיין ביי מים אחרונים, וואס וואשן זיך נישט נאך דעם עסן קודם ברכת המזון, אבער דיא אלע [בחושך יתהלכו] גייען אין דיא פינצטער, וואס ווייסען נישט [היכן ישכון אור] צו גיין אין דיא ליכט פין דיא תורה הקדושה, ווייל יעדע מצוה מדרבנן וואס דיא חכמים הקדושים האבען מתקן גיוועזן, איז נאך

נאך הארבער פין מצות מדאורייתא, אזו וויא מיר האבן גילערנט [והעובר על דברי חכמים חייב מיתה] דער וואס איז עובר אויף דיא רייד פין דיא חכמים איז חייב מיתה חוץ דעם וואס מען איז אויך עובר אויף דעם לאו מן התורה [ולא תסור וכו'] וואס דיא תורה האט געבאטען, איהר זאלט נישט אבקעהרן פין אלעם וואס דיא חכמים וועלן אייך געביטען לינקס אדער רעכטס, וידוע דאס איז וואהל בקאנט וואס דיא חכמים האבן געזאגט דער וואס איז מזלזל בנטילת ידים איז חייב נדוי, אסער דעם וואס דאס איז גורם [לידי עניות] ולכן [מי האיש החפץ חיים] זאל נזהר זיין מקיים צו זיין דיא רייד פין דיא חכמים הקדושים, דאס עס זאל ביי איהם זיין פאר איין רעכטן איסור ברוד צו עסן אימגעוואשן, וויא אויך געווארנט צו זיין במים אחרונים קודם ברכת המזון, ובזכות זה ווערד איהם קיין פרנסה פעהלן כל ימי חייו אמן :

[וכן לתפלה] אויך איז מען מחויב זיך דיא הענד צו וואשען פאר יעדע תפלה, אונ עס זענען ביא דעם פיהל מענשן נישט נזהר, מחמת זייר לייכטזיניקייט, וואס עס איז זייא ווענינ דאראן געלעגן דאס זייר תפלה, זאל פאריכטעט ווערין כהוגן, כדי זיא זאל קענין אנגענימען ווערין פאר הקב"ה, אויך מיז מען געווארנט זיין אז מען האט זיך אנגערירט באמצע התפלה [במקומות המכוסים] דהיינו א לייב אדער [בצואת האף] פין דיא נאז, אדער [בצואת האוזן] פין דעם אויהר מיז מען זיך דיא הענד וואשען, אדער זיך דיא הענד אפצורייבען אן עפעס איין זאך, דאס זעלבע דארף מען אויך געווארנט צו זיין בשעת דעם לערנען, נישט אנצורירען, [במקומות המכוסים] כנ"ל [ומי האיש החפץ חיים] זאל זיך דאס גיט אין דאכט נעמען, נישט צו עסן, אדער מתפלל צו זיין, אדער צו לערנען, מיט אנרייניגע הענד, [לכבוד השם, ולכבוד התורה, וטהור ידים יוסף אומץ] :

# נבול פה

נבול פה, דער חומר הענין פון נבול פה איז ווהול בוקאנט וואס דיא חכמים ז"ל האבען גיזאגט (ושכל המנבל פיו וכו') דער וואס טוט פארנווירדגען זיין מויעל צו רעדן נבול פה, אפילו ווען עס איז אויף איהם גיחתמת גיווארן איין גזר דין לטובה, אזו ווערד עס אויף איהם פארקעהרט לרעה, צום שלאבטן ר"ל. אויך שטייט אין פסוק (ע"כ על בחוריו לא ישמח ה') דאס הייסט פון וועגן דעם חטא פון נבול פה שטארבען חלילה יונגע מענשן, אונ גאט ב"ה טוט זיך גישט ערבארמען איבר דיא אלמנות, אונ מען טוט פיר איהם טיהף מאכען דאס גיהנם. אויך דער וואס הערט אויף רעדן נבול פה אונ שווייגט, ווערד אויך גישטראפט מיט יסורין ר"ל. אונ נאך מעהרע עונשים האבען דיא חכמים גישריבען איבער דעם חטא, ובעוה"ר איז דער חטא מצוי בייא, דיא נבליב ארדינערע מענשן, זייר נאמען איזט נבל, אונ נבלות פה טיהן זייא רעדן, אויך דיא מענשן וואס טיהן זייא אויסהערן רעדן, שטאט דעם וואס זייא דארפן זייא צו וועהרן, אונ אפ צו שרייען, טיהן זייא נאך מיט לאכען, אונ מאכן זיך נאך איין איינגעהאלט דאמיט (אוי להם מיום הדין) איזט זייער עונש אויך זעהר גראס ליום הדין הגדול:

איז אין כלל פון נבול פה, דיא גוישע לידער זינגען, וואס זיירע אלע גיזאנג איזט נאר לויטר (דברי עגבים) הילטיישע זאכן, זאכע דבורים טיהט מטמא זיין דאס מויל פון מענש, אונ עס ווערד איין (חתיכה דנבילה) אונ וויא קאן מען מיט איז מויעל וואס איז פארזידלט מיט צואה, צוגענין פאר הקב"ה פאר איהם מתפלל צו זיין, אדער זיין תורה הקדושה צו לערנען אויף דעם זאגט דער פסוק (ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי) וויא קומט צו דיר דאס דיא זאלסט רעדן פון מיינע גיזעצין אונ זאלסט גאר טראגן מיין ברית דאס איז דיא תורה אויף דיינע לעפצן:

מיר וועלן מעתיק זיין איינע מעשה נורא וואס האט זיך גיטראפען אין אינזרע צייטן, מיט איין איש בדחן וואס האט פיהל לצנות, אונ קלות ראש גיברויכט, אונ האט זיך פיהל אינטערהאלטן מיט נבול פה, אונ ליצנות, אונ אויך מיט אנדרע זאכען וואס ברענגט צו שחוק אונ קלות

ראש

ראש פיר דיא [רקים ופוחזים] [ויהי היום] ווען עס איז געקומען דיא צייט
וואס ער האט זאלן שטארבען, איז ער קראנק געווארן וואס איז געלעגן
איינינע טעג אין אהיממאבט, איינמאהל מיטן דיא נאכט האט ער פלעצליך
געעפינט זיינע אויגען, אונ האט אנגעפאנגען ביטערליך צו שרייען אוי
אונ וויא איז מיר, וואס איז געבאך אויף מיר געקומען, ומחמת זיין יעמירליך
געשרייא, דיא מענשן וואס זענין ביא איהם גישטאנען האט זייא בעגריפן
איין ציטערניש, האט ער צו זייא גיזאגט, זעהט נאר דעם פארכטבארן
גישטאלט פין דיא שווארצע מענשן מיט זאלכע פארכטבארע געזיכטער,
וואס האבען, איהם געוויזען פירע קריגן מיט פייער, איהם דאס אין זיין
מויעל אריין צו ווארפען, וועגען זיין פיהר שחוק, אונ קלות ראש, אונ
נבול פה, אויך אנדערע דינים קשים וואס זייא האבען פיר איהם פאר-
גיבריט, דאריבער האט ער גישריגען מיט זיין גרוס פארכטבאר גישרייא,
אונ האט ביטערליך גיקלאגט, וויא דיא דאזיגע זאך איזט בעוויסט געווארן
אין דיא שטאט, אזו זענין פיהר מענשן צו איהם געקומען, אונ צו אלע
האט ער דאס זעלבע גיזאגט, ווען עס איז צו איהם געקומען אזו מענש
וואס האט אויך זאלבעס גיברויכט וויא ער געטיהן האט, האט ער צו
איהם גיזאגט, דיא האסט דיך אויך אזו געפיהרט וויא איך האב מיך
געפיהרט, עס וועדד איבר דיר אויך איבערפאהרן דער פארגיפטער באבער
אונ ווערסט אויך אזו פארגיפט ווערן וויא איך, ווען עס איז ווידער צו
איהם געקומען אזו איינר וואס האט, איהם אויפגיהערט רעדן אונ האט
געשוויגען, אונ האט נאך מיט געלאבט, האט ער צו איהם גיזאגט, דענקסט
דיא דעם אונ דעם טאג וואס האסט מיך גיהערט נבול פה רעדן, אונ
ליצנות ברויכן, שטאין וואס דיא האסט זאלען מיך מיט דעם שוך אין
פנים שלאגען, כדי מיך פין זאלכע מעשים מכוערים אבצוגעוויינען,
האסט נאך מיט מיר מיט געלאבט זארג נישט דער פארגיפטער באבער
פין פרעניות ווירד איבר דיר אויך איבערפאהרן, דאס דאזיגע האט אזו
געדויערט זיין שרייען אונ קלאגען דרייא מעת לעת, צום סוף האט ער
זיינע הענד אין מויעל גישטעקן, אונ האט זיך זעלבסט זיין מויעל אויפ-
געריסען גאר אהן אשיעור, אונ האט זעלבסט געשריגען ווארפט אריין
פייער, אונ מיט דיא ווארטער איז ער גישטארבען, נאך דיא פארכטבארע
מעשה, האט דיא גאנצע שטאט תשובה געטיהן, אונ האבען אבגיקעהרט
פין זיירע שלאכטע מעשים: פין דיא מעשה נורא דארף מען זיך איין
גראס

גראם מוסר ארויס צו נעמען, זיך פון זאלכעם זעהר צו היטען, און אויך פון זאלכעם אויף צוהערן, און זיך זעהר צו ערווייטערן פון מושב לצים, אזו וויא דוד המלך ע"ה האט געזאגט אין תהלים [אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים וכו' ובמושב לצים לא ישב]:

# נקיות

נקיות, דער עיקר נקיות איז, ריין צו זיין פון עבירות, וואס דיא עבירות טיהן פאראנרייניגען, און פארזידלען דאס נפש, אויך טיהן דיא עבירות פון מענש מאכן איין פגם גדול אין היכל פון מלך הקב"ה, דער מלך פון דיא גאנצע וועלט, איבר דעם דארף דער מענש צו זעהן אלע צייט ריין צו זיין [מכל נדנוד עבירה], און דאס וואס מען האט שוין געפעהלט, און פארדארבען צו אײלען תשובה צו טיהן, כדי דיא עבירות אבצומעקן, אזו וויא מיר וועלן דא ווייטער שרייבען בסימן תשובה:

עס איז פארהאנדען נאך איין מין נקיות וואס מען דארף דאביא זעהר נזהר צו זיין, דהיינו דעם גוף פון מענש זאל אלע מאהל ריין זיין פון אינווענדיג, און אויסווענדיג אין דיא צייט ווען מען שטעלט זיך בעדינען פאר הקב"ה, מיט דאווענען, און ברכות זאגען, אדער בשעת תורה לערנען, דאס איז געמיינט, זיין גוף פריער צו רייניגען פון גדולים וקטנים, אזו וויא מיר האבען געלערנט [הנצרך לנקבים אל יתפלל, ואם התפלל תפלתו תועבה] דער וואס ברויך זיך צו רייניגען פון צואה, דער זאל נישט מתפלל זיין, און ווען ער האט יוא מתפלל געווען, איזט זיין תפלה איין תועבה, איין אנווידריגקייט. אויך פון אויסווענדיג דארף מען נזהר צו זיין, דאס דער גוף זאל גאר ריין זיין פון צואה [illegible] ובפרט [בפי הטבעת] מוז מען נאך מעהר נזהר זיין דאס עס זאל גאר ריין זיין פון צואה, ווייל דער דין איז אז דאס ארט [פי הטבעת] איז נישט גאר ריין, ווערד זיין תפלה גירעכענט פאר תפלה פסולה, ווידוע דאס אהן וואסער אדער [מי רוק] איז גאר קיין מעגליכקייט דאס ארט ראבט מנקה צו זיין, און אויך זיך דוקא מנקה צו זיין בשעת מען זיצט נאך, אבער נישט שטעהנד אויך דארפן דיא בגדים און וועלכע מען איז מתפלל אדער איין ברכה זאגען, ריין צו זיין פון אלען אנרייניקייט,

ביא דעם דארף דיא אשה אזו גיוואהרנט צו זיין וויא דער איש. אונ דער וואס איז אן דעם נישט נזהר צו דאוונען אדער לערנען בגוף נקי, אויף איהם זאגט דער פסוק [כי דבר ה' בזה הכרת תכרת הנפש ההיא] דאס הייסט וויל ער גאטס רייד פארשעהמט האט, ווירד זיין נפש פארשניטן ווערן ר"ל. אונ דאס איז אין מעהרסטענס מוטל אויף דיא מיטער השגחה צו געבען אויף איהרע קינדר דאס זייא זאלען אלע מאהל האבען איין גוף נקי, אונ אויך דאס אין שטיב זאל ריין זיין פון אלען אנריינינקייט, דאס מען זאל קענין ברכה מאכען אין שטיב: אויך איז אין כלל פון נקיות, נישט צו גיין אויף דיא גאס אין פארשמיצטע קליידר אזו וויא דיא [רקים ופוחזים], נאר אלע זיינע קליידר זאלן גאר ריין זיין [ובזה ימצא חן בעיני אלקים ואדם]:

# נאמנות

נאמנות, עהרליך צו האנדלען איז איין ווינקלשטיין, אונ איין כלל גדול בתורה, דער משרת זאל עהרליך זיין צו זיין בעל הבית, אונ דער מאגדעהער צו זיין הער, צו טיהן זיין מלאכה וואס צו איהם קימט באמונה לויט וויא מען האט מיט איהם ביהאנדעלט, אונ דער שליח צו זיין משלח, ובפרט דיא שלוחי מצוה אונ אויך דיא אלע וואס זענין פארדינגען צו מלאכת שמים זאכן, כגון מלמדי תינוקות אונ שלוחי ציבור, אונ שמשים וכדומה, דיא דארפן נאך מעהר גיוואהרנט צו זיין זיך נוהג צו זיין באמונה, נישט חלילה צו פעלשן ביא זייער שליחות, כדי עס זאל נישט אן זייא מקוים ווערן, וואס דער פסוק זאגט [ארור עושה מלאכת ה' רמיה], אויך דער בעל הבית, אונד דער וואס דינגט איינעם צו איינע מלאכה, דארפען אויך זיך צו פיהרן באמונה קעגן זייערע משרתים, זייא עהרליך, אונ תיכף צו ביצאהלען, נישט אויפצוהאלטן זייער לוהן איין טאג, אונ אויך נישט זייא מיט מעהר צו בעלעסטיגען לויט וואס צו זייא קימט, אונ מיט זייא מיטלייד צו האבען, מיט זייא אמצוגעהן ברחמנות אונ מיט ערבארמקייט [לפנים משורת הדין]:

# נשים

נשים, דאס איז איין כלל דאס דיא אלע מצות [שלא הזמן גרמא], וואס אלע צייט נוהג זענין, זענין דיא ווייבר אויך אזו מחויב צו האלטן וויא דיא מאנען, אויך גיבט ווידער איינעגע מצות וואס יוא דער זמן גורם איז, אונ זייא זענין דאך מחויב זייא מקיים צו זיין, דהיינו קידוש, אונ שלש סעודות אן שבת, אונ מגילה הערן ליינען אן פורים, אונ אויך אן דיא אלע מצות וואס זענין נוהג אן דיא ערשטע נאכט פון פסח, אונ ווידער דיא אלע אזהרות וואס דער איש גיבאטן איז זייא נישט צו טיהן, איזט גאר קיין אונטערשיד איין איש אדער איינע אשה, בזמן הזה טרעפט זיך כמה נשים וואס בעוה"ר, נישט מקיים זענין וואס זייא זענין מחויב מצד הדין, דהיינו [ברכת הנהנין] ברכה צו מאכן איבער אלעם עסן, ברכה ראשונה, וברכה אחרונה, אונ ברכת המזון, אונ תפלה צו דאוינען ערב ובוקר, אונ קידוש פון שבת אין דער פריה, אונ דיא מצוה פון נטילת ידים דיא הענד צו וואשן פאר דעם עסן, ועל כולם דעם שבת קודש עהרליך צו האלטן, אונ נאך מעהרע אסירן וואס זייא בכל יום עובר זענין מיט דעם מויעל, מחמת וואס זייא זענין גיוועהנדליך צופיהל צו רעדן, וידוע דער וואס היט נישט זיין מויעל פון איבריג רעדן, דער איז בכל יום נכשל מיט פיהל עבירות, ווידער טרעפט זיך מאניכע נשים וואס [צרות עין] זענין איינע אויף דיא אנדרע, וואס האבען איין בייז אויג אויף יענעמס פארמעגן, אונ אויף יענעמס מלבושים, אונ ווירטשאפט, אונ נאך דער גלייכן, איבר אלעם וואס דאס נאך הארבער איז פון אלעס, דיא יעניגע וואס זענין מכשיל רבים מיט דעם איסור פון [מראות העין והרהורים רעים] מחמת וואס זייא גייען אויף דיא גאס אנגעטיהן [בבגדי פריצות], אונ לויפן גערן ארים אין דיא גאסען צווישן מאנען, וואס טיהן מיט דעם מכשיל רבים זיין, צו קימען לידי הרהורים רעים, צוראך איזט זייא איין זכות צו זיכען, דאס זייא טיהן עס גאר [מחמת חסרון ידוע] ווייל זייא ווייסן נישט וואס אסור איז, אונ וואס אויף זייא געווארפען איז צו טיהן אונ וואס נישט צו טיהן, אונ אויך מחמת ווייל זייא ווייסן נישט וועלכעס איין עבירה איז, צופארט, איז דאס דאזיגע קיין ראכטע טענה, זייא אין גאנצען ריין צו מאכען פון זינד, אונ מיטטייט, ווייל דער חיוב איז אויך אויף זייא גיווארפן צו לערנען דיא אלע דינים

וואס

וואס צו זייא געהער' אונ ווען זיא קאן גישט אליין לערנען, איזט זיא מחויב צו פרעגן אונ נאכצופארשען פון אנדרע פרומע ווייבער' אויך זיך צו לאזן לערנען יודישקייט' אונ יראת שמים' איהער דעם אין דיא צייט וואס עס פארזאמלען זיך מעהרע ווייבער צוזאמען' שטאט צו רעדן נארהייטן' אונ פון אנדרע מענשן אנצוראכטן' אונ שטאט ליצנות צו רעדן וכדומה' בעסער אין דיא צייט עוסק צו זיין [בדברים הנצרכים] אין זאלכע רייד וואס מען קאן פון זייא איין נוטצן האבן' למשל צו רעדן וויא מען דארף איבער יעדע זאך ברכה צו מאכן' אונ מיט וואס איינע אשה טראכט'ן דעם וואס זיא פטור איז פון תורה לערנען קאן זיך דאך קונה שלימות זיין' אונ זיך צו פארשאפן דעם גרויסן שכר בעולם הבא' [וכדי שיהי' לכם לזכרון] וועלין מיר דא ביצייכנען איניגע הנהגות טובות וואס דיא אשה כשירה דארף אן זייא נזהר צו זיין:

א) עפטערס צו לערנען זאלכע דינים וואס צו איהר געהער' דהיינו דינים פון ליכט' צינדן' אונ פלייש כשר מאכן' דינים פון דאווענען' איבער אלען ראכט קלאהר צו זיין אין דיא דינים פון נדה' אויך עפטערס צו לערנען דרך ארץ אין דיא ספרי מוסר:

ב) גיוואהרנט צו זיין בתפלת ערב ובוקר, אונ זעהר גיוואהרנט צו זיין איבער איעדעס עסן ברכה ראשונה ואחרונה צו מאכן:

ג) דיא קינדער צו ערציהן על התורה, ועל העבודה' אונ דאצו פיהל מוהע איינצווענדן' אויך איהרע קינדער אבצוגעוויינען פון אלע מידות רעות:

ד) איהר מאן מסייע צו זיין' דאס ער זאל קענין יעדן טאג תורה לערנען' אפילו' ווען ער זעהר שטארק טרוד איז ווענען דיא פרנסה' צודאך זאל זיא איהם ערמאנען אן דיא היילינע תורה' דאס ער זאל זיך לכל הפחות איין שיעור מאכן יעדן פארטאגס' אדער ביא נאכט עפעס תורה צו לערנען' אדער צו גיין איינהערן תורה לערנען' עס איז גאר קיין שיעור צו דעם גרויסן שכר פון דיא אשה וואס ברענגט איהר מאן תורה צו לערנען:

ה) דיא אשה דארף צו זעהן דאס עס זאל ביא איהר זיין שלום בית' אונ פיהל מיהע איינצווענדן' צו פארטרייבען אלע מיני מחלוקות פון הויז' וויל דער שכר פון שלום איז זעהר גרויס' אונ געליבט ביא הקב"ה' אונ ער האט פון דעם איין נחת רוח' שלום איז איין פונדאמענט פון דיא וועלט:

דאס

ו) דאס הויז ריין צו האלטן פון אלען אנריינקייט, ובפרט דא וויא עס איז קליינע קינדר אין שטיב, איז דער חיוב אויף דיא אשה גיוואָרפן, השגחה צו געבן, דאס עס זאל זיך נישט געפינען אין שטיב צואה, אונ נאכטגעשירר, אויף דעם אָרט וויא מען דארף ברכה צו מאכן, אויך השגחה צו געבען אויף דיא קליינע קינדר דאס זייא זאלין אימערוועהרנט האבען, איין ריינען גוף, אונ ריינע קליידר פון צואה, וויל דער זכות פון דיא קליינע קינדר וואס זאגען אמן יהא שמיה רבא, אונ אויך דער זכות פון דיא תורה וואס זייא לערנען ביים רבן, איז גאר גרויס, וואס דאס דאס אין קראפט, אלע גזירות רעות צופארטרייבען, אבער דעם איז איין גרויסער חיוב צו זעהן, דאס זייער תורה לערנען, אונ זיירע ברכות זאגען זאל גישעהן מיט איין גוף נקי, אבער נישט חלילה מיט איין וגוף משוקץ:

ז) גראס השגחה צו געבען ביים ווירטשאפט דאס עס זאל אלעס געטיהן ווערן בכשרות אונ השגחה צו געבען דאס עס זאל נישט עפטערס שאלות צו קומען,

ח) גיוואהרנט צו זיין (בכבוד בעלה) איהר מאן צו שעטצן, אונ צו עהרן, גלייך ער ווער דער פארנעהמסטער פון דיא שטאט, אונ אין דיא צייט וואס ער בייזארגט איז איהם צו טרייסטן בפנים שוחקות, ומכש״כ איהם נישט מצער צו זיין, פון איהם צו פאדערן זאכען וואס ער נישט אמשטאנד איז, נאר זיא זאל זיך מסתפק במועט זיין, כדי זיא זאל נישט דער גורם זיין איהם מבטל צו זיין פון תורה לערנען, איהר גליסטיגנ אונ בינעהר זאל נאר זיין איהר מאן צו ברענגען לתורה ומצות ולמעשים טובים:

ט) יעדן טאג מתפלל צו זיין צו השם יתברך מיט איין הייס הארץ, וועגן פרנסה, אונ וועגן בנים טובים ומהוגנים, אונ זוכה צו זיין צו ערציהן איהרע קינדר על התורה ועל העבודה וביראת שמים:

דיא

דיא אשה וואס ווערד מקיים זיין דיא ניין סמנים וואס דא בעצייכנט איז דיא קאן אויף דעם זעלבען שכר ראכנען בעוה"ב וויא דער גראסער ת"ח אונ יראי שמים. דורך דעם זכות פון דיא נשים צדקניות זענען מיר פון מצרים ערלייזט געווארען. מיר זאלין זוכה זיין במהרה אויך פון דעם היינטיגען גלות ערלייזט צו ווערן במהרה בימינו אמן:

# נדרים

נדרים. דער חומר העון פון נדרים איז וואהל בעקאנט [שבעון נדרים אשתו של אדם ובניו מתים] דאס פון וועגן דעם חטא וואס מען איז עובר אויף איין נדר וואס מען האט געטוהן. שטארבען חלילה ווייב אונ קינדער ר"ל. אונ דער וואס טוט איין נדר ווערד ער דאפיר אנגערופען [חוטא] איין זינדיגער. אונ דיא מענשן וואס טוהן גערן פיהל מנדב זיין אין שוהל פאר דעם עמוד. אונ בעצאהלן נישט. דיא טוהן זיך אליין פיהל שלאכטץ גורם זיין. ולכן זאל מען אן דעם גוט דענקען אז מען האט עפעס מנדר געוועזן. תיכף צו בעצאהלן. ווען נישט איזט פיהל בעסער גאר נישט מנדב צו זיין. אויך אז מען זאגט גאר איך וועל טוהן איין דבר טוב, אדער איין מנהג טוב. אדער איך מאך מיר איין שיעור קבוע צו לערנען. אז מען זאגט נישט ארויס בפירש [בלי נדר] אזו איז שוהן דיא זאך אויף איהם געווארפען גלייך ער העט איין נדר געטוהן. [ולכן האיש הירא ורך הללב] זאל זיך געוויינען בייא יעדע זאך צו זאגען. דאס וועל איך טוהן בלי נדר, אונ ווידער בייא איינע מצוה זאך מתנה צו זיין בפירש. דאס צו יעדע צייט זאל איך מעגן חוזר זיין; אונ נזהר צו זיין אז מען האט עפעס מנדב געוועזן אויף צדקה, נישט אויפצוהאלטען נאר תיכף צו בעצאהלן. עס איז ראוי מזהיר צו זיין דעם המון עם. ווען מען וויל זיך לאזן איין נדר מתיר זיין. העלפט נישט דאס עס זאל געשעהן פאר דרייא פראסטע מענשן, נאר עס מוז לכל הפחות איינער פון זייא זיין איין בן תורה וואס בקי איז בהלכות נדרים. מחמת עס גיבט זאלכע נדרים וואס מען קאן זייא גאר נישט מתיר זיין. חוץ דעם דארף צו זיין בייא איין נדר מתיר זיין. איין [פתח חרטה] אונ דאס פארשטייט נאר איין ת"ח:

# נסך

נסך. דער חומר האיסור פון יין נסך שטייט מפורש אין דיא פוסקים

ובפרט

ובפרט אין דעם ספר [יין משומר] ווערד פיהל גיברענגט דיא פיהל [חרמים, ושמתות], אונ פליבונג פין כמה [רבנים גאוני עולם] איבער דעם חטא פין יין נסך, וואס דיא האר פין מענש שטעלין זיך אויף פאר מורא [והן בעון רבה המכשילה] עס ווערן בדור הזה פיהל מענשן נכשל מיט דעם הארבן עון, מחמת וואס זייא טרינקען וויין בייא איין יעדען מענש, דער אבער וואס וויל זיין איין בעל נפש, זאל נישט פארקויפן זיין נשמה פיר איין קליינע הנאה וועגן, נישט בייא איין יעדן וויין צו טרינקען, נאר בייא אזו איינעם וואס איז מוחזק בכשרות, אונ פאר איין ירא שמים גיהאלטן, וד"ל, [וטוב יהיה לו ולנשמתו] :

# נפלאות

**נפלאות**, עס ווערד גיברענגט, דאס דער וואס מיט מזכיר זיין דיא נפלאות פין הקב"ה, דער ווערד ניצול פין צרות וגזירות רעות, ולכן וויא גיט אונ ראכטפארטיג איזט, יעדן טאג צו זאגן איינינע מזמורים פין תהלים, אונ לאנקזאם צו זאגען צו קענן פארשטיין דעם טייטש פין דיא ווארטער, [ודבר בעתו מה טוב] וויא גיט אונ אנגנעהם איזט יעדע זאך אין זיין צייט, דהיינו אן דיא נאכט פין פסח צו ערצעהלן פאר דעם בני הבית דיא גראסע וואונדער אונ חסדים פין דעם אלמאכטיגען גאט, וואס ער מיט אונז יודן געטיהן האט אין לאנד מצרים, אונ ווידער אן חנוכה, אונ פורים, צו ערצעהלן אונ אויפמערקזאם צו מאכן דאס בני הבית אן דיא נסים ונפלאות, וואס השם יתברך מיט אונז דאמאהלס געטיהן האט, וויל מיט דעם מאכט מען איין [תיקן גדול בשמים ממעל] אויך אין דיא צייט וואס מען איז צוזאמען מיט מעהרע מענשן, אונ עס ווערד דארט גירעט פיהל דברים בטלים, דא"ך דער איש הירא אנצופאנגען צו רעדן פין דיא נפלאות הבורא ב"ה וואס ער מיט איהם, אונ מיט אנדרע מענשן געטיהן האט, אזו ממילא ווערד פארוועכסלט ווערן דאס געשמיס פין דבורים אסורים אויף דבורים טובים, דער שכר פין דעם מענש וואס דאס גורם איז, איז גאר גרוס :

# נר

**נר**, דער וואס איז גיוואהרנט בנר שבת, ונר חנוכה: איז זוכה לבנים תלמידי חכמים, דאס ענין גיוואהרנט, איז גימיינט נוהר צו זיין

דיא

דיא ליכט צו צינדן בזמנו. אונ אין שיינע אונ ריינע לייכטער. אונ מיט פיינע ליכט. אדער פיינעם עהל. אויך פיהל ליכט צו צינדן לכבוד שבת קודש. דאס אנצינדען גיהער צו דיא אשה. אונ דאס צוריכטן גיהער צום בעל הבית. עס איז איין דבר טוב דאס דיא אשה זאל בשעת דיא שבת ליכט צינדן מתפלל זיין צו הקב״ה. ווייל עס איז דאמאהלס איין עת רצון :

# אות ס׳ סבלנות

**סבלנות.** איזט געדולדיקייט. אונ וויא גוט אונ אנגענעהם איזט דיא מדה טובה פון סבלנות. דאס איז מוטל אויף איין יעדן מענש (הגדול לפי גדלו. והקטן לפי קטנו) איז איינער איין עלצטער אונ הערשער איבער אנדרע מענשן. דארף ער צו בעזיטצען דיא מדה פון סבלנות. צו פארטראגען אונ געדולדן דעם לאסט פון דיא מענשן. אונ צו ערדולדן דאס לעסטערונג אונ שימפפרייד פון דיא (אנשי בליעל) וואס מיהן זיך קענען איהם ווידערזעטצן. ווייל מיט זאלכע מענשן אמצוגעהן בנחת. אונ נישט צארניג מוז פיהל מוהע קאסטן. דאס זעלבע דארף מען זיך צו פיהרן מיט דיא מדה פון סבלנות בביתו אין זיין הויז מיט זיין ווייב אונד קינדער אונ משרתים. אונ אפילו אין דיא צייט וואס מען דארף זיך אויף זייא צו בייזערן כדי זייא מוכיח צו זיין. (ותהי שמאל דוחה וכו׳) מיט איין האנד זאל מען זייא פארשטויסן אונ מיט איין האנד זאל מען זייא מקרב זיין. דיא מדה פון סבלנות איזט נישט אלע צייט גלייך. נאר דאס דארף גיוואגען צו ווערן מיט דיא וואגשאהל פון שכל. דהיינו: לויט דעם פארשטאנד. אונ לויט דיא יאהרן פון דעם קינד. עס איז פארהאנדן איין צייט גאר צו שווייגן. אונ ווידר איין צייט צו בעווייזן פארכט אונ מורא אונ גיבייזער. אויך איין צייט דאס קינד צו ציכטיגען מיט שלאגען. אונ ווידער איין צייט צו דעם קינד צו רעדן מיט ווייכע רייד — וכמה אונ וויא פיהל סבלנות אונ גבורה דארף מען צו האבען זיך צוריק צוהאלטן פון איבריגע רייד. איין איש חכם האט גיזאגט. אזו לאנג. וואס דיא האסט נאך נישט דאס ווארט גירעט. איז דאס ווארט בייא דיר פארשפארט אונ געבינדען. ווען אבער דיא האסט נאר דאס ווארט אויס דיין מויל ארויס גירעט. אזו ביזט דיא שוין געבינדן. אונ איין אונטערטאהן צו דעם ווארט. אונ דאס ווארט מיט איבער דיר גיוועלטיגען. ובפרט אין

דיא

דיא צייט וואס דער מענש אין כעס איז, דארף מען נאך מעהר סבלנות און גבירה צו בעווייזן דעם יצר כובש צו זיין, זיך צו מאכען וויא שטים קיין איינציג ווארט צו רעדן, ווייל אין דיא צייט פון כעס ווערד מען בוודאי רעדן אהן פארניפט און אהן פארשטאנד, און זיין רעדן ווערד איהם פארגעווים אויפרייצן צו קריג, און ווערד אויך זיך נישט קענען צוריק האלטן פון פליכען און לעסטערן, וואס ער העט זאלבעס נישט געטיהן אין זיינעם לעבען ווען ער מיושב איז, מיט איבערלייגונג אהן כעס, אין דיא צייט פון כעס איז אפילו דיא שכינה, נישט חשוב אין זיינע אויגען, און וויפיהל חרטות האט ער שפעטער ווענען זיין לייכט־זיניגקייט, און ווענן זיין נישט צוריק גיהאלטען, איבער דעם איז נישט פארהאנדן אין דיא צייט פון כעס איין בעסערע זאך וויא צו שווייגן, און סבלנות צו בווייזן, אפילו נישט צו ענפערן, און אז מען זעהט דאס דער כעס זעהר שטייגט ביי איהם, און מען ווערד זיך נישט קענין צוריק האלטן פון צו ענפערן, אזו זאל מען פון דארט ענטלויפן אזו וויא פאר דיא שווערט, [כי השומר פיו ולשנו, שומר מצרות נפשו] דער וואס היט זיין מויל און דיא צינג, דער היט פון צרות זיין נפש און ווערד דאפיר זוכה זיין [ורב טוב הצפון לעוה"ב]:

אויך דער מענש וואס עס איז אין זיין גורל געפאלען איינע אשה [קשת רוח] וואס טיט איהם עפטערס ערצארנען, דער דארף איין גראסער סבלן צו זיין אלעס צו ערדילדען פון שלום בית וועגן, ווייל שלום איז זעהר חשוב ביי השם יתברך, און שלום איזט איין פונדאמענט פון דיא וועלט, נישט דעם מענש איזט צו ברידהמען דאס ער בעזיצט דיא מדה פון סבלנות, וואס ווערד פון אלע מענשן גישעצט, און אלע טיהן זיין רצון! נאר דעם מענש איזט צו בריהמען, און צו לויבן, וואס מען טיט איהם עפטערס ערצארנען, און מען האנדעלט קעגען איהם מיט אנראכט, וואס זייא טיהן איהם נאך פארגעלטן שלאכטץ פאר גיטץ, און ער איז דאך איין סבלן, וואס טיט מעביר על מידותיו זיין, אזו איינער פארדינט זיך ביי הקב"ה [שמעבורין לו על כל פשעיו], דאס מען טיט איהם אויך פארגעבען אויף אלע זיינע מיסטייט:

# סוכה

סוכה, דיא מצוה פון סוכה איזט זעהר חשוב און איין טהייערע מצוה,

ואשרידם

[ואשריהם ישראל] רוב ישראל זענען געוואהרנט צו מאכען איינע סוכה נאה, אונ מיט שיינע כלים, וואהל איז זייער חלק, עס גיבט אבער אויך זאלכע מענשן [חסורי הדעת] וואס טיהן נעהר גרינג שעטצן דיא חשובה מצוה, וואס זייא עסן נישט מעהר אין דיא סוכה נאר דיא ערשטע צווייא טעג, אונ דאס טיהן זייא אויך נאר, מחמת וואס וויכן זיך נישט אין גאנצען אוים שליסען פון כללות ישראל מחמת בושה [ואוי להם ולנפשותם] ווייא איז צו זאלכע מענשן אונ צו זייר נשמה, [שעתודים ליתן את הדין] :

[ועתה, הקורא נעים] עפען דיינע אויגען אונ בעטראכט נאר דיא תחבולות פון יצר הרע, וויא ער איז איין חכם להרע, וואס גרעסר אונ חשוב דיא מצוה איז, וואס מעהר תחבולות טראכט ער דיא מענשן צו מאכן זינדיגען, דאס זייא זאלין דיא מצוה פארדארבן, אונ פארשמיטצן, כדי פון זייא צו מאכן פארלירן דעם גראסן שכר פון דיא מצוה, דאס איז איין ידוע לכל, דאס דיא קדושה פון סוכה זעהר גראס איז, וואס איז באלד אזו גיגלאכנט צו דיא קדושה פון בהכנ״ס, וואס מען טאהר נישט נוהג זיין אין דיא סוכה איין מנהג בזיון, דארט קיין מאוסה כלים ארויין צו נעמען, אונ אויך נישט דארט צו טיהן אזו מלאכה וואס מאום איז, פון דעם קאן מען זעלבסט פארשטיין וויא הארב דער עון איז, דארט צו ברויכן [שחוק וקלות ראש], דער הקדוש והטהור האר״י ז״ל איזט אפילו גיוואהרנט גיוועזן, פון צו רעדן אין דיא סוכה [שיחת חולין] עס ווערד גיברענגט אין דיא הייליגע ספרים דאס דער וואס איז זיך נוהג אין דיא סוכה דיא גאנצע זיבן טאג [בקדושה ובטהרה], דער מיט זיך דאמיט פארשאפען קדישה וטהרה צו זיין [נפש, רוח, ונשמה] אויף דעם גאנצן יאהר, צו קענין דעם בורא ב״ה דינען דאס גאנצע יאהר [בעבודה תמה] יאעפ״כ צופארט מיט דער יצר מיט זיינע תחבולות פארשפרייטן נעטצן כדי דיא מענשן דארט גפאנגען צו ווערן, דעם המון עם מיט ער מיט דעם פאנגען, וואס ער ברענגט זייא צו דעם, צו פארוועגדן דיא פאר שעה וואס זייא צוזאמען זיטצען אין דיא סוכה מיט דברים בטלים צו רעדן, וואס פארגייט אויף דיא גאנצע וועלט, ומתוך זה קימען זייא שוהן אויך לשון הרע צו רעדן אונ צו שפעטען אוים דיא אמתדינע אונ פרימע מענשן, [אוי לאזנים שכך שמעות], ווען זאלכע דבורים איז איין הארבער איסור צו רעדן נישט אין דיא סוכה, מכל שכן וויא גראס איז נאך דער

חטא. ווען זאלכע דבורים געבריוכט ווערן אין דיא סוכה אין איין הייליג ארט. אונ עס פאלט קיינעם איין דאס ער מיט עפעס איין אנגראכט. אויסער דעם איז דאס אזו ראכט מיט זאלכעס צו פארוועגן דעם [יום החג הקדוש הזה]. אונ אפילו דיא יעניגע וואס יוא גאטס פארכטיג זענען. אונ העטין גערן זאלכע דבורים נישט צו גיהארכט. אבער איבער זייר דאנק מיזן זייא עס אויפהערן רעדן. דען וויא זאל ער גיין אונ ענטלויפן אן דעם חג הסוכות. אזו קאן מען זאלכע מענשן ראכנען פאר (חוטא ומחטיא. השם הט"ב יכפר]:

ועתה. ביטראכט נאר דיא תחבולות פון יצר הרע. וויא ער וויסט צו איין יעדען צו קימען מיט אנדערע תחבולות. טרעפט ער ווידער אין דיא סוכה זאלכע מענשן וואס זענען לומדי תורה. מיט ער ווידר זייא אנרייצן זיך צו קריגען. וואס דאס הערענגט צו שנאה. וקנאה. דהיינו דא וויא עס זענען צוזאמען חסידים מיט מתנגדים. אזו וויל איין יעדער איבערהויפטען דאס נאר זיין דרך איזט ראכט. אונ דעם צווייטען פאר נישט צו מאכען. אונ דאדורך שטארקט זיך מאניכעס מאהל דיא מחלוקה [עד לב השמים]. אונ עס וויל קיינער פון זייא דיא אויגען עפנען זיי פארשטיין. דאס דיא גאנצע מחלוקה איז נאר מעשי היצר. וואס רעט יעדן בעזינדר איין. דאס ער מיינט עס לשם שמים. באמת אבער איז עס גאנץ פאלטש. ווייל דער מענש וואס איז באמת איין עובד השם. איין אמתדיגר מענש. דער דארף זיך אלע מאהל מכניע צו זיין. זיך פאר גאר נישט צו האלטן. אונ דעם אנדערן פיר גרעסער צו האלטן פון זיך זעלבסט. אונ פארוואס זאל מען נישט איינזעהן דעם אמת. איז דען גאר איין ארזאך זיך איבער זאלכעס צו קריגן הלא. פארוואהר מיר אלע יודן זענען דאך איין פאלק [בני אברהם ויצחק ויעקב. ואב אחד לכלנו] אונ מיר האבען נאר איין פאטער אין הימעל. אונ אויך איין תורה. וואס איז דען דיר דאראן גילעגן. וואס יענער איז. איין חסיד. אדער איין מתנגיד. ווען מיר אלע יודן גלייבען נאר אן איין גאט אין הימעל. אונ מיר אלע גלייבען נאר אן איין תו"ה. זעהע אויבן וואס מיר גישריבען האבען [באות ח' סימן ח"ה־ז"ת] פון דעם ענין. [ולכן מי האיש החפץ חיים] זאל זיך נישט לאזען פיהרען פון דעם יצר. נאר ער זאל זיך שטארקען בכל עוז. דעם הייליגען חג הסוכות צו פאר־ווענדן מיט תורה ועבודה. אונ זיך צו מאכן פאר איין איסור גמור אין דיא סוכה צו רעדן דברים בטלים. ובפרט צו זעהן דאס עס זאל גאר

זיין

זיין שלום אונ אחדות צווישן יודן (ובזכות זה נזכה לראות בביאת הגואל, ולישב בסוכות של לויתן אמן):

# סייג לתורה

**סייג לתורה,** אויף דעם פסוק (ושמרתם את משמרתי) האבען דיא חכמים גדרשנט דאס דאס קומט צו ווייזן דיא תורה האט געבאטן צו מאכן (סייגים) דאס איז פארציימונגען צו דיא תורה, אונ דאס דאזיגע איז איבער ענפערט געווארן צו דיא (חכמים הקדושים, איבער דעם האבען זייא פיהל זאכן גאסערט, אונ גוזר גיוועזן, וואס זייא האבען פארשטאנען וואס נייטיג איז צו אסרן, וואס דאדורך האט דיא תורה איין קיום, אונ יעדע זאך וואס זייא האבען גאסרט, איז נאך הארבער פין דעם וואס אסור איז מן התורה, אזו וויא מיר האבען גילערנט (כל העובר על דברי חכמים חייב מיתה) אונ דער וואס שפעט אויס דיא רייד פין דיא חכמים, ווערד אנגערופען (אפיקורוס) אונ זיין עונש איז, וואס מען טוט איהם דן זיין (בצואה רותחת), אונ חוץ דעם וואס דיא חכמים האבן מתקן גיוועזן פיר כללות ישראל, איז אויך איין יעדער איינציגער פיר זיך מחויב זיך צו מאכען גדרים אונ פארציימונגען, כדי נצול צו ווערן פין דעם שטארקן יצר, אונ דאס דאזיגע איז נישט ביא איין יעדען מענש גלייך, נאר איין יעדער לויט דיא פעהלער אונ שלאכטע מדות וואס ער בעזיצט, אונ צו וואס דער יצר טוט איהם שטארק אנרייצן, אזו דארף ער זיך גדרים צו מאכן, אונ אויף זיך צו אסרן (דברים המותרים) וואס מותר איז, כדי דעם שטארקען יצר כובש צו זיין (ובתחבולות יעשה מלחמה) קעגען דעם יצר צו שטרייטן מיט תחבולות, למשל אזו איינער וואס איז שוהן איינגעוואהנט מיט דיא שלאכטע מדה פין שכרות, זיך עפטערס צוא איבערטרינקען, אדער אזו איינר וואס בעזיצט דיא מדה רע פין כעס, זיך עפטערס צו כעסן, אדער דער וואס האט זיך שוהן איינגעוואהנט לשון הרע צו רעדן, אונ נאך דער גלייכען ביא אנדערע זאכן, ווען ער וויל זיך פין זיין שלאכטן וועג אבגוויינען דער מוז זיך איינצוימען אויף זיך אסרן אויף איין צייט, גאר קיין שום משקים צו טרינקען, זיך גאר נישט צו כעסן, אונ פין קיין שום מענש צו רעדן, אפילו אויך קיין גיטין, אזוי לאנג זיך אזו צו פיהרען, ביז ער ווערד זיך פין זיין געוואנהייט ווידער צוריק אבגעוויינען, אונ זיין שלאכטע נאטוהר אמווענדן, אונ בזה האופן

איזט

אִיזט זַייעֶר לַייכְט זִיךְ מתקן צוּ זַיין, אוּנ נהפוך צוּ וֶוערֶן [לאיש אחר], אוּנ זַיינֶע שְׁלַאכְטֶע נַאטִירֶן אוֹיסְצוּבֶּעסֶערֶן, אוּנ וֶוען דֶער יצר מִיט אִיהֶם שְׁטַארְק אָנְרֵייצְן, אִיזְט גִיט אוֹיף זִיךְ מקבל צוּ זַיין, זִיךְ צוּ קַנְסְנֶען מִיט גֶעלְד שְׁטְרָאף, אוֹיף דִיא צדקה, אָדֶער מִיט עֶפֶּעס פַאסְטֶען, וֶוען עֶר וֶוערְד אוֹיף דֶעם נָאךְ אֵיין מָאהְל עוֹבר זַיין, וָואהל דֶעם מֶענְשׁ וָואס נִימְט זִיךְ פָאר צוּ שְׁטְרֵייטְן קֶעגֶען דֶעם יצר אַזוֹ וֶוערְד מֶען אִיהֶם מן השמים מסייע זַיין [כי הבא לטהר מסייעין אותו]:

# סוד

סוד. דֶער מֶענְשׁ דַארְף צוּ זַיין אֵיין בעל סוד, נִישְׁט צוּ עֶנְפְּלֶעקְן זַיינֶע גֶעהֵיימְנִיסֶע צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן, עֶס שְׁטֵייט אִין [ספר בן סירא] פִיהְר מֶענְשְׁן זָאלֶן זַיין דַיינֶע גִיטֶע פְרֵיינְד, צוּ פַארְט זָאלְסְט נָאר עֶנְפְּלֶעקְן דַיין סוד צוּ אֵיינֶעם פִין טוֹזֶינְט, עֶס אִיז אָבֶער נָאךְ בֶּעסֶער צוּ דֶעם אֵיינֶעם אוֹיךְ נִישְׁט [מגלה סוד] צוּ זַיין, וֶוען דָאס אִיז נִישְׁט זֵייעֶר נֵייטִיג, ווייל עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען, טִיהְ נִישְׁט מגלה זַיין צוּ דַיין לִיבְּהָאבֶּער, דָאס וָואס דִיא טִיסְט פַארְהוֹילֶען פִין דַיין שׂוֹנֵא, ווייל עֶס אִיז צוּ בֶּעזָארְגֶען פִילַייכְט וֶוערְד דַיין גִיטֶער פְרֵיינְט פַארְקֶעהְרְט וֶוערֶן, פַאר דַיין שׂוֹנֵא, אוּנ עֶר וֶוערְד דַאמָאהלְס אוֹיפְעֶנְבַּארֶען וָואס דִיא הָאסְט אִיהֶם גִיזָאגְט [על פי סוד], אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶעהְר גִיוָואהְרֶנְט צוּ זַיין נִישְׁט צוּ עֶנְפְּלֶעקְן דֶעם סוד פִין זַיין חבר, וָואס עֶר הָאט עֶס דִיר גִיזָאגְט בְּסוֹד, אפילו אוֹיךְ נִישְׁט דָאס צוּ עֶרְצֶעהְלֶן פַאר זַיין ווייבּ, אוּנ אפילו דָאס יֶענֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס־דְרִיקְלִיךְ גֶעוָוָאהְרֶנְט דִיא זַאךְ נִישְׁט מגיד צוּ זַיין, צוּ פַארְט זָאלְסְט עֶס נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם עֶרְצֶעהְלֶן, ווייל עֶס אִיז שׁוֹהְן פִיהְל שְׁלַאכְטְן אַרוֹיסְגֶעקִימֶען דוּרְךְ דֶעהֶם, וָואס מֶען עֶרְצֶעהְלְט הָאט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁן זָאכֶע זַאכְן וָואס אִיז גִירֶעט גִיוָוארֶן אִין זַיין הוֹיז פִין זַיינֶע אֵייגִינֶע קִינְדֶער, אוּנ קְרוֹבִים, אוּנ גִיטֶע פְרֵיינְד, וויפיהל מהלוקות אוּנ שׂנְאָה אִיז שׁוֹהְן דַאדוּרְךְ אַרוֹיס גֶעקִימֶען, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס דָאס בֶּעכְטֶע הַיילְמִיטֶל פִיר אַלֶע מֶענְשְׁן [שתיקה] צוּ שְׁווייגֶען, אוּנ נִישְׁט צוּ רֶעדְן וָואס נִישְׁט גַאנְץ נֵייטִיג אִיז, אוּנ וויא שְׁטַארְק דַארְפֶען זִיךְ דִיא מֶענְשְׁן צוּ שֶׁעהְמֶען, וָואס זֶענֶען גֶערִין נַייגִירִיג צוּ ווִיסֶען יֶענֶעמְס גֶעהֵיימְנִיסֶע, אוּנ טִיהְן זִיךְ שְׁטֶעלֶען הִינְטֶער דִיא טִיהְר, כדי צוּ אוֹיסְצוּהֶערִין וָואס זַיין שכן רֶעט, אוֹיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר אֵיין אַנְרָאכְט פִין דִיא מֶענְשְׁן, וָואס עֶפֶנֶען יֶענֶעמְס

פארזיגעלטין בריף, וואס דאס פארבאטען איז (כ"חדר"ג) עס ווערד גיבראכט (בתשובת הלקט), דאס דער וואס טוט תחבולות טראכטען צו וויסען יענעמס סוד, איז עובר אויף (לא תלך רכיל בעמך), ולכן השומר את נפשו, זאל זיך פון זאלכעס ערוויטערן (כי תועבת ה' כל עושה אלה, ואשרי תמימי דרך):

# ספר

ספר. דאס איז איין מצוה פון דיא תרי"ג מצות, זיך צו לאזין שרייבען איין ספר תורה, דיא פוסקים שרייבען דאס בזמן הזה, איז מען מקיים דיא עיקר מצוה, זיך צו קויפען ספרי פוסקים אויך אנדרע ספרים צום לערנען, דער אבער וואס אין שטאנד איז דיא מצוה מקיים צו זיין, דער דארף דיא מצוה נישט אבצולאזען, נאר ער זאל זיך אויך לאזן שרייבען איין ספר תורה, פיהל מענשען זענען זיך נוהג, וואס בשעת זיא טיהן דאס ספר תורה אין שוהל געבען, צו מאכען גראסע סעודות, און גראסע הוצאות, אבער על פי האמת, וועד פיהל בעסער, דאס געלד צו פארטהיילען צו דיא עניים בני תורה, ליעבער מיט דען געלד נפשות צו ערהאלטען, דאס זעלבע איזט אויך ביא יעדע הוצאה אויף איינע מצוה, צו רעכנען פון וועלכעס דער שכר גרעסער איז, דאס זאל מען פריער טיהן, אזו וויא איין סוחר, וואס זעהט זיך פאר דעם געלד צו קויפען זאלכע סחורת, וואס עס איז דאביא מעהר צו פארדינען, און דאס איז איין יהע, דאס עס איז נישט פארהאנדען איינע גרעסערע און חשובע מצוה, וויא צו ערפרייען דיא בעטריבטע הארצער אין זייר נאטה, אזו וויא עס שטייט (אשרי משכיל אל דל), (ומי האיש החפץ חיים), דער זאל זיך פארשאפען פארשידינע ספרים צום לערנען, הן בלשון הקודש, והן בלשון אשכנז, ספרים אויף עברי טייטש, (כי אין אומן בלא כלי), אזו וויא עס קאן נישט עקסעסטירען איין בעל מלאכה אהן כלים, אזו אויך קאן איין מענש נישט פריער ערדרייכען צו דיא תורה, און צו מוסר, און צו אנדרע מדות טובות, אהן דיא היילינע ספרים, און ער וואס האט אין זיך נאר איין שטיקל אהבה צו הקב"ה, דער דארף אימער צו גליסטען זיך צו פארשאפען אלע ארט מוסר ספרים, אויך פארשידינע ספרים, פון דינים הנצרכים, הן בלשון הקודש, והן בלשון אשכנז, אזו גיט פיר זיך, וויא אויך פאר זיין בני הבית וועגין, ווייל אזו וויא דער מענש וואס קראנק

איז, קאן נישט גיהיילט ווערן אהן רפואות, אזו אויך קאן מען נישט היילען זיין נפש, אהן תורה ומוסר, (וכש"כ בראתי יצר הרע, בראתי לו תבלין זו תורה) — עס איז איין חיוב דיא ספרי קודש צו שוהנען, אונ זייא ריין צו האלטען, אונ נישט נוהג צו זיין אן זייא (מנהג בזיון), אזו וויא ביא מאניכע מענשען, וואס דיא היילינע ספרים האבען נאך ווענינער אין ווערט, ביא זייא, וויא דאס גרינגסטע כלי פון הויז, דאס איז איין ביוויז אויף זייער אנוויסענהייט אויך דארף מען נזהר צו זיין, נישט אויף צושרייבען, אויף דעם גליון פון ספר לעהרע זאכען, אויך דארף מען נזהר צו זיין, דאס ארט פון דיא מזוזה ריין צו האלטען, דארט נישט צו לאזין ליגען קיין שום אונריינינקייט, קיין נאכט כלי, וכדומה, ווייל דאס איז זעהר איין מנהג בזיון: אויך איז ראוי מזהיר צו זיין, דיא מענשען וואס טיהן עולה לתורה זיין, גיוואהרנט צו זיין הויך אונ דייטליך צו זאגען דיא צוויא ברכות, איבער דיא תורה, כדי דאס ציבור זאלען קענען ענטפערין אמן, פיהל פון דעם המון עס זענען אן דעם נישט גיוואהרנט, וואס מען הערט פון זייא קיין ברכה והצלחה, אויך זאל מען וויסען, דאס דער וואס איז עולה לתורה, איז מחויב מיט צו זאגען מיט דעם קורא דיא גאנצע פרשה (בלחש) ווען נישט איז מען נישט יוצא, דאס דארף מען גיוואהרנט צו זיין, נישט מקפיד צו זיין, אז מען גיבט איהם איין עליה, וואס עס דאכט זיך איהם דאס עס איז נישט לפי כבודו, ווייל דאס דאזינע איז איין גראסע שטות פון דיא מענשען, אונ אזו איינער וואס מען רופט איהם אויף עולה לתורה צו זיין, אונ וויל נישט גיין, שטייט אויף דעם געשריבען, דאס עס ווערין איהם חלילה זיינע יאהרען אבגעקארצט ר"ל אונ עס איז איין חיוב, אויף אלע מענשען צו נייגען זייערע אויהרען גוט אויף צו הערען פון דעם קורא, יעדעס ווארט, מיט גראס ליבשאפט, גלאך מען העט עס גיהערט אצונד פון בארג סיני:

# סניגוריא

סניגוריא, ידוע, דאס דער רצון פון הקב"ה איז, דאס מען זאל איביג גוטין רעדין, אונ ממליץ טוב זיין אויף זיין פאלק ישראל, אזו גוט אויף דעם כלל, וויא אויף דעם פרט, מיר געפינען דאס אליהו הנביא ז"ל איז נענש גיווארען, ווייל ער האט גימאכט שלעכטין גירעט אויף דיא ישראל, וואס האט גיזאגט פאר הקב"ה, דיינע יודען האבען פירלאזט.

דיין תורה, אויך ישעיהו הנביא איז געשטראפט געווארען, ווייל ער האט געזאגט [בתוך עם טמא שפתים אנוכי יושב] נאך מעהר געפינען מיר, דאס משה רבינו איז געשטראפט געווארען, ווייל ער האט געזאגט, אויף די ישראל [והן לא יאמינו לי] זייא וועלין מיר נישט גלויבע: ווידער אין דעם אנדערן אופן געפינען מיר, [גדעון] האט זוכה געוועזן צו זיין איין ראש איבער די ישראל, ווייל ער האט ממליץ טוב געוועזן אויף די ישראל; די אורזאך פון דעם איז, ווייל יעדער דיבור וואס דער מענש רעט מאכט איין רושם, וואס מיט מתעורר זיין די [פמליא של מעלה] מיט ער גיטין רעדען, אזו מיט ער ערוועקען ממליצים טובים אין הימעל אויף די ישראל, מיט ער אבער שלאכטין רעדן, מיט ער מיט דעם ערוועקען מקטרוגים אויף די ישראל, איבער דעם ווא שטארעק דארף זיך דער מענש צו היטען, נישט מזכיר צו זיין די שלאכטע מעשים פון די ישראל, נאר נאך להיפוך, איביג נאר ממליץ טוב צו זיין אויף די ישראל, ולכן איז דאס איינע עצה טובה, ווען מען הערט פון יעמאנדען מלמד חוב זיין אויף ישראל, זיך צו פעדערן, מלמד זכות צו זיין, מיט וואס נאר מעגליך איז, דהיינו [מה יעשה הבן שלא יחטא], וואס איז דען איין ווינדער דאס מיר זינדיגען, וויא פיהל איז נעבאך גורם דאס עניות, אונ דאצו דאס פינצטערע גלות, עס איז אן אינז מקיום געווארן דער פסוק [ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם], איז דען דאס קיין ווינדער, דאס מיר יודן זענען נאך לעת עתה פעסט אן אינזער אמונה דאס מיר זענען שוהן מעהר פון אכטצען הינדערט יאהר אין דעם גלות פארטריבען, צווישען די עכו"ם, אונ מיר האבען נישט מעהר, איין נביא, אונ קיין בית המקדש, קיינע מוכיחים, ועל הכל [כי יצר לב האדם רע מנעוריו] וואס דער יצר הרע איז באלד בייא דעם מענש פון זיין יוגענט אן מען קאן זייא ראבענען פאר אונסים, ושוגגים, אונ נאך מעהר דער גלייכען, דארף מען ארויס צו זוכען, כדי דן צו זיין די ישראל לכף זכות, [וכל הדן את חבירו וכו'] דער וואס איז דן זיין חבר לכף זכות, מיט מען איהם אויך דן זיין לכף זכות בשמים, נאך מעהר דארף מען געוואהרנט צו זיין, אין די צייט וואס איין מענש איז אין איין צרה, אויף איהם ממליץ טוב צו זיין, מיט וואס נאר מעגליך איז, אונ נישט חלילה וחלילה צו ערמאנען זיינע עונות, אזו וויא דער מנהג רע איז בייא די קלי הדעת, וואס האבען ליעב נאך ארויס צו זוכען אלע פעהלער פון דעם אנגליקליכען מענש ווען ער איז [בעת צרה],

וואס

וואס זאגען, דאס, אדער דאס האט איהם גורם געוועזן, דאס דאס בייז איז אויף איהם געקומען, זאלכע מענשען זענען מיט דעם גורם פיהל בייז אויף, דעם אנגליכען מענש, מחמת וואס דער שטן איז מקטרג בשעת הסכנה, נמצא, דאס אויבען איז אויף איהם מקטרג דער שטן, און דא ווידער די מענשען, אויך איז איין איסור בייז צו רעדען אויף די [שוכני עפר], וואס שוהן געשטארבען זענען, [ואיש טוב, ידבר טוב] דער גוטער מענש רעט גוטץ, און איז גורם צו ברענגען די גאולה שתהי' בב"מ:

# סליחות

סליחות, די ישראל קדושים זענען זיך נוהג, אויפצושטיין פארטאגס אן די ימי הסליחות [ומה טוב חלקם] ווייל זיי טיהן זיך בראכען די תאוה פון שלאף, וואס דער מענש האט פון דעם איין גראסען תענוג, און דער שלאף איזט זעהר זיס צו דעם אנגעמידען מענש, צו־פארט, טיהן זיי זיך בראכען די תאוה, און האפען זיך אויף אייניגע שעה פאר טאגס, מיט דען אליין, דארפען זיי בעווייזען צו ווערן צו זייער העררר הקב"ה, נאר בתנאי זה, דאס עס זאל געשיהן ווערן כתיקון, וויא עס געהער צו זיין, ראשית, אויף צו שטיין בזריזות, און תיכף זיך די הענד און אויך דאס פנים צו וואשען, און קודם לכל, זיך דעם גוף צו ריינעגען, פון גדולים וקטנים, און הערנאך צו זאגען ברכת התורה מיט גראס כוונה, ובשמחה רבה, הערנאך געשווינד צו לויפען אין שוהל, און צו זאגן די סליחות גאנץ לאנקזאם, אות באות, כדי צו קענען אין די געדאנקען האבען דעם טייטש פון די ווארטער, ביי מאניכע מקומות איז איין געפיהרט דער מנהג רע, צו זאגען די סליחות, זעהר איילדיג, גלאך מען האט זיי געיאגט, מען קאן זיך פאר שטעלין, ווען מען העט מיט אזוי בעהטען פארגעקומען פאר איין מלך בשר ודם, און מען העט צו איהם געזאגט, אדוני המלך, איך האב קענען דיר געזינדיגט, און ווידער געשפעניגט, וואס איך האב אויף דעם, און דעם עובר געוועזן, נאר מען העט אבער, דאס גירעט האפעדיג, און אנאיבערדלייגונג, אליין נישט צו וויסען וואס מען רעט, [הלא אחת דתו להמית], מען האט זיך נאך דאדורך פארהאסט גימאכט ביים מלך, איבער דעם דער מענש וואס וויל זיך זעלבסט נישט נארען, דער זאל געוואהרנט זיין צו זאגען די סליחות זעהר לאנקזאם, און זאל זיך פריער אין דאכט נעמען, וואס וויל איך אצונד

טיהן

טיהן, אונ פאר וועהם טיה איך מיך אצונד נידער שטעלין בעהטען, אונ
זיך פריער צו איבער קלערהן, מיט וואס האב איך דאס גאנצע יאהר
צוגעבראכט. אויך זיך צו ערמאנען וואס פאר איין צייט קומט דער יום
הדין הגדול והנורא, וואס דיא ספרי חיים, וספרי מתים זענען דאמאהלס
אויפען פאר דעם מלך הכבוד [אשר מלא כל הארץ כבודו], מען דארף
נישט נאר בלויס צו בעהטען, וועגען פרנסה אונ געזונד אליין, נאר דאס
עיקר בעהטען דארף צו זיין אם איין כפרה אויף דיא עונות ופשעים, וואס
דאס איז דער גרעסטער גורם צער צו אונזער פאטער אין הימעל, אונ נאר
דיא עבירות טיהן אויף האלטען דיא גאולה שתב"ב, נאר דאס דארף צו
זיין דער עיקר בקשה: אונ וייל אן דיא הייליגע טעג טוט דער ערבארימ־
גער פאטער אין הימעל ארן שיקען איין התעוררת, אונ איין אנגסט
אין דיא הארצער פון זיין פאלק ישראל, וואס עס איז נישט איין, מענש
פון דיא ישראל, וואס זאל נישט אן דיא טעג בעקומען פארכט פאר דעם
יום הדין הגדול והנורא, [רק הכל לפי מה שהוא אדם] לויט דיא הכנות
פון מענש, וויא וייט ער טוט זיך מיכן זיין, מיט אזו פיהל ווערין איהם
זיינע אויגען געעפנט צו זעהן, אונ צו שפיהרען איין פארכט פאר הקב"ה,
אויסגענימען דער גאנצער פושע וואס האט שוהן נישט אין זיך איין
שטיקער ניצוץ פון יודישקייט, וואס אזו איינער שפיהרט שוהן גאר נישט
מחמת [שהרשעים בחייהם נקראים מתים], אזו וויא דאס מת שפיהרט
שוהן גאר נישט, אזו שפיהרט שוהן גאר נישט דער דאזיגער פושע
וואס האט שוהן פון זיך אין גאנצען פורן געווארפן דעם עול מלכות
שמים, אונ לויט וויא וייט דער בר ישראל טוט זיך אן דיא טעג מיכן
זיין תשובה צו טיהן, אזו בעקומט ער התעוררת אונ הייליגקייט, אויף
דעם גאנצען יאהר, איבער דעם איז איין חיוב אויף איין יעדען מענש
ניתארפטן זיך צו שטארקען [בכל כחו] קעגען דעם יצר, זיך מיט געוואלט
מתעורר צו זיין, צו בעהטען מיט איין היים אונ צובראכען הארץ צו דעם
[אב הרחמים] דאס ער זאל איהם מסייע זיין, זיינע אויגען צו עפנען, אונ
איהם צו שענקען איין לב בשר, אונ פון איהם אבצונעהמען [לב האבן] דאס
פארשטיינערט הארץ [והבא לטהר מסייעין אותו], דער וואס מיינט עס
באמת אונ ערנסט, וועט איהם השם יתברך בוודאי צו העלפין, נאר
בתנאי זה נישט צו זיין [כטובל ושרץ בידו], צו זיין אזו וויא איינער טובלט
זיך, אונ האלט אין דיא האנד איין שרץ, וואס אזו טבילה טוט איהם

בוודאי

בוודאי נישט מטהר זיין, דאס זעלבע איזט אויך ביים דעם. דער מענש קאן נישט פריער האפען אויף איין כפרה, אונ אויף איין הילף פון דעם פאטער אין הימעל, נאר דאס ער מיז פריער מפשפש במעשים זיין, זיך צו ערמאנען, אויף וואס אלעס ער האט עובר גיוועזן, אונ אויף זיך מקבל צו זיין מכאן ולהבא, צו פארלאזין די שלאכטע מעשים, דאן קאן מען האפען אויף איין כפרה, פון דעם ערבארימגען גאט אין הימעל, איבער דעם איז דער חיוב גיווארפען אויף דעם בר ישראל, אן די טעג נאכצוזיכען אין די ספרי מוסר, רפואות הנפש, אונ אויך זיך קובע צו זיין איינגע שעה אין טאג, אויך פארטאגס, כדי מפשפש במעשים צו זיין, עס איז איין יושר אן די טעג צו ליינען דאס וואס גישריבען איז אין דעם ספר [בחלק"א, באות כ' סימן כפור] ווייל מען קאן זיך פון דארט פיהל מוסר אויך פיהל התעוררות ארויס נעמען, זיך צו צערבראכען זיין פארשטיינערטע הארץ [ובזכות זה, יזכה לטהר את לבבו הערל, וימצא חן בעיני אלקים אמן]

# סעודה

סעודה, עס גיבט צווייא ערלייא סעודות, איינס איז סעודת מצוה, אונ סעודת הרשות, סעודת מצוה הייסט, וואס מאן עסט אן שבת, ויום טוב, אונ אן חנוכה, ופורים, וסעודת חתנה, וברית מילה, וסיום מסכתא, אונ סעודת הרשות הייסט, וואס מען עסט אן וואכען טאג, עס הייסט דאריבער סעודת הרשות, ווייל עס איז נאר איין מוג צו עסען, אונ קיין מצוה דאבייא, צופארט, דער וואס עסט אפילו סעודת הרשות, נאר זיין כוונה איז [כדי להחיות את נפשו] כדי כח צו האבן דעם אייבערשטן צו דינען, אונ מען טוט נאך ביים עסן עפעס תורה לערנען, אזו טוט מען מהפך זיין אויס רשות, מצוה, נאר גיווארנט צו זיין נישט צו עסן אכילה גסה, אין די הייליגע ספרים ווערד גיברענגט, דאס יערע סעודה פון מענש וואס מען עסט צוזאמען מיט מעהרע מענשן, ווערד אנגערופען [שעת מלחמה] מחמת וואס אין די צייט מיז דער עובד אלקים איין מלחמה פיהרען קעגען דעם יצר, דער שטן, וואס זיין גריסטינג איז אויך איין טה יל צו נעמען, אזו שטארקט ער זיך, די מענשן צו מאכען זינדיגען, איבר דעם איז דער מענש אין די צייט אין איין סכנה, סכנת הנפש, ולכן וויא שטארק דארף מען זיך צו היטען, פון זאלכע סעודת, וואס עס פארזאמלען זיך מעהרע מענשן, וואס זייר כוונה איז נאר [כדי למלאות

את תאוותם] אם זיך פארגעניגען אנצוטיהן, זיך צו אונטערהאלטען [בשמחה של הוללות], ווייל דאס איז איין זיבערע זאך, דאס יעדער וואס פין דארט אוועק גייט, דער האט אויף זיך הענגען איין קארב פיל מיט עבירות, דהיינו פין דבורים של איסור, ודברים בטלים, וואס אויף דעם שטייט [כי כל שלחנות מלאו קיא צואה], ולכן דער איש הירא את השם, זאל זיך פין זאלכע פארזאמלונגען ערווייטערן, אזו וויא פין דעם טויט אונ ווען ער איז איין נצרך דארט צו זיין, אזו זאל ער אויף זיך מקבל זיין זיך צו שטארקען, בכל [תוקף ועוז] נישט ארוים צו גיין פין דעם דרך הישר, נישט צופיהל צו עסן, אונ נישט מעהר צו טרינקען לויט זיין געוואהנ־הייט. איבער הויבט זיין מויעל צו היטען פין נימאנדען צו רעדן, נאר ער זאל זיין מויעל עפנען צו רעדן פין תורה ומוסר, אונ זיך אין דיא געדאנקען צו נעמען פין חרבן בית המקדש, אונ בקיין אופן נישט צו צולאזן דארט זינגען [בשירי עגבים] פין ליצנות, אונ אז ער זעהט דאס מען ווערד איהם נישט הארכען, אזו זאל ער פין דארט ענטלויפען [כמפני חרב] אז״ וויא מען ענטלויפט פאר דיא שווערט, ומכש״כ דאס מען דארף זאלכעס נישט צו צולאזן ביא סעודת מצוה, כדי עס זאל נישט חלילה פארקעהרט ווערן, אויס מצוה, עבירה, אזו ווערד דער מיט דעם זוכה ומזכה רבים זיין, אונ זיין עסן ווערד זיין לרצון, אונ פאר איין מצוה גיראכנט אונ זיין טיש ווערד אנגערופען ווערן [זה השלחן אשר לפני השם] :

# סגולה

סגולה, עס גיבט איינעגע זאכען, וואס האבן אין כח צו פארלענדן דיא עבירות אונ מיסטייט, בדרך סגולה, וואס אהן סגופים, אונ פאסטען, ווערין איהם דיא עבירות פארגעבען, איבער דעם [מי האיש החפץ חיים] דער וואס זיך ליב האט, זאל אן דיא דאזיגע גיטע זאכען נזהר זיין, [כי אין צדיק בארץ, אשר יעשה טוב ולא יחטא] ווייל עס איז נישט פארהאנדען איין מענש אויף דיא וועלט, וואס זאל גאר קיין פעהלער מאכען, סגולה א׳] דער וואס ענפערט [אמן יהא שמה רבא מברך לעלם לעלמי עלמיא] מיט זיין גאנצען כח, ובכונה גדולה, ווערין איהם זיינע עבירות פארגעבען: סגולה ב׳] דער וואס הערט אויף דיא דרשה, ודברי האגדה, ומוסר, בשעת דער ת״ח מיט דיא דרשה זאגען,

מיט

מיט גראס חשקות· און ענטפערט נאך דיא דרשה [יהא שמא רבה וכו'] בכל כחו· ווערין איהם פארגעבען זיינע עבירות; סגולה ג.] דער וואס היט שבת כהלכתו· אפילו דאס ער האט עבודה זרה געדינט· אזו וויא דאס דור אנוש, צו דאך ווערין איהם דיא זינד פארגעבען: סגולה ד'], דער וואס זאגט [שירת הים] דאס איז אז ישיר· מיט גראס שמחה· ווערין אויך איהם פארגעבען אלע זיינע מיסטייט· סגולה ה'], דער וואס איז איין [מעביר על מידותיו] ער לאזט זיך לעסטערן· און ענטפערט נישט מיט מען איהם איבערפאהרען אויף אלע זיינע מיסטייט· סגולה ו'], דער וואס וויינט· און מיט טרערין פארגיסען אויף מיתות צדיקים· מיט מען איהם מוחל זיין אויף זיינע עבירות· סגולה ז'] [התבודדת]· מען זאל זיך איין צייט מאכען· וואס מען זאל גאנץ אליין זיין און איין חדר· און מען זאל זיינע אויגען ערהייבען צו זיין בישעפער אין הימעל, מיט לויב· און גיבעהטי· דאס דאזיגע איז איין גראבער הילף צו האבען כפרות עונות· און אויך הילף צו עבודת הבורא· סגולה ח'] דער וואס איז מתפלל בליל שבת· און זאגט מיט כוונה, [ויכלו השמים והארץ וכו'] וואס זאגט עדות דאס גאט ב"ה האט דיא וועלט ערשאפען אין זעבס טאג, און האט גערוהט אן שבת· אזו מיהן צווייא מלאכי השרת צו איהם זאגען [וסר עונך· וחטאתך תכופר]· דיינע זינד זענען אבגעטיהן· און דיינע עבירות זענען דיר פארגעבען· אויך געפינען מיר דאס יסורין· אז מען איז זייא מקבל באהבה· איז מכפר עונות· [תורה לשמה] איז מכפר עונות· ועתה· מיין פריינד האבען מיר דא ביצייכנט איינינע היילמיטעל פיר חולי הנפש· וואס דאס דאזינע דארף קיין געלד צו קאסטען· און עס דארף אויך קיין צער צו קאסטען· און צופארט ווערן איהם זיינע עבירות פארגעבען· מיין פריינד ווען דיא מיינסט באמת דיין נשמה צו רייניגען פין איהרע עבירות· און זיא פרייא צו מאכען פין שווערע יסורין לעה"ב· אזו זאלסט דיר דיא דאזיגע זאכען· גיט אין גידעכנים נעמען· זייא מקיים צו זיין· אזו ווערד דיר וואהל זיין· און דיינע עבירות וועלין אבגעטיהן ווערין· נאר בתנאי זה· דאס פין נון אן צו פארלאזין דיא שלאכטע מעשים, און זיך צו ביהעפטען במעשים טובים:

## סיפור

סיפור, דיא מדה טובה פין התסתפקות· זיך בעגניגען צו לאזין מיט ווענינ' איזט

איזט צום מענש איין שונהייט בעה״ז, ובעוה״ב דיא מדה פון הסתפקות דארף מען צו האבען ביא אלע עוה״ז זאכען, אזו גוט ביא דעם עססען, וויא אויך בענין המלבושים, אונ ביא דעם וואהנונג. זיך צופרידען צו לאססען מיט אלעס וואס דער ערבארימגער גאט איהם צוא שיקט, וויל מיר מענשען זענען אויף דיא וועלט נאר אזו גיראכענט וויא אורחים, אונ גרים, מחמת וואס דעם מענשס דא זיין אויף דיא וועלט, איזט נאר אויף איין קארצע צייט. איבער דעם פינקט אזו וויא דער אורח, וואס דורך רייזט, איז וועניג מקפיד אויף דיא אלע עוה״ז זאכען, עס איהם וועניג דאראן גילעגען, צו בעקומט, ער אויף דעם וועג איין פיין קוואטיר, אדער נישט, וויל זיין גאנצער ציהל אונ בעגעהר איז נאר צו קומען אויף זיין בעשטימונגס ארט, וועגען וואס ער דיא רייזע געמאכט האט. אזו אויך דארף יעדער [בר דעת] וואס פארשטאנד האט, זיך בעגניגען צו לאזען מיט אלעס וואס איהם צוגעשיהקט ווערד פון זיין ליבען נאמען, עס זייא פיהל אדער וועניג, דען וואס פאר איין געווין האט מען פון דעם בשעת מען דארף שוהן פון דיא וועלט צו גיין, דאס מען האט דיא פארגאנגינע צייט פארלעבט בתענוגים, צו וואהנען אין גראססארטיגע וואהנונג, ווען ער איז אנגיברייט געפיהרט צו ווערען אויף דעם [בית הקברות] אונ איהם צו לייגען אין איין ענג אונ פינצטער ארט, וואס נישט מעהר פארנעמט וויא פיער איילען, אונ איזט אויך בידעקט מיט דען שאטען פון טוהט, אונ וואס פאר איין געווין האט ער דאמאהלס, פון זיינע טהיירע אונ קאסטבארע מלבושים, ווען ער איז אנגיברייט אנגעקליידעט צו ווערען, מיט בהוים ווייסע קליידער, וואס ארעם אונ רייך גלייך זענען, אונ וואס פאר איין געווין האט ער דאמאהלס, פון זיין פיין עסען, אונ טרינקען, ווען ער איז אנגעברייט צו ליגען אין קבר, וואס זיין שפייזען איזט ערד, אונ ווירעם, איבער דעם בן אדם, ווען דאס דער סוף איז פון איין יעדען מענש, וואס דאס גאנצע לעהבען דויערט נישט אויף לאנג, נאר עס לויפט אוועק, אזו וויא דער שאטען, עפען דיינע אויגען, אונ קויף דיר איין אין דיא פאר יאהרן וואס דיא לעהבסט אויף דיא וועלט, זאלכעס וואס ווערד דיר צוניטצען קומען צו דיין נשמה אויף דעם עולם האמת, וואס דויערט אויף אייביג, אונ עס האט קיין אויסלאז. מיין פריינד זאג אויך מיר, איז דען נישט בעסער זיך פאר זיין געלד פארצובריטען איין [בית נאמן לעה״ב], אונ שטאטט דיא קאסטבארע מלבושים, זיך

בעסער

בעסער פארצובריטען [מלבושים נאים] צו זיין נשמה לעהו"ב, וואס ווערען אנגעריפען [חוליקא דרבנן] דורך תורה, ומצות, ומעשים טובים, אונ איזט דען נישט בעסער שטאטץ דיא תענוגי עוה"ז פין פיין עסען אונ טרינקען וואס דיא גאנצע חנאה דויערט נישט מעהר וויא איין רגע, זיך בעסער פארצובריטען זיסע שפייזען צו זיין נשמה [בעולם שכולו טוב], וואס דויערט אין דיא עוויגקייט, איבער דעם בן אדם, פארלאז דעם עולם ההבל, אונ לאס דיך צופרידען מיט אלעם, וואס דער ערבארימגער גאט דיר בישעהרן טוט, עס זייא פיהל אדער וועניג, אונ טוה נישט שטארק מקפיד זיין, ווען דיין וואהנונג קליין אונ ענג איזט, אונ זייא אויך נישט טרויריג, ווען דיין עסען איזט נאר ברוד מיט וואסער, אונ זייא נישט צארניג ווען מענשן טיהן דיך נישט בכבוד האלטען לויט וויא דיר צו געהער, נאר דאנק דיין בישעפער פיר אלעם וואס ער דיר גיבט, וויל אלעס וואס דיא גענייסט אויף דיא וועלט איז אלעס נאר [במתנת חנם], אונ זייא איהם דאנקבאר, וואס ער האט דיר געשענקט געזינד, אונ לעהבען, אונ וואס ער האט דיך ערשאפען אלס יוד, אזו זאלסט איהם דינען וויא איין קנאבט צו זיין הערן, אונ טיה איהם ליעב האבען, וויא איין קונד צו זיין פאטער, ביז אין דיא עוויגקייט, [כי הוא אבינו ומלכינו]:

# אות ע ענוה

ענוה, דיא מדה פין [ענוות] צו זיין דעמיטהיג, איזט איינע מדה טובה וואס איהר גלייבען נישט פארהאנדען איז, אזו וויא דיא חכמים הקדושים האבען געשריבען [ענוה גדולה מכולם], ענוה איזט גרעסער פין אלע מידות טובות, וויל אן דיא מדה טובה פין ענוות איז אויך ביהעפט אנדרע מדות טובות, דהיינו אהבה ושלום, וואס דער דעמיטהיגר מענש האט מיט אלע מענשן שלום אונ ליבשאפט, אונ פריינדליכקייט, אויך געפינט מען זעלטען בייא איהם כעס, נאר ער איז אייביג [עובר על מידותיו] וואס ער טוט יעדען מוחל זיין, אויך געפינט מען בייא איהם איין [לב נשבר] צובראכען הארץ, אונ טוט אויך אויף קיין שום זאך מקפיד זיין, אונ ער ענטלויפט פין כבוד, אונ בינגעהרט נישט איבריגע זאכען פין דעם עולם הזה, נאר ער לאזט זיך צופרידען מיט אלעם, אויך איז ער זיך נישט [מחזיק טובה] איבער זיינע גיטע מעשים, אונ נאך מעהר דער גלייבען אנדרע מדות טובות וישרות, וואס אלעס אן דיא מדה טובה פין ענוה

אנהעגניג

אנהענגיג איזט, אונ באמת אזו וויא דיא מדה טובה חשוב איז, אזו אויך זעלטין איזט זיא צו געפינען מחמת וואס דער יצר שטארקט זיך אויף דעם מענש, איהם צו ברענגען צו הויפינדיקייט, אונ גיאות, ווייל ווען דער יצר מיט נאר דעם מענש מיט דעם כובש זיין, איהם צו ברענגען צו גאוה, אונ הויפינדיקייט, אזו איזט שוהן איהם גאנץ לייכט, איהם צו מאכען זינדיגען מיט מעהר אנדרע זאכען, איבער דעם [בתחבולות יעשה מלחמה] דארף מען אויך קייגען דעם יצר צו שטרייטען מיט תחבולות, כדי ניצול צו ווערין פין גאוה, דהיינו עפטערס צו טראכטען זאלכע מחשבות, וואס ברענגט דעם מענש צו דעמיטהיגקייט, דהיינו צו טראכטען אן דען וואס מיר זאגען יעדען טאג [מה אנו, מה חיינו, ומה כחינו, ומה צדקנו, הלא כל הגיבורים כאין לפניך, ואנשי השם כלא היו, וחכמים כבלי מדע, ונבונים כבלי השכל, כי מעשינו תוהו, וימי חיינו הבל] אפילו אז איין מענש האט שוהן ערדייכט צו פיהל תורה ומצות, אזו וויא משה רבינו ע"ה, נאר ער בעזיצט דאצו דיא מדה פין גאוה, וואס האבען אלע זיינע מעשים טובים אין ווערט? מחמת וואס דורך זיין גאוה, איז ער אנווירדיג, אונ געפיינט אין גאטס אויגען, אזו וויא דער פסוק זאגט [תועבת ה' כל גבה לב] אלע הויפינדיגע הארצער, איזט גאטס אנווירדיגקייט, אזו ממילא איז איהם נישט מעהר צו ראבען נאר [כאחד הנבלים] וואס האט אזו מענש אין ווערט, אונ וואס טויג איהם זיין גאנץ לעהבען, ווען הקב"ה זאגט אויף איהם [אין אני והוא יכולים לדור באחת] איך מיט איהם קאנען נישט צו זאמען וואהנען, מען קאן זיך פארשטעלין וויא גאר געפיינט דער בעל גאוה איז אין גאטס אויגען, וואס עס שטייט גישריבען, דאס דער בעל גאוה, ווערד נישט אויף שטיין צו [תחיית המתים] ולכן, דארף דער מענש זיך צו שטארקען מיט זיין גאנצען קראפט, זיך אייגען צומאכען דיא מדה טובה פין ענוה, זיך גאנץ נידריג צו האלטען אונ זיך פאר גאר נישט צו האלטען, אפילו דאס ער האט פיהל תורה גילערנט, אונ אויך פיהל מצות מקיים גיוועזן, דארף ער דאך דאריבער קיין גאוה צו בעזיצען, ווייל ווער ווייס, אויב ער האט אזו פיהל געטיהן, לויט וויא זיין יכולת איז גיוועזן, ווייל איין יעדער מענש איז מחויב זיין בישעסער צו דינען, לויט וויא פיהל חכמה ער מיט בעזיטצען אונ אזו ווייט וויא זיין כח גרייכט, דער בר שכל דארף צו זאגען [במה אקדם] מיט וואס זאל איך מיך נידריג מאכען, אונ פעדערן פאר הקב"ה

הקב״ה אונ מיט וואס קאן איך בעווייזן שפלות פאר דעם ערהויבינען גאט, וואס ער האט גיגרייסט זיין חסד אויף מיר, מיט דעם וואס ער האט מיך מזכה גיוועזן מיט עפעס שכל אונ וויסענשאפט, אונ האט מיר צוגעהאלפען דאס איך זאל קענין ערדרייכען צו טיהן עפעס מעשים טובים, מעהר פין מיינע חברים, דאס גיטץ אליין, האט מעהר אין ווערט, פין דאס גאנצע לעהבען פין עוה״ז, פארוואהר אלע מיינע מעשים טובים, טיהן נישט אויסרייכען צו קענען יוצא זיין, בלויס פאר דעם גיטץ אליין אונ דאס איז גיוועזן דער טעם, וואס משה רבינו ע״ה איז גיוועזן מעהר עניו פין אלע מענשן, אויך מיט דעם מענש מסייע זיין צו בעזיטצען ענוות, זיך צו ערמאנען אן זיינע עבירות, ופשעים וואס ער גטיהן האט, ומכש״כ זיך גיט צו ערינערין, אז דיא (חטאת נעורים) וויא זיינע יונגע יאהרן אויסגעזעהן האבען, פין מחשבות רעות, והרהורים רעים, וכדומה, דארף מען בוודאי קיין גאוה צו בעזיטצען, נאר נאך זעהר אינטערטעניג צו זיין ביא זיך זעלבסט, אונ דארף צו זאגען, וואס האב איך פין דעם כבוד וואס אנדרע מענשן טיה, מיר צו טהיילען, מחמת ווייל זיא וויסען נישט פין מיינע עבירות, פארוואהר אבער איך זעלבסט וויים דאך זעהר גיט פין מיינע פיהל זינד, אונ מיטטייט, וואס פיהל זענען וויא דאס זאנד אין ים, ובאמת בדור הזה, דער וואס וויל נאר אין זיך אריין קלעהרין, זיך צו ערמאנען אן זיין אויפיהרונג, דער קאן זיך גענוג אונ גענוג פעה ער אויסזוכען (שמכף רגל ועד ראש אין בו מתום), וואס דאס דארף איהם אונטערטעניג צו מאכען, וויא איין קליין גרעזל, ווייל מען זעהט דאס מען מיט נישט איין הינדערטם טהייל, וואס מען האט גידארפט צו טיהן איבער דעם איז נישט פארהאנדען איין בעסערע זאך פיר דעם מענש, וויא זיך מכניע צו זיין פאר הקב״ה, אונ אויך פאר מענשן, אזו ווערד איהם הקב״ה גראס אונ חשוב מאכען (בעולם האמת וטוב יהיה לו ולנשמתו) :

## עשירות

**עשירות.** דער נסיון פין פיהל פארמעגען, איז פיהל גרעסער אונ שטארקער פין דעם נסיון פין ארומקייט, מחמת וואס דאס עשירות קאן דעם מענ״ש גורם זיין אויף כמה עבירות עובר צו זיין, איבער דעם דארף דעם עושר, זיך גיט אין דאכט נעמען, דאס ער זאל נישט דארפען חלילה

דורך

דורך זיין געלד צו ירשנען דאס גיהנם. דאס ערשטע דארף צו זיין
[ולבלתי רום לבבו מאחיו] זיך נישט גראס צו האלטען, איבער אנדרע
מענשן וואס קיין פארמעגען האבען, צו קיין שום מענש צו רעדין מיט
גיאות, אונ עזות, אונ זאל נישט פארשטאפען זיינע אוהרען, פון דאס
געשרייא פון דיא נאטהבידארפינגע, נאר ער זאל פארנעמען דאס גישרייא
פון דיא ציבראכינע הארצער, זיין האנד צו עפנען זייא צו געבען [די
מחסורם], וואס זייא נייטיג דארפען, אונ זאל האבען איין אפינע האנד,
צו אינטערשטיצעי דיא לומדי תורה, אונ צו פעסטיגען דיא גישטראבילטע
קניען, אונ אויף צוהייבען דיא געפאלינע, אויך איז אויף דעם עושר
מעהר דער חיוב געווארפען, צו טיהן מצות ומעשים טובים [כברכת ה'
אשר נתן לו], אונ דארף איביג פאר זיך מורא צו האבען, פיליכט האב
איך נישט יוצא גיוועזן לויט מיין עשירות, [ומה טוב] וויא גיט אונ
ראכטפארטיג איז דאס, פון אזו מענש, וואס טיט זיך נוהג זיין, אוועק צו
לייגען [מעשר] איין צעהן טהייל פון אלע זיינע פארדינסטן, אויף צדקה,
אויך דארף ער צו זעהן, נישט איבריגע הוצאות צו מאכען אויף אניטציגע
זאכען, כדי ער זאל קענען פאר זיין פארמעגן זיין נשמה גיטין טיהן
[לעולם שכלו טוב], אונ צו טיהן דעם רצון פון זיין בישעפער, ועל
כולם דארף ער זיך נישט מחזיק טובה צו זיין, ווענען זיין צדקה געבען,
ווייל באמת איז נאר דער מענש איבר זיין פארמעגן, אזו וויא [אפיטרופס]
וואס מען האט איהם געגעבען צו ביהאלטען געלד פון אנדרע מענשן
עניים, איבער דעם איז ער נאר איין שליח פון דען אלמאכטיגען גאט,
וואס אלעס זיין איזט, אזו וויא דער פסוק זאגט [לי הכסף ולי הזהב]
אונ צפארט ווערד עס דעם מענש צוגעראבנט, גלאך ער העט, פון זיין
אייגען פארמעגן צדקה גיגעבן, כדי איהם צומעהרן פיהל שכר לעוה"ב,
ובאמת טיט דער עני מעהר גומל חסד זיין, צו דעם עושר, וויא ער מיט
דעם עני, ווייל דורך זיין צדקה געבען צו דעם עני, איז ער זוכה [לרב
טוב הצפון], וזאת, אונ דאס איז איין ידוע, וואס דיא חכמים הקדושים
האבען גישריבען, דער וואס גיבט דעם עני צדקה, ווערד גיבענשט, מיט
זעקס ברכות, אונ דער וואס טיט דעם עני מפייס זיין מיט גיטע, אונ
אנגינעהמע רייד, דער ווערד גיבענשט מיט עליף ברכות, איבר דעם איז
דאס איין גראסער חויב, דעם עני צו טרייסטען אונ צו איהם צו רעדען
מיט איין פרייליך פנים, כדי צו ערפרייען זיין פארזינקען הארץ, אויך

דארף מען גיוואהרנט צו זיין, בייא יעדע שמחה וואס מען מאכט, אויך צו בעטען דיא עניים, צו דיא שמחה, פין וועגען כבוד השכינה, וואס שטייט בייא זייער ראכטע האנד, אונ זאל מקיים זיין [ויהיו עניים בני ביתך]. —
ועתה, וועלין מיר שרייבען וויא דער עושר דארף זיך צו פיהרען (בענין עבודה) אכט צו געבען אויף זיין נשמה, דאס דורך דעם עשירות זאל ער נישט אין גאנצען פארגעסן אן דיא תורה הקדושה, נאר ער זאל זיך קובע זיין יעדן טאג תורה צו לערנען, לויט זיין פארשטאנד, וויא אויך עוסק צו זיין במצות, [כפי יכלתו]. ווען ער קאן נישט זעלבסט לערנען, אזו זאל ער זיך פארשאפען איין מלמד, וואס זאל מיט איהם יעדען טאג תורה לערנען אונ טראכטען דעם, וואס ער זעהר טרוד איז אין זיינע פיהל געשעפטין, זאל ער דאך נישט פארפעהלן צו דאווענען יעדען טאג [ערב ובוקר] אין שיהל בציבור, אונ זאל עפעטערס לערנען אין דיא ספרי מוסר, אזו ווערד דאס איהם ערמאנען אן גאטס דינסט, אונ ווערד אויך דורך דיא ספרי מוסר פארשטיין, דאס נישט דער עולם הזה, דער עיקר איז, אונ דאס דער מענש איז נישט זיכער אויף דיא וועלט, אפילו אויף איין טאג, [כי היום כאן ומחר בקבר], אפילו דאס דיא חכמים האבען געשריבען, דאס דער וואס שטארק טרוד איז אין זיינע פיהל געשעפטען וואס האט דאדורך קיין צייט עפעטערס תורה צו לערנען, אזו זאל ער פאר זיין געלד מחזיק זיין אן דיא לומדי תורה, אזו ווערד דאס איהם גירעכנט ווערין, וויא ער האט אליין גילערנט, צוזאך איז ער מחויב לכל הפחות יעדן טאג עפעס תורה אליין צו לערנען, ומכש״כ, דאס ער ווייטער מחויב איז צו דאווענען יעדן טאג אין שיהל בציבור, כדי נישט צו פארגעסן, וואס אויף איהם איז מוטל צו טיהן אונ צו דענקען אן זיין נשמה, דאס ער איז עתיד דין וחשבון צו געבען על כל מעשיו [ובזה יזכה לראות בנועם ד׳ אמן] :

## ענוות

ענוות, ארימקייט איז איין גראסער נסיון צום מענש, ווייל עס איז נישט פארהאנדען איין ארגירעס וויא ארימקייט, ער מוז זיך פארוואגלען פין זיין הויז, אום צו זוכען ברוה, זיינע קינדער פערלאנגען פין איהם עסען, אונ ער האט זייא נישט צו געבען, זיין הויז איז לעהר פין עסען אונ קליידען, עס געפינט זיך נישט איין קרייצער אין זיין טאש, דיא בעלי

חובות

חובות בילויפען איהם, אונ אונטערדריקען איהם, דער ווירט פייניגט איהם
אם דירה געלד, קארץ עס איז איהם וויא פין אונגווענדיג, אונ טרויריג
פין אויסוועגדיג, איי ער ווערד פרייא פין איין צרה, קומט אויף איהם
דיא אנדרע צרה, אונ פיהל מחלוקת קומען אויף איהם, אונ ער מוז זיך
לאזן פיהל מאהל פארשעהמען, זיינע רייד ווערין נישט צוגעהארכט, ער
גליסט צו אלדינג, אונ קאן צו גאר נישט ערדרייכען, אונ נאך מעהר פיהל
אנדרע צרות וואס מיט אלעם איבערפאהרן אויף דעם ארימאן, וואס
נישט צו ערשרייבען איזט, דער כלל איזט [כל ימי עני רעים] אלע זיינע
טעג זענען שלעכט, אונ ביטער וויא גאלל, אונ ווארמיטה, נאר דאס
איינע איז זיין טרויסט, דאס דורך דיא יסורין פין עניות וואס ער מיט
ליידען אויף דיא וועלט, ווערד מען איהם אויסציהן פין דיא יסורים פין
גיהנם לעוה"ב ווידוע דאס איז וויסענדליך, וואס געשריבען איז, דאס עס
איז בעסער צו ליידען אלע יסורים פין עוה"ז, נאר דאס מען זאל פרייא
זיין פין דיא יסורי גיהנם לעה"ב אונ עס איז אויך בעסער צו געניסען
איין שעה דאס גיטץ פין עולם הבא, פין דאס גאנצע לעדבען פין עוה"ז
אויך קאן ער זיך מיט דעם טרייסטען [השופט כל הארץ לא יעשה משפט]
ווערד דען הקב"ה דער ריכטער פין דיא גאנצע וועלט, טיהן וואס אנראכט
איז, ח"ו משנה צו זיין איין קינד, פין אנדרע זיינע קינדער, איינעם צו
געבען כל טוב, פין עסען אונד טרינקען, אונ קליידען, אונ אלע תענוגים,
אונ דעם אנדערן צו לאזין הינגעריג, אונ נאקעט אהן מלבוש, אונ לעדער
פין אלדינג, חלילה וחלילה, דאס דאזיגע גאר צו דענקען אויף דעם [פועל
צדק], אבער דער אמת איז, [כי הצור תמים פעלו] דיא ווירקע פין בישעפער
זענען מיט גאנצקייט, [וכל דרכיו משפט] אונ אלע זיינע דרכים זענען
מיט משפט, אונ מיט ראכפארטיקייט, ולכן, איז נישט אנדערש צו
טראכטען נאר גאנץ געוויס, ווערד דער ערבארימיגער פאטער אויף זיינע
קינדער, דעם אנגקליקליכען מענש אויף דיא וועלט, פיהל גיטץ פאר-
געלטען, אויף דעם עולם האמת, אונ ווערד איהם בוודאי פרייא מאכען,
פין דיא יסורים פין יענע וועלט, וואהל דעם וואס קאן, בעשטיין בייא דעם
נסיון פין עניות, נישט מתרעם צו זיין, אויף דעם איבערשטנם מידות,
אונ מיט אויף זיך מקבל זיין אלעם בשמחה ובלב טוב פין זיין ליבען
נאמען, אונ אויף יעדע צרה וואס אויף קומט, צו זאגען [גם זו לטובה]
ווען עס אזו גיפעהלט דעם בורא, דער ערבארימגער פאטער, אזו דארף

עס

עס מיר בוודאי צו גיפעלן און זאל טראכטען בין איך דען בעסער פון די גראסע צדיקים וקדושי עליון, וואס אויף די וועלט זענען געוועזן, וואס עס איז אויך זייא אויך איבער געפאהרן דער צער פון עניות, אזו וויא מיר געפינען ביי הלל הזקן און אלעזר בן פדת, וויא אויך אנדרע צדיקים, וואס האבען פיהל געליטען אויף די וועלט, פיהל מעהר וואס איך מיה ליידען, און באמת דער מענש וואס וויל נאר היטער זיך קוקען, דער ווערד אלע מאהל געפינען נאך גרעסטרע עניים, און בעלי יסורין, אויף דעם ווערד איין יעדער מודה זיין, דאס דעם גרעסטען עני איז פיהל ווייל'ער אפילו פון דעם גרעסטען עושר, וואס קראנק איז, און באמת [אדם לעמל יולד] לעהבט קיין איינציגער מענש אויף די וועלט במנוחה, נאר דאס איז דער פעהלער, וואס מען וויל נישט קוקען היגטער זיך, נאר איבער זיך, איבער דעם איז נישט פארהאגדען איין בעסערע עצה, נאר מקבל צו זיין אלעס פון זיין ליבען נאמען בשמחה, און חלילה נישט מתרעם צו זיין, אויף דעם משפט צדק פון הקב"ה נאר אויף אלע טראפינגען, צו זאגען, איך דאנק דעם בישעפער פיר אלעס, און וואס געשיהט די מענשן איזט אלעס מיט זיין השגחה פרטית, עס זייא גיטס, אדער שלעכטס, האבען דאס מיינע שלאכטע מעשים גורם גיוועזן, אזו דאנק איך דיר פיר דעם, וואס בעצאהלסט מיר אויף די וועלט, כדי מיך פרייא צו מאכען, פון די עונשי גיהנם לעוה"ב, און איך בעהט דיך לאז דער צער פון עניות זיין איין כפרה אויף אלע מיינע עבירות, איזט עס אבער, דורך מיין שלאכט מזל, אזו בין איך עט אויך מקבל, ווייל געווים ווערסט מיר פאר מיין צער פון די וועלט, פארגעלטען פיהל גיטץ [בעולם שכלו טוב], און דאס דארף דער אנגליקליכער מענש אויף די וועלט צו זעהן, דאס ווען ער האט נישט די זכיה, די וועלט צו געניסען, דאס ער זאל נישט אויך פארלירען די אמתדיגע וועלט, אזו וויא דאס זעהר שכיח איז וואס דאס עניות מאכט דעם מענש איבער פאהרן אויף די געבאט פון די תורה, נאר טראכט זיין ארומקייט, זאל ער דאך עהרליך האנדלען, און קיין מחלוקות האבען מיט מענשען, און נישט צו זיין פאר מרה שחורה, און אויך זיך צו היטען פון ליגענט רעדן, און פון מתרעם צו זיין, אויף זיין משפט צדק, און אין די צייט, וואס ער לעהר איז פון ארבייטען, זאל ער נישט זיטצען אין די שענקהייזער, נאר ער זאל בעסער אין די צייט לויפען, דארט וויא עס ווערד תורה גילערנט, און

זאל

זאל זיך נישט ווארפען אויף דיא גאב פון מענשען, נאר ווען ער קאן עפעס פארדינען [מיגיע כפו], זאל ער זיך נישט שעהמען צו טיהן אפילו דיא שפלסטע ארבייט, [כי גדול הנהנה מיגיע כפו], וואס אויף איהם זאגט דער פסוק [יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך], אונ זאל נישט פארפעהלען צו דאווינען ערב ובוקר אין שיהל בציבור, אונ זאל אויך זיין אין דעם פארזאמלונג, וויא עס ווערד יעדען טאג דארט גילערנט איין שיעור תורה, חומש, אונ דינים, וספרי מוסר, ווייל דאס לערנען וואס ווערד צוזאמען גילערנט מיט מעהרע מענשען, האט זעהר פיהל אין ווערט, אונ אויך זעהר חשוב בייא הקב״ה, אונ זאל זיך מעהר משמיח זיין מיט דען לערנען, וויא ער העט פיהל געלד פארדינט, אויך דאס איז נייטיג צו וואהרנען אזו מענש וואס מיז זיין ברויד פארלאנגען פון אנדרע מענשען זיך זעהר צו היטען פון קיין שום מענש שלאכטץ צו רעדען, ווייל מען האט איהם וועניג, אדער גאר נישט גיגעבען, ווייל באמת איז נאר דער עושר איין שליח פון הקב״ה, אונ דאס וואס איהם בישעהרט איזט, דאס ווערד איהם בוודאי נישט פעהלען ווען עס איז נישט דורך דעהם, אזו מיז עס גישעהן דורך איין אנדערן: דאס איז דער דרך הישר וויא דער עני דארף זיך צו פיהרען אזו ווערד איהם דאס עניות זיין איין כפרות הנפש אויף אלע זיינע עבירות אונ ער קאן מיט געווים רעכנען, צו ערלאנגען, דעם תענוג, אונ דאס זיכיקייט פון דעם עולם התענוג לעוה״ב אונ עס ווערד איהם פארקעהרט ווערין, זיין טרויריגקייט לששון ולשמחה, ונס יגון ואנחה]:

# עניית אמנים ויהש״ר

**עניית אמן**, צו ענטפערן אמן, אונ יהא שמה רבא, וברכו, קדושה, איז פון דיא זאכען וואס שטייען [ברומו של עולם] וואס דער שכר פון דען זעהר גראס איז, אונ צופארט טיהן פיהל מענשען אן דעם מזלזל זיין, אטייל מענשען וואס זענען אזו וויא שטים, אונ טויב, וואס ווילען נישט זייר מויל עפענען, אטייל ווידער, וואס ענטפערן יוא, נאר זייא זענען אבער נישט גיוואהרנט צו זאגען כהוגן, נאר זייא ענטפערן [אמן חטופה, וקטופה, ויתומה,] אמן חטופה הייסט, אז מען האפט פריער צו ענטפערן אמן איי מען האט דיא גאנצע ברכה אויסגעזאגט, וקטופה, הייסט, אז מען זאגט נישט שארף ארויס דאסווארט אמן, וואס מען זאגט, אמיי, אונ

אמן

אמן יתומה הייסט, אז מען האט נישט גיהערט דיא ברכה זאגען, נישט דאס אליין, וואס מען איז גאר נישט יוצא מיט אזו איין אמן זאגען, נאר מען האט נאך איין עונש דאריבער, אין [זוהר פרשת וילך] ווערד גיברענגט פין דעם גראסען שכר, פאר ענפערן אמן, ויהא שמה רבא, בכל כחו, דאס מען טיט פין איהם צערייסען דעם שלאכטען גזר דין, אונ מען טיט איהם אויך מוחל זיין אויף זיינע עונות, פין דעם אליין קאן מען זיך פארשטעהן, וויא גאר גראס מיז נאך זיין דער עונש אז מען טיט זאן דעם מזלזל זיין, ווען דיא מענשן העטין געוויסט, אונ פארשטאנען, פין דעם גראסען שכר פין דיא מצוה, וואס מען ענפערט אמן, יהש"ר"ב וברכו, וקדושה, אזו ווערין זייא נאך געלויפען, אונ נאכגעיאגט, כדי צו קענען דיא מצוה, רבה, מקיים זיין, אונ זייא העטין זיך נאך געפרייט דאריבער, גלאך זייא העטין ערדייכט איין גראס פארמעגען, נאר דאס איז דער פעהלער, וואס מען ווייסט נישט וויא גאר גראס אונ חשוב דיא מצוה איז, אונ וויא גראס דער שכר איז דאפין, אונ זייא ווייסען אויך נישט, וויא גראס דער עונש איז פין דעם מעניש, וואס אן דעם נישט גיוואהרנט איז [ה' הטוב יכפר ולכן אם בעל נפש אתה] דער וואס גלייבט אן דיא רייד פין דיא חכמים הקדושים, זאל אן דעם זעהר גיוואהרנט זיין, נישט פאלען צו לאזין אפילו איין אמן, ומכש"כ יהשר"ב, וברכו וקדושה, נאר זיך מוסר נפש צו זיין, כדי דיא חשובע מצוה מקיים צו זיין וויא עס גיהער צו זיין, אזו ווערד ער זיך פארשאפען [מעדנים לנפשו] זיסע שפייזען צו זיין נשמה [וטוב יהיה לו ולנשמתו]:

# עצלות

**עצלות.** דיא מדה פין עצלות, איז זעהר איינע מדה רע, צום גוף אונ צום נפש, וואס דאס איז איין יעדען וואהל בעקאנט, אונ מען דארף נישט דארויף פיהל ראיות צו ברענגען, ובאמת זענען דיא צווייא מדות, פין עצלות, אונ זריזות, איין גאב גאטעס, ווייל דאס איז אנגעבוירין על פי טבע, וואס מאניכע מענשן זענען אז געבוירין מיט דיא טבע, צו זיין געדישט, אונ געשווינד צום ארבייטען, ווידער גיבט זאלכע מענשן וואס זענען בטבע טרעג, אונ פויעל צו אלדינג, והנה, וואס אנבילאנגט צו וועלט זאכען, איז דיא מדה פין עצלות, זעהר נישט גיט, אזוגיט פאר דעם מאנסבילד, וויא אויך פיר דיא נקיבה, וואס אויף איהר איז געווארפען

דאס

דאס הויז פערטשאפט צו בעזארגען, און ווען זיא איז דאצו טרעג, [אוי לה, ואוי לביתה!] איז וועה צו איהר, און וועה צו דעם גאנצען הויזגעזינד, וואס דאס מיט פארזאבען קריג אין הויז, און ווידער וואס אנבילאנגט וואס געהער צו עבודת הבורא, אז מען איז ביא דעם איין עצל, איזט דאס זעהר איין [חולה רע] שלמה המלך ע"ה האט געזאגט [חזית איש מהיר במלאכתו לפני מלכים יתיצב] דער מענש וואס איז גערישט ביא זיין ארבייט, דער איז ראוי פאר קעניגע צו שטיין, און דער תנא אין אבות האט געזאגט [הוי עז כנמר, וקל כנשר, וכו'] דיא זאלסט זיין פאר־שייט וויא איין לעמפערט, און גרינג וויא איין אדלער, און זאלסט לויפען וויא איין הירש, און שטארק וויא איין לייב כדי צו טיהן דעם רצון פון דיין פאטער אין הימעל, און חאטשע דאס דיא מדה פון עצלות, איז ביא דעם מענש אנגעבוירין, צופארט, ווערד מען זיך נישט קענען פטרן מיט דיא טענה, וואס מען איז נישט איין זריז געוועזן צו עבודת הבורא, ווייל דאס דאזיגע איז איבער ענפערט געווארן אין דעם מענשס האנד, זיך זיינע שלאבטע נאטיהר אימצוווענדען, און מהפך צו זיין, פון איין עק צום אנדערן עק, און יעדער מענש האט וואהל צו ביפעהלען, און צו שאפען איבער זיך זעלבסט, אזו צו טיהן וויא דער שכל דער יצר טוב הייסט, נישט מעהר דאס מיז ביא אזו מענש מעהר מיהע קאסטען: דאפיר ווידער [לפום צערא אגרא] איזט זיין שכר פיהל גרעסער, איבער דעם דארף דער מענש זיך צו שטארקען מיט זיין גאנצען כח מיט תחבולות צו שטרייטען קעגען דעם יצר, זיך זיינע שלאבטע נאטוהרן אויסצובעסערן לדרך הטובה, צו זיין [רץ כצבי, וקל כנשר] צו לויפען וויא איין הירש, און גרינג וויא איין אדלער, כדי צו טיהן דעם רצון [דאבינו שבשמים]:

# עצבות

**עצבות.** דיא מדה פון עצבות, צו זיין פאר מרה שחורה, איזט זעהר איינע מדה רע, וואס [מנפש עד בשר יכלה] מיט דעם גוף, אין דאס נפש פארלענדן, און דאס שפראצט ארויס פון דעם [שורש נחש], און דאס איז אויך פון דיא מדה פון דיא [פלגית לילית], און דער מענש וואס בעזיצט דיא מדה פון עצבות, איז דאס איין צייכען דאס ער איז צוגעטהיילט צו איהר חלק ר"ל, אזו מיט זיא איהם ברענגען [לידי ידי] אויך דיא עבודה צו השי"ת פון אזו מענש האט גאר נישט אין ווערט,

אין

אין די (תוכחה) שטייט, ווייל די האסט נישט געדינט דיין בּאַשעפער מיט שמחה, ובטוב לבב, ווערד אויך דיר קומען פיהל צרות ר"ל. אויך איז דאס גורם צו מחלוקות, די מענשן וואס רעדן צו איהם מיט שלום, ענטפערט ער זיי מיט קריג, מאגיבעס מאהל ברענגט דעם מענש צו עצבות, מחמת איבּלע סיבות, וואס איהם געטראפען האט (בגופו, או בממונו) אויך קומט עס מחמת גאוה, ווען יעמאנד טוט עפעס איין זאך וואס איז נישט לויט זיין כבוד, אזו ווערד ער באלד דאריבּער צארניג, און ווייל ער קאן זיך נישט אן דעם מענש נוקם זיין אזו ווערד ער בּאַקליידעט, מיט עצבות און טרויריגקייט, אזו קאן מען זיך פארשטעלין, ווען דאס עצבות שפּראצט ארויס פון די צוויא מדות רעות, דהיינו פון גאוה, און כעס, ממילא קאן מען פארשטיין, וואס די פּרובּט קאן זיין דאפין (כי היוצא מהטמא טמא) איבער דעם דארף זיך דער עובד השם מחזיק צו זיין בכל כחו, פון זיך צו פארטרייבען, די מדה רע פון עצבות דורך מחשבות טובות, דהיינו ווען דאס עצבות איז איהם געקומען מחמת וואס מען האט איהם געטיהן זאלכעס וואס איז געוען זיין כבוד, אזו זאל ער זיך גידריג האלטען, און זאל טראכטען (ומה אני ומה חיי) וואס בין איך, און וואס איז מיין גאנץ לעהבען, וואס פאר איין געווין האב איך פון דעם וואס מענשן טיהן מיך מכבד זיין, און וואס פאר איין פארליסט האב איך פון דעם, ווען מען איז מיך שוהן מבזה, פארוואהר מיר אלע מענשן זענען נאר אזו וויא איין הבל, און אלעס פון די וועלט איזט הבל, ווייל דער גאנצער עולם הזה האט קיין בּאַשטאנד אויף איין לאנגע צייט, מיין פריינד בּילייג נאר דיר, וואס פאר איין געווין האבען אצונד די מענשן, וואס זענען אין די פארגאנגינע צייט, אין גראסען חשיבות גיוועזן, און האבען פיהל כבוד ערהעבּט, און ווידער וואס פאר איין פארליסט האבען אצונד די יענינגע וואס מען האט זיי דאמאהלס פארניכטעט, און פיר גאר נישט גיהאלטען, ווען אויף דעם עולם האמת, איז גאר נישט מעהר מכובד, דער עושר, קעגען דעם ארימאן, ווייל גראס און קליין, ארעם און רייך, איזט דארט פאראייניגט, און אין איין געוויכט, ווייל דארט ווערד נאר דער יעניגער פארגעצויגען, דער וואס האט זיך אויף די וועלט, פאר גאר נישט גיהאלטען, און האט זיין גאנץ לעהבענס יאהרן גישטרעבּט, צו טיהן, וואס וואהל גיפאלט אין גאטס אויגען, זאלכע מחשבות, קאן גאנץ לייכט אבטיהן פון מענש זיין עצבות וואס געקומען איז מחמת מניעות הכבוד,

אין

איז ווידער דאס עצבות איהם געקומען, דורך שלעכטע סיבות, פון געלד שאדען, אדער פון אנדערע איבלע טראפעניגען, אזוי דארף מען זיך תיכף צו איבערדענקען, דאס איז דאך נישט געשעהן (במקרה) פון זיך זעלבסט, נאר בגזירות הבורא ב"ה מיט דעם ביפעהל פון דעם ליבען פאטער אין הימעל, וואס שטראפט זיינע קינדער די ישראל אזוי וויא איין ערבאמיגער פאטער זיינע קינד ער, אזוי דארפען נאך איהם די יסורין וואס אויף איהם געשיקט ווערד, צו ערפרייען, וויל דאס איין צייכען איז, דאס דער ליבער גאט האט נאך זיין השגחה אויף איהם, וואס לאזט איהם נישט גיין, אין גליקסטינג פון זיין הארץ, אזוי וויא דאס דאזיגע געשיהט ביי די רשעים, וואס זעהר גיפינט זענען אין זיינע אויגען, נמצא, דאס עס איז שוהן גאר נישט מעהר קיין ארזאך דאצו טרויריג צו זיין, נאר אלעס מקבל צו זיין פון זיין ליבען נאמען (בשמחה ובטוב לבבו) — אבל, פארוואהר אבער, איבער וואס דען דארף דער מענש צו טרויערן? איבער זיינע זינד, אונ מיסטייט, וואס ער האט מיט דעם גוהם גיזעזין, צער צו דעם (ומלך רם ונשא), כדי זיך מתעורר צו זיין תשובה צו טיהן, אונ אפילו דאס עצבות וואס איז מחמת זיינע עבירות, דארף אויך נישט צו זיין אלע צייט חלילה, חלילה, וויל דאס דאזיגע איזט אויך פון (עצת היצר הרע), וואס טוט דעם מענש ביקאדיגען מיט פיהל עצבות, ארים צו גיין דעם גאנצען טאג, פאר מרה שחורה, איבער זיינע פיהל זינד, אונ מיסטייט, כדי פון איהם אויך צו פארמיידען, אלעס יודישקייט, וויל אזוי עבודה צו השי"ת, וואס ווערד געטיהן מיט עצבות, האט גאר קיין ווערט, אונ עס קאן גאר נישט פארקומען פאר הקב"ה, איבער דעם דארף מען אן דעם גיוואהרנט צו זיין, זיך נישט צו לאזען פיהרען פון דעם יצר הרע, צו זיין דעם גאנצען טאג פאר מרה שחורה חלילה, איבער זיינע עבירות, נאר די צייט ין דעם, איזט נאר, אין די צייט, וואס מען זאגט וידוי, אונ מען האט חרטה איבער זיינע עבירות, אויך אין די צייט וואס מען זאגט סדר חצות, וואס מען איז מזכיר פון חורבן ירושלים, דאמאהלם איז צייט צו טרויערן, אונ צו זיפצען, אונ אויך פיהל טרערין צו פארגיסע וואס מעהר איז בעסער, אונ עס איז געליבט פאר הקב"ה, אונ תיכף וויא די שעה איז שוהן פאר איבער גיגאנגען, דארף מען פון זיך צו פארטרייבען מיט ביידע הענד דאס עצבות, נאר צו זיין אויפגעהייטערט ובפנים שוחקות, דאס מען זאל אן איהם גאר נישט ערקענען פון זיין צער, ובפרט אין די

צייט, וואס מען דארף גאט ב״ה צו דינען, דהיינו בשעת דעם דאווינען, אונ לערנען מיז עס נאר געמיהן ווערן בשמחה רבה ובחדוה, ווייל דער עיקר, וואס גורם איז, דאס דיא תפרדה פין מענש זאל אנגענימען ווערן פאר השית״ב, וועט זיך נאר, אויב עס איז געמיהן געווארען בשמחה, עס שטייט איין רפואה, פין זיך צו פארזאגען, דאס עצבות, זיך צו געמען איין ספר אונ דארויס צו לערנען, אזו ווערד איהם דיא תורה משמח זיין, ווען דיא ווערבט דיך אזו פיהרען וויא מיר דא געשריבען האבען, ווערד דיר וואהל זיין אויף ביידע וועלטין [ולא תאונה עליך רע, ונגע לא יקרב באהלך]:

# עזות

**עזות.** דער תנא יהודא בן תימא האט געזאגט [הוי עז כנמר לעשות רצון אביך שבשמים] זאלסט זיין פארשייט, וויא איין לעמפערט כדי צו טיהן דעם רצון פין דיין פאטער אין הימעל, אויך שטייט [ולא הביישן למד] דער וואס שעהמט זיך צו פרעגען, וואס ער פארשטייט נישט איין ביים לערנען, דער קאן קיין מאהל לערנען, ובאמת ווערין געבאך פיהל מצות, אונ הנהגות טובות צוריק געלאסען מחמת בושה, ובפרט דיא מצוה פין תוכחה, יענעם צו שטראפען, איז שוהן כמעט אין גאנצען פארגעסן געווארין, דער מענש אבער וואס וויל ראבנען [שכר מצוה כנגד הפסדה] דער דארף צו זיין פארשייט ביא עבודת השם, קיין איינציגע מצוה אונ אויך קיין מדה טובה, אבצולאזן מחמת בושה, אבער דעם בשעת מען איז פארייזט היינטערוועגנס צווישען גוים, זאל מען נישט פאר־פעהלען צו דאווענען יעדן טאג אין טלית אונ תפילין, אויך זיך נישט צו שעהמען צו גיין אן תשעה באב, אונ יום כפור, אהנע שטיפער, ובאמת, איז דען דאס איין בושה פיר אינץ יודן, אז מיר זענען מקיים דיא געבאט פין השם יתברך, [דוד המלך ע״ה האט זיך געריהמט [ואדברה בעדותיך נגד מלכים, ולא אבוש] איך טיה לערנען אין דיא תורה פאר פיהל קעניגע, אונ איך טיה מיך נישט שעמען] אונ באמת קומט עס נאר מחמת וואס דיא מצות פין השית״ב האבען, זעהר ווענינ אין ווערט ביא דעם מענש, ווייל מען דארף זיך פארצישטעלין, ווען עס האט זיך איהם געטראפען פיהל געלד צו פארדינען, אזו העט מען בוודאי נישט געאכטעט אויף קיין

שום בושה, ומכש"כ דאס מען דארף זיך נישט צו שעהמען, ביא אזו זאך, וואס אנבעטריפט פין עבודת הבורא, פין עולם הבא זאכען:

ויש, עס איז ווידער פארהאנדען איין מין עזות, וואס זעהר שראכט איז, וואס דער תנא האט אויף דעם גיזאגט [עז פנים לגיהנם], אונ דער וואס האט קיין בושה פאר מענשען, איז דאס איין ביוויז, דאס ער קימט ארויס פין דעם [ערב רב] אונ איינס פין דיא דרייא סמנים, וואס איז צו דיא ישראל, איזט וואס זייא זענען [ביישנים], ובעונינו הרבים, האבען זיך בדור הזה גימעהרט דיא עזי פנים, אונ דאס איז דער גורם, וואס מען געפינט היינט זעהר וועניג וואס זאל קענין מוכיח זיין, מחמת וואס מען פארכט זיך, דאס מען זאל איהם נישט נאך מבזה זיין, אזו וויט גאר, וואס דער פאטער מיז זיך צוריק האלטען פין צו שטראפען זיינע קינדער, [כי בת קמה באמה, וכלה בחמותה], דיא טאכטער טוט זיך ווידערזעטצען קעגען איהר מיטער, אונ דיא שנור, קעגען איהר שוויגער מיטער, ווייל דארף מען צו זעהן זיינע קינדער צו ערציהען מיט דיא מדה פין בושה, באלד פין דיא יוגענט אן, אזו ווערד מען פין זייא שפעטער איין נחת האבען:

# עבירה

עבירה, אין פרק אבות שטייט [העובר עבירה אחת, קונה לו קטיגר אחד] דאס פין יעדע עבירה בעזינדער ווערד בישאפען איין קטיגר, דאס איז איין מלאך רע, וואס טיט דעם מענש ארים רינגלען, אונ בינלייט איהם ביז אין דיא גריב אריין, אונ טוט אויף איהם עדות זאגען ביא דעם יום הדין הגדול, אונ ער פאדערט, פין דעם מענש דין ומשפט, אונ נישט אנדערשט קאן דער מלאך רע פארלענט ווערין, נאר דורך יסורים וואס דער מענש מיז ליידען, הן אויף דיא וועלט, אדער אויף יענע וועלט, אפילו דאס מען האט נאר עובר גיוועזן אויף איין עבירה, אונ מען האט נישט דארויף תשובה געטיהן, איז עס גלאך וויא מען העט פארשטויסען [רגלי השכינה], וידוע דאס איז וויסענד דאס דיא גאנצע וועלט טיט מען דן זיין לויט דעם רוב, איבר דעם דארף דער מענש צו זארגען, פילייכט איז אצינד דיא וועלט אין מיטלען געוויכט דאס הייסט האלב זכיות, אונ האלב חייב, אונ מיט איין עבירה, וועל איך מכריע זיין דיא גאנצע וועלט לכף חוב, אויך מהי טעמי דארף מען צו

צישטערין פון צו זינדיגען, ווייל די עבירות טוהן גורם זיין [עכבות משיחה] וואס האלט אויף דעם גואל צדק. און אויך וואס די עבירות טוהן גורם זיין פיהל צער צו אונזער פאטער אין הימעל, וויא אויך צו אלע עולמות [העליונים ותחתונים] ובעונינו הרבים גיבט פיהל עבירות, וואס די מענשען זענען שוהן מיט זייא איינגעוואהנט, מחמת וואס עס איז ביי זייא געווארען וויא איין היתר גמור, דהיינו צו זעהן אויף נשים, און מהשב צו זיין מחשבות רעות, און וואס מען זינדיגט מיט דעם מויל, דהיינו לשון הרע, נבול פה, ליצנות, חנופה, שקר, אדער וואס מען איז מזכיר דעם שם לבטלה, שבועות שוא, און תפלה שלא בכוונה, וואס מען דאוונט זעהר תאפידיג, אזו ממילא איז עס אהן כוונה, אויך וואס מען זינדיגט וואס מען האט זיך מתיר גיוועזען צו רעדען אין שוהל דברי חול, און פון גישעפט זאגען אן שבת ויום טוב, ווידער וואס מען בעזיצט שלאבטע מדות, פון כעס, וגאוה, וצר עין, וכדומה, און בטול מצות, ובטול תורה, וואס איבערוועהגט קעגען אלען, מען איז שוהן איינגעוואהנט מיט די עבירות, וואס דער וואס אויף זייא עוב איז כמה פעמים, איז נישט איין מאהל עפעס בוזארגט דאריבער, אזו ממילא קומט איהם נישט איינמאהל אויף די געדאנקען, הרטה צו האבען איבער זיינע אזו פיהל מעשיות אזו ממילא ווערד נעבאך יעדע עבירה פארדאפעלט פיהל מאהל, [ועל הכל עתיד ליתן את הדין] און מען וועט מוזען אויף יעדע עבירה בעזונדער און אויך פאר יעדעם מאהל בעזונדער דין וחשבון אן געבען ווייל עס ווערד גאר נישט פארגעסין, און יעדע עבירה ווערד אויף איהם עדות זאגען און פאדערן פון איהם משפט, [אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכיחה] איבער דעם זאל דער מענש פאר זיך צישטערין, דער וואס גלייבט אן די רייד פון די חכמים, זיך דאס צום הארצען צו טוהן, דאס פיר יעדע עבירה וואס ער האט עובר גיוועזן, ווערד ער מוזן מקבל עונש זיין הן אויף די וועלט והן אויף יענע וועלט, און זאל חס האבין אויף דעם כבוד קונו, און אויף זיין נשמה, זיך זעהר צו היטען, זיין אלע לעבענס יאהרן פון די עבירות, און נאך מעהר צו ענטלויפען פון די עבירות, וויא מען ענטלויפט פאר די שווערט, און באלד פון אנפאנג פון יעדן טאג, זאל ער אויף זיך מקבל זיין, צו שטרייטען קעגען דעם יצר חלילה וחס נישט צו זינדיגן, און זאל שרייען צו דעם פאטער אין הימעל [אבינו אב הרחמים] ערבארימיגער פאטער, העלף מיר דאס איך זאל ניצול

ווטרין

ווערין פון עבירות. נאך מעהר וויא מען שרייט וועגען זיין איינציגען זוהן וואס ליגט אויף דעם קראנקען בעט מיט [סכנות מות] ווייל אבער די צרה פון די עבירות. איז שוין נישט פאראהאנדן איינע גרעסערע צרה אויף די וועלט. אונ אויף זאלכע צרות האט דוד המלך ע״ה גישריגען צו הקב״ה [צרות לבבי הרחובו]. די צרות פון מיין הארץ, האבען זיך פארברייטערט. אזו בעהט איך דיך, טוה מיך פון זייא ארויסציהן, אונ אויף דעם דארף אויך יעדער מענש צו בעהטן, אונ צו שרייען צו גאט ב״ה, ווייל השם יתברך איז [טוב וישר] גיט. אונ ראכטפארטיג, [ויורה חטאים בדרך] אזו טיט ער לערנען די זינדיגע, צו גיין אין ראכטפארטיגען וועג, כדי זייא פרייא צו מאכען פון די עונשי גיהנם. אונ זייא צו מאכען ארבען דאס גיטין [הצפון לצדיקים לעולם הבא]:

[בספר ערבי נחל] ווערד גיברענגט, ידוע דאס די נשמה פון מענש, האט פיהל [ניצוצות הקדושות] אונ מיט יעדע עבירה, ווערד פון איהר פארלוירין איין ניצוץ, ולכן דארף דאס דער מענש זיך משים לב צו זיין, דאס פון יעדע תפלה וואס ווערד גיבעטען כהוגן, ווערד דארויס גימאכט איין [כתר] קרוהן צו הקב״ה, דאס זעלבע אויך פון יעדע תורה לשמה, ווערד דארויס איין קרוהן צו הקב״ה, ווידער פון די דבורים אסורים, כגון שקר, ליצנות, לשון הרע, וכדומה ווערד דארויס גימאכט איין קרוהן צו די [סטרא אחרא ר״ל], אונ ווער קאן משער זיין די גראסע שמחה פון דעם מענש, בשעת מען ווייזט איהם אויף דעם עולם האמת די קרוהן וואס ער האט גימאכט צו הקב״ה דורך זיינע תפלות, אונ תורה לשמה, אונ ווער קאן משער זיין דעם גראסן כבוד וואס דער מענש האט דאמאהלס בשעת מען רופט אוים פאר איהם [הבו יקר לדיוקנא דמלכא] גיבט עהר אונ כבוד צו דעם דאזיגען, דעם גישטאלט פון מלך, אונ ווידער דער היפוך חלילה אז מען ווייזט איהם דארט די קרוהן וואס ער האט געמאכט צו די סטרא אחרא ר״ל, וויא ביטער מיז דאס דעם מענש שמעקען, וויא אלע רופען אוים פינקט דעם היפוך, אוי ואבוי, וויא ווערד איהם דאמאהלס זיין פנים פארפינצטערט, דורך די פיהל חרפות ובישות וואס ער מיז ליידען, בשעת מען טיט אויפענבארען אין אלע עולמות זיינע חטאים, וואס מען זאגט, זעהט נאר וואס דער דאזיגער מענש האט גורם גיוועזן דורך זיינע פיהל עבירות, [אוי לאותה בישה, אוי לאותה כלימה] [בספר יסוד יוסף] ווערד גיברענגט, פון איין אי״

צדיק

צדיק וחסיד, דאס אין דיא צייט וואס ער האט זיך ערמאנט אן זיינע עבירות, פין דיא יוגענט וואס אלעס ער האט דאדורך אזו פיהל פוגם גיוועזן למעלה [בספירות הקדושים], אונ וואס ער האט דאדורך מקלקל גיוועזן בעולמות העליונים, האט ער זעהר ביטערליך גיוויינט, אונ געשריגען וועה איבער מיר, וויא האב נעבאך אליין בידים מימית גיוועזן מיין הייליגע נשמה, וואס איך האב זיא אליין ארויס געריסען [ממקור החיים, והקדושה] אונ האב זיא גיברענגט [למקום מות והטומאה], אזו אויך איז ראוי צו איעדען מענש צו טיהן, וואס שפיהרט אן זיך, דאס ער האט אויך פיהל עבירות עובר גיוועזן, זיין הארץ צו צערבראכען, בשעת ער ערמאנט זיך אן זיינע ביטערע זינד, וואס האט מיט דעם גימאכט בישאפען פיהל מקטריגים, איין [בת קול] מיט יעדען טאג אויסשרייען [שובו בנים שובבים] מיט ווידער קעהרן איהר פארארטע קינדער, אונ ערבארמט אייך איבער אייך אליין [על כן אחים וריעים] לאזן מיר ווידער קעהרין צו אינזער גאט, אונ לאזין מיר אויף אינץ מקבל זיין מכאן ולהבא, צו זיין געפרישט, אונ קיין עצלנים אין גאטס דינסט, כדי מקיים צו זיין [קומי רוני בלילה] אויף צו שטיין פארטאגס אונ זיין הארץ צו פארגיסען פאר השי"ת, צו בעהטען אויף איין כפרה אויף דיא עונות. — ר' טרפון האט גיזאגט [היום קצר, והמלאכה מרובה] דעם מענשס לעהבען איז זעהר קארץ, אונ דיא מלאכה וואס מען דארף צו פארריכטען, פין תורה, ומצות, איז זעהר פיהל, אונ דיא מענשן זענען דאצו עצלנים אויך שלמה המלך ע"ה האט גיזאגט [חזית איש מהיר במלאכתו וכו'] אזו מענש וואס איז געפרישט אונ טעטיג ביא זיין ארבייט, דער איז ראוי פאר קעניגע צו שטיין, דאס איז אלעס געמיינט, אז מען איז קיין עצל ביא גאטס דינסט, נאר איין זריז בעבודות השם יתברך, מען דארף זיך צו איבער דענקען, וויא פיהל עבירות מען האט געטיהן בכחו, ובפרט דיא עבירה פין זרע לבטלה, קיינער זעהט, אונ קיינער הערט פין זיינע חטאים, אבער ווער ווייס וואס פאר איין רעש גדול האט דער מענש גורם גיוועזן אין הימעל, וואס תיכף ווערד אויבען אין הימעל אויסגערופין, דאס אונ דאס האט דער איש פלוני געטיהן, אך וויא דארף נעבאך דער איש הנלבב פאר זאליכע חטאים צו ציטערין, אונ צו אנגסטען, אונ זיין הארץ אינטער טעניג צו מאכען דער (בעל עבודת הקודש) שרייבט, מען דארף זיך פארצישטלן, ווען מען העט גיזעהן איין עני בן טובים,

וואס

וואס קומט ארויס פון זעהר חשובע לייט ליגען אויף דעם מיסט נאקעט, אונ בארפוס אין ווינטער, ווער איז אזו איין אכזר וואס העט זיך נישט איבער איהם ערבארמט, אויף איהם רחמנות צו האבען: אונ פארוואס זאל זיך נישט דער מענש אזו ערבארמען אויף זיין אייגענע נשמה, דיא בת טובים, וואס איהם גיגעבען געווארען איז פון הקב"ה, פון איין מקום קדוש וטהור, וואס דיא נשמה זעהר ריין אונ הייליג איזט, אונ דורך דיא עבירות והטאים מיהט מען זיא ווארפען אויף דעם מיסט, אונ זיא ווערד נעבעך פארשמיצט פון דיא הבלי עוה"ז, אונ איז נאקעט אהן מלבוש, דהיינו אהן תורה ומצות, נאר זיא ווערד נאך בעקליידעט ובבגדים צואים[ו] דורך דיא פיהל עבירות ופשעים, אונ נאך דאצו איז איין צייט אנגעבריים, וואס זיא ווערד איבערגעפערט ווערן אין דיא מלאכי חבלהם הענד אריין, וואס זיא ווערד ביטערליך שרייען, אונ קיינער ווערד קענען זיך איבער איהר ערבארמען, איהר צו קענען עפעס העלפען, איבער דעט מיין פריינד, אין דיין מאכט איז עס זיך איבער איהר צו ערבארמען, זיא פרייא צו מאכען פון דיא שונאים, ומקטרוגים, אונ נאר אין דיין האנד, אונ אין דיין מאכט איזט עס אויף איהר רחמנות צו האבען, זיא אנציקליידען אונ איהר עסען צו געבען, זיבע שפייזען, אזו ערבארעם זיך איבער דיין נשמה, קום דיא [ברוך ה׳] אונ טיה דאך איהר העלפען, וויל זיגע ער דיר איז קיינער דא איהר צו קענען העלפען, אונ צו ערלייזען, אונ פארגעס נישט, דאס נאר אזו לאנג וואס דער מענש לעהבט, איז עס אין זיין מאכט איהר צו קענען העלפען, אונ דיא וויסט דאך אויך, דאס דער מענש איז נישט זיכער אויף דיא וועלט, אפילו אויף איין טאג, ורק היום כאן, ומחר בקברו, איבער דעם וויל דיא נאך לעהבסט, טיה וואס נאר אין דיין מאכט איז, אונ לערן דיך אהן פון דיין בעשעפער, אזו וויא ער איז איין רחום, אזו זייא זיך אויך איין רחום, אונ ערבארעם דיך איבער דיין נשמה יעדען טאג, אונ יעדע צייט, ובפרט אזו מענש וואס האט שוין זיינע האלבע יאהרען איבערלעהבט, איז בוודאי אויף איהם דער חיוב געווארפען, מפשפש במעשים צו זיין, זיך יעדען טאג מתקן צו זיין, כדי הן צו געפינען אין גאטס אויגען:

## עזר

עזר, אזו גיט וויא הקב"ה איז איין העלפער פון דיא צרות, אזו דארף זיך

זיך דער מענש אויך נוהג צו זיין איין מענש דעם אנדערן צו העלפען, הן בגופו, והן בממונו, אין דיא צייט וואס ער אין איין נאטה איז, אויך איהם צו טרייסטען, מיט טרייסט רייד, אונ איין יעדער זאל אויף זיך טראגען דעם יאך פין זיין חבר, אבער נישט חלילה צו זאגען [שלום עלי נפשי] וואס טויג מיר אזו צרה, וואס נישט מיר אנגיהער? ניין ניין נישט דאס איז דער דרך פין אינזער יודען [כי איש אחד אנחנו]. מיר אלע יודען זענען אזו וויא איין מענש, אונ וויא ברידער, איינער דעם אנדערן צו העלפען, אונ איינער מיט דעם אנדערן מיטלייד צו האבען אזו ווערד דער בורא ב"ה, וואס איז אינזער פאטער אונ קעניג, אויך זיין אין אינזער הילף אמן:

## עריות

עריות. [וישראל קדושים הם] אין מעהרסטענס טהייל פין מיר יודען זענען ב"ה אבגעהיטען פין דעם איסור עריות, נאר אבער וואס אנבעלאנגט פין דעם איסור [קריבות דעריות] זענען בעוה"ר פיהל מענשען נישט אבגעהיטען, [והשם הטוב יכפר כי לכל העם בשגגה] אין מעהרסטענס איזט עס נאר מחמת וואס זייא ווייסען נישט וועלכעס דאס הייסט [קריבות דעריות] אונ וואס אסור איז. [וכדי להכיר המכשילה] וועלין מיר עס בעצייכענען. כדי זיך שוהן מכאן ולהבא דאפין צו היטען, מיר געפינען דאס איינע אשה איזט גיגלאבט צו איין ווייןשטאק, אזו וויא עס שטייט [אשתך כגפן פוריה], דאס קומט צו לערנען דאס אזו וויא איין נזיר וואס האט אויף זיך גיאסרת וויין צו טרינקען, איז איהם אויך אסור צו עסען ווייןטרויבען, אונ ראזינען, אונ אויך אלעס וואס ארויס קומט פין איין ווייןשטאק, דאס זעלבע גייט אויך אהן בייא איינע אשה, צו האבען דעם כרך בייא זיך, דאס דיא אשה וואס נישט דיין ווייב איזט, איז בייא איהר אסור אלע מיני קריבות, דהיינו נישט אן איהר אנצירירען, אונ נישט אויף איהר צו קוקען, אונ אויך נישט מיט איהר צו רעדען, וואס נישט גאנץ נייטיג איזט, אונ אויך זיך נישט צו לאזען בעדינען פין איינע אשה. אין פרק אבות האבען מיר גילערנט [כל המרבה שיחה עם האשה, גורם רעה לעצמו] דער וואס טוהט פיהל רעדען מיט איינע אשה, איז זיך גורם פיהל שלאבין, אונ צום סוף ווערד ער ירשענן דאס גיהנם, דיא זאלסט נישט מיינען דאס וואס מיר דא געשריבען האבען איזט

פין

פון מדות חסידות, נאר דאס איז אלעם מדיני דגמרא, זיך נישט צו לאזען בעדינען פון איינע אשה, אונ עס איז איין גראבטער איסור צו גריסען איינע אשה אויך [קול באשה ערוה] דאס קול פון איינע אשה ווען זיא זאגט, איזט אסור צו הערען, אונ נאך מעהר דארף מען זיך צו היטען פון איינע אשה נדה, אונ דער איסור פון צו קוקען אויף נשים איזט נאך הארבער פון זנות, אזו וויא דער פסוק זאגט [ולא תתורו אחרי לבבכם, ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם] ולכן השומר את נפשו, דער וואס וויל זיך היטען זיין נפש, דעם זאל מקיים זיין דיא רייד פון אונזערע חכמים הקדושים, [וישמרהו ה' מכל רע, ויזכה לחזות בנועם ה'] :

# עדות

**עדות**, עס גיבט פיהל מענשן, וואס זענען אין זיך זעלבסט פארבלענט, וואס רעדן זיך איין, איך בין גיט אונ ראבטפארטיג, אונ דאס וואס איך בין נישט מקיים, איזט נאר מחמת, וואס איך קען נישט ערדרייבען דאצו. וכדי מען זאל קענען וויסען, אויב עס איז באמת אזו, אזו וועלין מיר דא בעצייכענען איניגע זאכען, וואס דאס טיהט אויף דעם מענש עדות זאגען אויב ער האט ראבט, אויב נישט. למשל ווען איינער זאגט, ער בעדירט זעהר, וויל ער קאן נישט לערנען, מיט וואס קאן מען וויסען אויב ער אמת רעט, אזו זאל מען זעהן, אויב ער טיהט פיהל מיהע איינצווענדען, כדי זיינע קינדער צו ערציהן [על התורה ועל העבודה] אזו איזט עס אמת, אונ ווען נישט, איזט עס גאנץ פאלטש, נאר דער יצר טיהט אוהם דאס איינבילדען, ווידער ווען איינער זאגט, ווען ער העט פיהל אין פארמעגען גיהאבט, אזו העט ער פלייסיג תורה גילערנט, נאר וואס זאל איך טיהן דאס דיא טרדות וועגען פרנסה טיהט מיך הינדערן, אזו איזט איין צייכען אויב ער עס באמת מיינט, ווען אן דיא צייט וואס ער פרייא איז פון דען ארבייטען, אונ אויך אן דיא שבתות וימים טובים, טיהט ער פלייסיג תורה לערנען, אונ לאזט קיין שעה פאראיבער גיין מיט לעהרע זאכען, דאמאהלס ווערען זיינע רייד בעגלייבט, דאס ער ראבט האט, אונ ווען נישט, איזט עס פאלטש, ווען איינער זאגט, דאס ער עסט נאר אן שבת לשם שמים לכבוד שבת, איזט איין עדות אויב ער אמת רעט, ווען ער פארפעהלט נישט מקיים צו זיין דיא סעודה

שלישית

שלישית, אפילו אויך ווען ער גאר קיין הונגער האט, און אן וואכען טאג, מיהט ער זיך מונע זיין פון די תענוגי עוה"ז. אזו האט ער אמת, אויך ווען איינער זאגט, ווען איך העט געהאבט פיהל געלד אין פארמעגן, העט איך פיהל צדקה גיגעבען, און העט פיהל גומל חסד געוועזן, איזט דאס איין עדות אויב עס אמת איזט, ווען ער מיהט אציגד אין זיין שטאנד אזו פיהל מקיים זיין, וואס אין זיין מאכט איזט, ובזה האופן, קאן מען יעדען מענש, וויא אויך זיך זעלבסט פריפען מיט זיינע רייד [אם אמת וישר פעלו]:

# פסח

**פסח,** דער חג הפסח איזט זעהר הייליג, ווען הקב"ה העט נישט אונזערע עלטערן ארויס געצויגען פון מצרים, אזו וועהן נאך מיר, און אונזערע קינדער, און קינדס קינדער קנעכט אין מצרים, און עס ווער אייך נישט גיגעבען געווארן די תורה ומצות, און עס וועהר נישט גידענקט דער נאמען ישראל, נאר הקב"ה האט געטרייבט זיין חסד, און האט בעוויזען איין גראס ליבשאפט צו זיין פאלק ישראל, אזו וויט וואס אונזער פארשטאנד קאן נישט משיג זיין אפילו איין טויזענטסט טהייל פון די גראסע חסדים, וואס ער דאמאהלס געטהאן האט צו אונז יודען. פון דעם אליין קאן מען זיך פארשטעלען וויא גאר חשוב און טהייער דאס אנדענקען פון יציאת מצרים איזט, וואס מיר זענען אזו פיהל מאהל געבאטען געווארען אין די תורה [זכר ליציאת מצרים], און ביי יעדע מצוה ווערד אלעס גערענקט (זכר ליציאת מצרים), אויך זענען מיר געבאטען געווארען, צו מאכען איין צייכען מיט די תפילין, אויף דעם קאפף, און אויף די האנד, כדי צו גערענקען אן יציאת מצרים, און כדי דיר איין קליינען ערקלערונג צו מאכען, פארוואס מיר זענען אזו פיהל געבאטען געווארען אלע מאהל צו דענקען אן די נסים פון מצרים, ווייל דאס דאזיגע איזט באמת איין שורש גדול, און דער גאנצער יסוד צו עבודת השם יתברך, איהם צו דינען [באהבה וביראה, ובלב שלם], ווייל דורך די נסים וואס הקב"ה האט בעוויזען אין מצרים, איזט איינגעווארצעלט געווארען (בלב כל ישראל) די אמתדיגע אמונה, דאס הקב"ה האט די גאנצע וועלט ערשאפען, און דאס נאר ער אליין איז דער משגיח אויף די גאנצע וועלט, ווייל פריער איי הקב"ה האט בעוויזען זיין גראסען כח און מאכט דורך די נסים ונפלאות אין גאנצען לאנד מצרים, איזט די אמונה אן זיין השגחה פרטיות, זעהר שוואך געוועזן, ביי די מענשן און עס האט זיך געטראפען זאלכע כופרים, וואס האבען גאר אין גאנצען אבגעלייקענט א [בריאת העולם] די וועלט ערשאפונג, ווידער איז געוועזן זאלכע

מענשן

מענשן וואס האבען נישט געגלייבט דאס הקב"ה איז דער משגיח אויף דיא וועלט, נאר דיא וועלט ווערד געפיהרט דורך דיא [מערכות שמים], אונ דער מענש וואס אזו זאגט, דער הייסט איין ראכטער [כופר בעיקר], אונ ווייל הקב"ה האט געוואלט דיא יודען היילינגען פיר זיין פאלק, אונ האט אויך געוואלט זייא געבען דיא תורה הקדושה, אונ דיא יודען זענען דאמאהלס גיוועזן [במדרגה התחתונה] אין זעהר איין נידריגע קלאס, פארקויפטע קנאבט אין מצרים, אונ זענען אויך זעהר אנגויסענד, לעהר פון פארשטאנד גיוועזן, אונ אויך זעהר שוואך אן דיא אמונה, איבער דעם האט הקב"ה ענפלעקט זיין גראסען כח, אונ קראפט, דורך זיין בעגלייבטען קנאבט משה רבינו ע"ה אין דען גאנצען לאנד מצרים, וואס ער האט זייא געשלאגען מיט דיא עשר מכות, וואס דאדורך איז נתגלה געווארין, דאס דיא וועלט ווערד נישט געפיהרט בלוים על פי טבע, נאר מיט דיא השגחה פון דעם בורא עולם, וואס מען האט גיזעהן אויגענ-שיינליך, וויא הקב"ה האט משנה גיוועזן דיא טבע פון דיא וועלט, וואס בייא יעדע מכה בעזונדער, האט מען גיזעהן, אונ ערקענט, דיא אויפענ-בארע השגחה, וואס אוים איין שטעקין פון האלץ, איז געווארין איין שלאנג, אונ אוים וואסער בליט, אונ אוים דיא ערד, כינים, אויך פון וואסער זענען געקימען פידר מיליאנען פרעש, וואס האבען בידעקט דאס גאנצע לאנד מצרים, ווידער האט ער געשיקט אויף זייא [ערוב], איין פארמישונג פון אלערלייא חיות, וואס האבען פיהל פון דיא מצרים פארלענט, ווידער האט ער אויף זייא געשיקט דיא מכה, פון (דבר) וואס אלע בהמות פון דיא מצרים זענען אויסגעשטארבען, אויך דיא מכה פון (שחין) וואס איז געקימען אויף אלע מצריים, אונ אויך אויף אלע בהמות, דיא מכה (ברד), אזו איין האגעל, וואס זייט דיא וועלט ערשאפונג, איז נאך נישט גיוועזן אונ גיזעהן גיווארין אזו איין האגעל, אין מיטען האגעל, איז גיוועזן פייער, אונ איינם האט נישט פארלאשען, דאס אנדערע, דיא מכה פון (ארבה), אזו איין היישריג, וואס עס איז נאך נישט גיזעהן גיווארן, ווידער דיא מכה פון (חושך) וואס עס איז גאנצע זעקס (מעת לעת) פינצטער גיוועזן, וואס איינער האט נישט גיזעהן דעם אנדערן, אונ דיא (מכה בכורות), וואס אין איין שעה זענין אויסגעשטארבען אלע בכורים פון גאנצען לאנד מצרים, אונ פאר יעדע מכה, האט הקב"ה זייא מודיע גיוועזן דורך זיין נביא משה רבינו, אן

וועלכען

װעלכען טאג, און װעלכע שעה דיא מכה װערד קומען, און אזו לאנג האט דיא מכה געדױערט, װאס מען בעשטימט האט. און דאס גרעסטע נס, און אויך דיא אויפענבארע השגחה, איז געװעזן, װאס פון דיא אלע צעהן מכות, זענין דיא יודען ניצול געװארין, װאס זענין דאמאהלס אויך געװעזן אין דעם לאנד מצרים, אזו האט איין יעדער ערקענט דיא אויפענבארע השגחה, דאס נאר דער בורא ב״ה װאס האט דיא גאנצע װעלט ערשאפען כרצונו, טיהט רעגירען מיט דיא װעלט. און עס איז פון איהם קיין איינציגע זאך פארהוילען, און ער בעצאהלט דעם רשע שלאכטץ פאר זיינע שלאכטע מעשים, און דעם צדיק טיהט ער בעצאהלען גיטץ פיר זיינע גיטע מעשים, און אין דעם כלל פון יציאת מצרים, איזט אויך דיא ניסים װאס איז גישעהן, ביים ים, װאס דאס ים האט זיך געשפאלטען פיר דיא ישראל װעגען, און דאס װאסער האט זיך אויף גישטעלט, פון ביידע זייטען װיא איין מויער, און דיא ישראל זענין אלע דורך געגאנגען, איינציגע מיליאנען מענשען, און פיהל בהמות, װאס גאר אהן צאהל איזט, און דיא מצריים װאס האבען זייא נאכגעיאגט, זענען אלע דארט פאר־זינקען, װאס עס איז קיין איינציגער פון זייא ענטרינען געװארין; אויך איז אין כלל פון יציאת מצרים, דיא אלע ניסים װאס גישעהן איז, צו דיא יודען, דיא גאנצע פירציג יאהר אין דיא מדבר, װאס אזו גראס פאלק זענין גישפייזט געװארין גאנצע פירציג יאהר, פון מן, װאס איז געפאלען יעדען טאג פון הימעל, און הקב״ה האט זיין פאלק דיא ישראל ארום גערינגילט, פון אלע פיער זייטען מיט דיא (ענני כבוד), און האט זייא געגעבין װאסער צו טרינקען פון איין שטיין פעלזען, װאס דער שטיין האט זיך מיט געקאלערט, צו יעדען ארט, װיא דיא יודען האבען געצויגען, אויך דיא גראסע ניסים ונפלאות, װאס ער האט זייא בעװיזען ביי דעם בארג סיני, בשעת (קבלת התורה), אויך האט מען דאמאהלס גיזעהן, דיא אויפענ־בארע השגחה פרטיות, װאס תיכף װיא זייא האבען גיזינדיגט, האט ער זייא געשטראפט, אזו װיא עס איז גישעהן, מיט דעם פארזאמלונג פון קרח, אזו איז ערשט דאמאהלס אין דיא צייט ענפלעקט גיװארען, און גיפעסטיגט געװארין, דיא אמתדיגע אמונה אן השם יתברך, דאס (מלא כל הארץ כבודו), און דאס נאר ער אליין טיהט רעגירען מיט דיא װעלט, װייל ער אליין האט אלעס ערשאפען, און נאר ער איז דער משגיח פון דיא גאנצע װעלט, און השם יתברך האט אינז יודען זיין פאלק ישראל געהייליגט

געהייליגט מיט זיין תורה הקדושה, אונ האט אינץ אויסערוועהלט פיר זיין [עם סגולה], פון אלע פעלקער פון דיא וועלט, דאפיר ווידער איז אויף אינץ דער חיוב געווארפען, איהם צו דינען מיט אינזער גאנצען כח, אונ מיט ליבשאפט, אונ פארכט, צו היטען זיינע געבאט, אונ נישט עובר צו זיין אויף זיינע זאג, וואס ער אינץ פארבאטען האט דורך זיין בעגלייבטען קנעכט משה רבינו, וואס השם יתברך האט אויף איהם עדות גיזאגט [בכל ביתי נאמן הוא]: ועתה, אצונד האבען מיר דיר איין ערקלעהרונג גימאכט, דאס דיא זכירה, איביג צו דענקען אן יציאת מצרים, איזט איין שורש גדול, אונ איין יסוד צו [קבלות עול מלכות שמים], אונ אויך צו [קבלת עול תורה ומצות] גאט ב"ה צו דינען [בכל לב ונפש] מיט גראס ליבשאפט מיט אינזער לייב, אונ זעהל, אזו וויא מיר זאגען יעדען טאג אין דיא פרשה פון ק"ש [ואהבת את ה' אלהיך, בכל לבבך, ובכל נפשך, ובכל מאודך], דאס הייסט דיא זאלסט דיין גא: ליב האבען, מיט דיין גאנצעז הארץ, אונ מיט דיין גאנץ נפש, אונ מיט דיין גאנץ פארמעגען, הייגט ווען דער חיוב איז אויף אינץ געווארפען, יעדען טאג צו דענקען אן יציאת מצרים, וויא שטארק דארף מען זיך אנצוגארטען מיט קראפט [בליל התקדש חג], אן דיא הייליגע נאכט פון פסח, מקיים צו זיין [סאמ"ר ז"ל חייב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים], דאס הייסט, יעדער מענש איז מחויב זיך פארצישטעלין, דאס ער זעלבסט איזט פון מצרים ערלייזט געווארין, זיך משמח צו זיין, אונ דעם בישעפער צו דאנקען, אונ לויבען מיט דעם גאנצען הארץ, אויך איז יעדער פאטער מחויב אן דיא נאכט פון פסח צו ערצעהלען, אונ אויפמארקזאם צו מאכען זיינע קינדער, פון דיא ניסים וגבורות ונפלאות, וואס השם יתברך האט מיט אינע יודען דאמאהלס געטיהן, אונ וויא ער טיהט נ"ך ווייטער זיין השגחה האבען אויף אינץ יודען וויא מיר האבען איין קיום אונ בעשטאנד, צווישען אזו פיהל פעלקער אין דעם גלות, אונ וויא מיר ווערין גישפייזט (על פי נס), כדי איינצווארצלען, אין זייר הארץ, דיא אמתדיגע אמונה, אונ אהבה צו הקב"ה:

# פרנסה

**פרנסה**, ידוע דאס דער שליסעל פון פרנסה, איז נאר אין הקב"ה-ס האנד

האנד אליין, וואס ער טוהט שפייזען מיט זיין ערבארעמקייט, פון דעם גרעסטען בעשעפניש, ביז צו דעם קלענסטען, אזו וויא דער פסוק זאגט (והוא נותן לחם לכל בשר, כי לעולם חסדו) צוזאך זעהן מיר, דאס נישט יעדער מענש איז גלאך בענין הפרנסה, נאר איינער ווערד געשפייזט אויף דוא וועלט (בהרווחה גדולה), נאך מיט איבערפליס, אונ איין אנדערער ווידער, אין דעם מיטלען פונקט, אונ איין אנדערער ווידער, זעהר קנאפ אונ אויך זעהר ווינציג, אונ דאס ענין צו פארשטיין, פארוואס דאס אזו איז, איז נישט דעם מענשס מאכט גרינדליך צו פארשטיין, ווייל עס זענען ביא דעם מעהרערע טעמים, מאנכעס מאהל איז עס אנהענגיג אן דיא מעשים טובים פון מענש, אונ אויך לויט דאס מזל פון דעם מענש, אויך ווענט זיך לויט דעם זכות אבות, וואס טוהט ביא שטיין איין מענש איהם צו געבען פרנסה בריוח, אונ נאך מעהרע אנדערע טעמים, איבער דעם דארף מען צו גלייבען באמונה שלימה, דאס איין יעדער מענש ווערד געפיהרט אויף דיא וועלט, מיט אויפזיכט פון דעם (אל דיעות) וואס מיט זיין חכמה טוהט ער יעדען שפייזען אזו וויא פיר איהם גיהערט, איינעם צו געבען פרנסה בריווח, אונ צו אלעם וואס ער טוהט זיך ווענדען טוהט ער בעגליקען, אונ טוהט נאך ערדרייבען צו איין גראס פארמעגען, אונ ווידער איין אנדערן פונקט דער היפוך, וואס ער מוז זעהר שוועהר ארבייטען, אום זיין פרנסה צו פארשאפען, אונ ווידער זאלכע מענשן, וואס נאך אלען ארבייטען קענען זייא נישט איינמאהל פארדינען אויף בלוים ברוד צו עסען, נאר זייא מוזען זיך פארוואגלען, אונ פארלאנגען זייר פרנסה פון אנדערע מענשן, זייא צו שענקען במתנת חנם, אזו זעהן מיר, דאס דיא פרנסה פון מענש, ווענט זיך נישט, אן דעם מענשס חכמה אונ אן זיין פיהל ארבייטען, נאר מיר מוזען גלייבען באמונה שלימה, דאס דאס איז נאר אנהענגיג אן דיא השגחה פון דעם בורא עולם, אזו וויא זיין חכמה טוהט גוזר זיין, אונ נאך אן ראש השנה, ווערד פיר איין יעדען מענש בעשטימט זיין פרנסה אויף דאס גאנצע יאהר, וויא פיהל ער דאס יאהר פארדינען זאל, אונ אויך אויף וואס פאר איין אופן, ער זיין פרנסה פארדינען זאל, מיט שוועהר ארבייטען, אדער אהן שוועהר ארבייטען, מאנכעס מאהל ווערד נגזר, דאס דער חכם, פארהונגערן זאל, אונ ווידער דער גאנץ אנוויסענדער מענש זאל צו פיהל פארמעגען ערדרייבען, איבער דעם איזט נישט אנדערס צו טיהן נאר זיך צו פאר-

זיכערן

זיכערן [בשם השם] אלעס מקבל צו זיין פון זיין ליבען נאמען בשמחה, עס זייא פיהל, אדער ווינציג, אונ דער מענש איז מחויב צו טיהן כל התפעלות, וואס נאר אין זיין מאכט איזט צו טיהן, נישט טרעג צו זיין בייא זיין ארבייט, אונ אויך נישט צו פיהל צו ארבייטען איבער זיין כח, איז ער אין שטאנד, זיין ארבייט צו לאזען בעזארגען דורך אנדרע מענשן, אזו דארף ער עס זעהר גערין צו טיהן, כדי דאס עס זאל איהם מעהר צייט איבערבלייבען, צו עבודת השם, זיך צו קענען קובע זיין מעהרע צייטען תורה צו לערנען, אונ ער זאל זיך מעהר משמח זיין מיט איין שעה לערנען, פיהל מעהר וויא העט פיהל געלד פארדינט, ווייל דאס געלד [בעצם] פיר זיך האט קיין גראסען ווערט, אונ עס האט דאך קיין קיום אויף אייביג אונ אויך קאן דאס געלד איהם, גאנץ ווייניג העלפען (בעת צרה), דאס אבער וואס דער מענש מיט זיך בישעפטיגען מיט עבודת הבורא, האט איין בישטאנד אויף אייביג, אונ עס מיט איהם אויך גראסע פראצענט טראגען, וואס דאס קאן איהם רעטען, אונ ארויס-ציהן פון אלע אנגליקען, אונ עס טיהט אויף איהם ממליץ טוב זיין פאר הקב"ה, אונ דאס זאל קיינער זאגען אונ נישט איינמאהל דאס אויף דיא גידאנקען צו נעמען, צו זאגען, דאס אין דיא צייט וואס ער טיהט זיך קובע זיין צום לערנען, ווערד איהם עפעס היזק מאכען צו דיא פרנסה, [חס מלהזכיר] גאר זאלכעס אויף דיא געדאנקען צו נעמען נאר פינקט פארקעהרט, דער וואס האט באמת דיא אמונה אן הקב"ה, דאס ער דער משגיח איז אויף דיא גאנצע וועלט, טיהט בוודאי נישט פארמיידען צו בעצאהלען איין גיטען לאהן, צו דיא יעניגע וואס טיהן איהם דינען, עס זייא אויף דיא וועלט, אדער אויף יענע וועלט:

אונ דאס דארף איין יעדער זיך פעסט צו מאכען, עס זייא דאס ער מיז שוועהר ארבייטען וועגען פרנסה, אדער דאס ער האט אויף זיך פיהל גישעפטין, ציפארט זאל ער נישט פארפעהלין יעדען טאג צו דאווינען אין שיהל בציבור ערב, ובוקר, אונ אויך זיך צו מאכען לכל הפחות איין שיעור עפעס תורה צו לערנען [אחד המרבה, ואחד הממעיט], אונ דיא שבתים, אונ ימים טובים אין גאנצען צו היילינען פיר גאט וועגין לתורה ולעבודה, ווייל נאר פיר דעסטוועגין זענין מיר בישאפען גיווארין, צו טיהן איין נחת רוח צו הקב"ה, אונ דער וואס וויל האבען דאס זיין פרנסה זאל זיין ברווחה, דער זאל זיך פארנעמען צו האנדלען באמונה,

אין

און חלילה קיין אנגעבט צו מיהן צו קיין שום מענש, און אלע זיינע מעשים זאלין זיין לשם שמים, ולכן יעדען טאג, בעפאהר ער גייט האנדלען, אדער צו זיין מלאכה, צו זאגען, איך וויל עוסק זיין במשא ומתן באמונה, כדי איך זאל מיך מפרנס זיין בהיתר, ולא באיסור, און איך האב מיין פארזיכערונג אויף הקב"ה, דאס נאר ער אליין גיבט קראפט צו ערווארבען פארמעגען [אנא השם] איך בעהט דיך ליבער גאט, שיקע איין [ברכה והצלחה בכל מעשה ידי], צו קענען מיך מיט מיין בני הבית מפרנס זיין, בהיתר ולא באיסור, און אויך כדי איך זאל קענען מיהן דעם רצון פון מיין בישעפער [עזרינו אלקי ישענו על דבר כבוד שמך] און נישט צו פארפעהלין יעדען טאג מתפלל צו זיין וועגען פרנסה, ווייל תפלה האט פיהל און קראפט, צו צערייסען פון איהם אלע גזירות רעות, אויך דארף מען זעהר גיוואהרנט צו זיין, צו זאגען אלע ברכות הנהנין בכוונה, ובפרט ברכת המזון צו זאגען בכוונה גדולה, אזו ווערד איהם בעזר השם קיין פרנסה פעהלין [והבוטח בה' חסד יסובבנהו אמן]:

## פחד

**פחד.** איוב האט גיזאגט [פחד פחדתי ויאתינו] פאר דעם וואס איך האב מיך געפארכטען, דאס איז אויף מיר געקומען, נמצא, דער מענש וואס פארכט זיך פאר אנגליקען, דאס עס זאל איהם נישט קומען, דער איז זיך אליין גורם שלאכין, דאס עס זאל אויף איהם קומען זאלבעס, וואס עס איז נאר נישט אויף איהם נגזר געווארין, ווידער שטייט געשריבען דער וואס פארזיכערט זיך אן הקב"ה, דער דארף זיך פאר קיין שום זאך צו פארכטען, און דער מענש וואס האט זיין פארזיכערונג אן הקב"ה, דעם טיהט מען ארימרינגלען מיט פיהל חסד; איבער דעם דארף דער מענש זיין הארץ צו שטארקען זיך פאר קיין שום זאך צו פארכטען, נאר זיך צו פארזיכערן אן השם יתברך, און צו טראכטען זאלכע מחשבות, וואס טיהט דעם מענש מחזק זיין, דהיינו מחשב צו זיין, וואס האב איך מיך צו פארכטען פאר דיא סיבות פון דיא וועלט, ווען אלעם וואס געשיהט אויף דיא וועלט, איזט אלעם [בהשגחה פרטות] פון זיין ליבען נאמען, און דאצו איזט דאך השם יתברך איין ערבארמיגער פאטער צו זיינע קינדער דיא ישראל, און פון איהם קומט נאר קיין שום שלאכין נאר אלעס איז [לטובת האדם], נישט מעהר נאר ווייל מיר מענשן וואס

וענען

זוענען נאר פון בלוט. אונ פלייש, פארשטייען נישט דיא התנהגות פון הקב"ה, אזו מיינט דער מענש דאס דיא סיבה וואס איז אויף איהם געקומען איז פיר זיין שלאכטען, אבער באמת איז עס נישט אזו, נאר אזו וויא דוד המלך ע"ה האט געזאגט [חסד ומשפט אשירה], עס זייא דאס גאט ב"ה טוהט מיט מיר אימגעהן מיט חסד, אדער מיט משפט, מוז איך אלע מאהל צו איהם זינגען, אונ לויבען, אויך שטייט [צרה ויגון אמצא ובשם ה' אקרא] אין דיא צייט וואס דיא צרות אונ טרויריגקייט טוהט מיך גרייבען, מוז איך צו גאט רופען. אויך שטייט [אשרי הגבר אשר תיסרנו יה] וואהל דעם מענש וואס גאט טוהט איהם שטראפען, פון דיא דאזיגע פסוקים איז צו לערנען, דאס דאס וואס הקב"ה שיקט יסורין אויף דעם מענש, איז נישט פיר זיין שלאכטען, נאר נאך פיר זיין גיטען, אזו וויא איין פאטער וואס ציכטיגט זיין ליב קינד, וואס זיין כוונה איז נאר פיר זיין טובה וועגען, איהם נישט צו לאזין גיין אין גליסטינג פון זיין הארץ, אויסער דעם וואס פאר איין געווין האט מען פון דעם וואס מען גייט ארים מיט פארכט אונ אנגסט, איז אויף איהם נגזר גיווארין עפעס איין גזירה, אזו ווערד איהם זיין פארכטען גאר נישט העלפען, נאר דיא גזירה מוז אויף איהם קומען, ווען אויך איבער זיין דאנק, איז עס ווידער אויף איהם נישט נגזר גיווארין, אזו טוהט ער זיך גאנץ אימזינסט פארכטען, אונ טוהט בחנם ליידען צער, אונ אנגסט, איבער דעם דארף מען זיך זיין הארץ צו שטארקען פון זיך צו פארטרייבען דעם פארכט אונ אנגסט, נאר זיך צו פארזיכערן אן הקב"ה, אונ ווען דיא גזירה איז שוהן אויף איהם געקומען, זאל ער עס מקבל זיין פון דעם בעל הרחמים, אין זאל צו איהם מתפלל זיין, דאס ער זאל איהם פון דיא צרה ארויס ציהן, אונ זאל מעהרן צדקה צו געבען, וואס דאס האט אין מאכט אלע שלאכטע גזירות צו צערייסען אונ זאל זיך איבער ענטפערן אין גאטס האנד, צו זאגען איך בין אלעס מקבל פון דיין ליבע נאמען :

(אבל יש פחד) עס גיבט איין מין פחד, וואס דארויף שטייט [אשרי אדם מפחד תמיד] וואהל דעם מענש וואס פארכט זיך אייביג, דאס איז געמיינט אין זאלכע זאכען וואס בטרעפט פון עבודת השם יתברך, דארף דער מענש זיך אייביג צו פארכטען, צו זאגען, ווער ווייס אויב איך בין יוצא [בענין עב דה], אונ צו זאגען [אורחין רחיקא, וזוודין קלילא] דער וועג וויא אהין איך דארף צו גיין, דאס איז געמיינט אויף

דעם

דעם עולם האמת, איזט זעהר ווייט, אונ [צדה לדרך] וואס איך דארף צו האבען אויף רייזע צערונג דהיינו פין תורה ומצות ומעשים טובים, האב איך זעהר ווענינ פארגעברייט, אפילו דאס ער האט פיהל תורה גילערנט, דארף ער דאך זיך צו פארכטען, ווער ווייס אויב מיינע מעשים טובים וועלין זיין בעוויליגט אונ אנגענימען פאר הקב"ה, דער ערהויבינער, אונ פארכטבארער גאט, פין זאלכע פארכט, איזט קיין פארליסט, נאר נאך פארקעהרט, דיא פראכט פין דעם ווערד זיין, יעדען טאג צו שטייגען בעבודת השם יתברך [למעלה מעלה], אונ באמת איז דאס איינס פין עצת היצר, וואס דער מענש לאזט זיך בעגניגען מיט זיין חלק, וואס זאגט איך בין צו פרידען מיט דעם, דאס בין ב"ה איין ערהרליכער יוד, איך טיה קיין רציחה, אונ קיין זנות, אונ קיין גניבה, אונ איך טיה ב"ה נישט פארפעהלען יעדען טאג צו דאווענען, אונ טיה מיך מפרנס זיין [מיגיע כפי] אזו קומט אויס דאס אונ זיינע אויגען, איז ער איין [איש תמים], אזו ממילא קומט איהם נישט אויס מיט זיך איין חשבון צו מאכען, אויב ער ווירקליך יוצא איז קעגען הקב"ה, אונ זעהט נישט צו שטייגען אין עבודת השם יתברך, אונ במדות טובות ומכש"כ דאס עס פעהלט איהם נישט איין תשובה צו טיהן איבער זיינע פעהלער ווייל אין זיינע אויגען, איז ער גיט אונ ראכטפארטיג, ובאמת אבער איז עס נישט אזו [כי אין אדם צדיק בארץ, אשר יעשה טוב ולא יחטא] עס איז נישט פארהאנדען אויף דיא וועלט, איין צדיק וואס זאל קיין פעהלער מאכען" — אין רמב"ם צייטען האט זיך געטראפען, וואס איין [אדם גדול בתורה], האט נישט געוואלט אן יום כפור מתוודה זיין, מחמת וואס ער האט גיזאגט, צוואס זאל איך מתוודה זיין, ווען איך ווייס ביא מיר, דאס איך האב קיין עבירה געטיהן, עס זעהט נאך אויס, דאס איך העט פאר הקב"ה ליגענט גירעט" האט דער רבינו הגדול הרמב"ם צו איהם גיזאגט, ווען דיא העטסט געוויסט, אונ פארשטאנען, וויא שווער אונ הארב דיא עבודה איז צו הקב"ה, אונ וויא ווייט דער מענש איז מחויב אונ איין מוכרח, איהם צו דינען, אזו איין ערהויבינער, אונ פארכטבארער גאט, אזו העטסט דיא פארשטאנען דאס עס איז קיין טאג, וואס ביזט נישט עובר, אויף דעם אלען וואס שטייט אין דיא ווידוי, אונ דיא ווייל דיא ביזט איין ת"ח ביזט נאך מעהר עובר, ווייל יעדעז מענש איז מען דן לויט זיין פארשטאנד, אונ פאר דעם אליין, וואס דיא האסט אצינד גירעט, ביזט דיא [עתיד ליתן את הדין], אויף

דיא

דיא מעשה שרייבט דער הקדוש מוהרי"א זצ"ל. אין ספר [לב דוד] וז"ל, דער וואס זעהט דיא הייליגע רייד פון דעם רבינו הגדול הרמב"ם זצ"ל, דארפען איהם זיך דיא פלאקקען פון זיינע ביינער אבצידייטען, אונ'זיינע פים דארפען צו קלאפען איינער צים אנדערן, פאר פחד ומורא, וויא מען זעהט דעם שטארקען אונ הארבען [דין שמים], אונ מען דארף צו פארשטיין דעם גראסען חויב וואס אויף דעם מענש איז געווארפען, צו דינען דעם פארכטבארען אונ ערה'יבענען גאט. אינזער גאט דער מלך פון דיא גאנצע וועלט :

## פרשיות

**פרשיות.** אין דיא גמרא שטייט [כל המשלים פרשיותיו וכו'] דער וואס איז מעביר דיא סדרה יעדע וואך [שנים מקרא, ואחד תרגום] טיהט מען איהם ערלענגערן [ימיו ושנותיו]. דיא עיקר מצוה איז מעביר צו זיין דיא סדרה אן יעדען פרייטאג, האט מען נישט גיקענט אן פרייטאג, זאל מען זיא מעביר זיין אן שבת, תיכף נאך דעם דאוונען, מען דארף גיוואהרענט צו זיין דיא סדרה מעביר צו זיין כהוגן, מיט אלע טראפען, אונ נקודות, אות באות, קיין איינציג אות צו פארפעהלין, דער שכר פון דיא מצוה איז, בעוה"ז טיהט מען איהם ערלענגערין לעהבן חוץ דעם גראסען שכר בעולם הבא, אונ דער וואס ווייסט פון דעם גראסען שכר פון דיא מצוה, אונ איז עס נישט מקיים, איינס פון ביידען, אדער דאס ער איז נישט חס אויף זיין לעהבן, אדער דאס ער גלייבט נישט אן דיא רייד פון דיא חכמים הקדושים, [ועתיד ליתן את הדין], אונ דאס דארף מען צו וויסען, דאס דיא גאנצע תורה שבכתב איז שימות פון הקב"ה, אונ אויף יעדען אות, אונ אויף יעדען שטריך איז מרמז אויף סודות העליונים, איבער דעם איז דער חויב דיא סדרה מעביר צו זיין מיט גראס שמחה, וביראה, גלאך מען העט זיא אצינד מקבל גיוועזן פון הקב"ה אויף דעם בארג סיני :

## פדות

**פדות.** אויף דעם פסוק [הודו לה' כי טוב, כי לעולם חסדו] האבען דיא חכמים גיזאגט, לויבט גאט ב"ה פאר דעם וואס ער טיהט מיט דיא מענשען מיט"ב זיין, וואס ער טיהט פון איהם גיצאהלט נעמען זיין

חוב

חוב איינציג וויים. דעם עושר גימט ער אוועק איין אכס. דעם עני איין
שאף. איינע אלמנה איין היען. כדי זיא פרייא צו מאכען פין דיא
שלאכטע גזירה. וואס איז אויף דעם מענש נגזר געווארען. אזו וויא מיר
האבען גילערנט אין (מדרש קהלת) ר׳ יצחק האט געזאגט. אז איין מענש
ווערד נכשל מיט איינע עבירה. אונ איז דאדורך חייב געווארין מיתה
לשמים, אזו טיהט דער בורא ב״ה מיט איהם חסד. עס פאלט איהם
זיין אכס. אדער עס ווערד איהם צובראכען איין כלי. אדער ער ווערד
גישטראכעלט וואס עס גייט איהם איין טראפ בלוט. פון איין פינגער.
אונ הרב״ה דער בעל הרחמים. טיהט איהם ראכנען (מקצת הנפש. ככל
הנפש) וואס ער ווערד דאדורך ניצול פין טויט. אויך אלע מיני צער
וואס עס קימט אויף דעם מענש. עס זייא דאס עס געשיהט דורך מענשן.
אדער (בידי שמים) דאס געשיהט אלעס בהשגחה פרטית (ולטובות האדם)
כדי איהם פרייא צו מאכען פין גרעסערע עונשים. אונ צו ערלייזען זיין
נפש. איין מעשה האט זיך גיטראפען. אליהו הנביא איז גיגאנגען מיט
ר׳ יהושע בן לוי. זענען זייא אריין געקימען צו איין עני. האט דער ב״ה
זייא מקבל גיוועזן (בסבר פנים יפות) אונ האט זייא אויך מכבד גיוועזן
בכבוד גדול; אין מיטען דיא נאכט ווען אלעס האט גישלאפען האט
אליהו גיזאגט צו ר׳ יהושע. איך וועל דיר ווייזען וואס פאר איין לוהן
איך וועל בעצאהלען דעם בעל הבית. אזו האט אליהו גיהרגט דיא איינציגע
קיה וואס ער האט גיהאבט אין זיין פארמעגען ר׳ יהושע בן לוי האט זיך
זעהר פארוואונדערט דאריבער. אזו האט איהם אליהו מגלה סוד גיוועזן.
דאס מיט דעם וואס ער האט איהם דיא קיה גיהרגט. האט ער איהם איין
גראסע טובה געטיהן. ווייל עס איז נגזר גיווארען מן השמים, דאס זיין
געליבט ווייב זאל איהם שטארבען. אצינד האט איהם זיין געליבטע קיה
פין דעם עונש אבגעלייזט. נאך האט ער איהם פארצעהלט איינע מעשה
פין איין מענש וואס האט פיהל געלד מפזר גיוועזן. כדי צו ערלערנען זיין
זיהן דיא חכמה פין שטערינקונסט. וויא זיין זיהן האט שוהן גיהאט דיא
הכמה גרינדליך ערלערנט, האט זיין פאטער איהם גיפרעגט. וואס זעהסט
דיא אצינד מיט דיא שטערין קונסט. אויף מיר? האט ער איהם גיזאגט.
איך זעהע דאס אלע דיינע פפערד וועלין דיר אוים שטארבען. אזו האט
ער תיכף פארקויפט אלע זיינע פפערד. דעם צווייטען טאג. האט ער
איהם גיזאגט. היינט זעהע איך ווידער. דאס אלע דיינע הייזער וועלין דיר

פארברענט

פארברענט ווערין אזו האט ער ווידער תיכף פארקויפט זיינע הייזער, אונ אזו האט ער מעהרע מאהל געטיהן, צום סוף האט זיין זיהן צו איהם גיזאגט, ליבער פאטער, אצינד זעהע איך דאס עס איז אויף דיר אליין נגזר גיוואָרען, דאס זאלסט שטארבען, אזו האט ער אנגעפאנגען ביטערליך צו שרייען, אונד צו קלאגען וויל צו דעם האט ער שיהן נישט מעהר געפינען איין ענטרינונג, זיך צו קענען מציל זיין פון ט׳הט, דאמאהלס האט ער ערשט פארשטאנען, זיין פעהלער, וואס ער האט זיך אליין גורם גיוועזן, דען ווען דיא ערשטע, אדער צווייטע גזירה העט מקוים געווארין, אזו ווער ער ניצול געווארין פון ט׳הט, איבער דעם, איז נישט פארהאנדען בעסער פיר דעם מענש, נאר אלעס וואס ווערד אויף איה׳ געשיקט פון הימעל, עס זייא גיטץ, אדער שלאכטץ חלילה, אלעס מקבל צו זיין בשמחה, זיך פארציכטעלין, דאס איך בין מחויב געווארין מיתה׳ אונ דורך דעם צער, אדער דורך דעם פארליסט, בין איך פון דיא שלאכטע גזירה ניצול געווארין :

# אגרת הרמב"ן

האגרת הזאת שלח הרמב"ן ז"ל מעכו לקטלוניא לבנו על הענוה וצוה בו שיקראנה פעם אחת בשבוע וילמדו גם אחרים עמו ויהיה רגיל בה בעל פה כדי לחנכם בילדותם בילאת במים. (העתקתיו מס' מעולפת ספירים בסופו) :

שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך. תתנהג תמיד לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם ובכל עת. ובזה תנצל מן הכעס שהיא מדה רעה להחטיא בני אדם וכן אמרו רבותינו ז"ל כל הכועס כל מיני גיהנם שולטין בו שנאמר והסר כעס מלבך והעבר רעה מבשרך. ואין רעה אלא גיהנם שנאמר וגם רשע ליום רעה. וכאשר תנצל מן הכעס תעלה על לבך מדת הענוה שהיא מדה טובה מכל המדות טובות שנאמר עקב ענוה יראת ה' ובעבור הענוה תעלה על לבך מדת היראה כי תתן אל לבך תמיד מאין באת ולאן אתה הולך ושאתה רמה ותולעה בחייך ואף כי במותך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין והשבון לפני מלך הכבוד. שנאמר הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי לבות בני אדם ונאמר הלא את השמים ואת הארץ אני מלא נאם ה'. וכאשר תחשוב את כל אלה תירא מבוראך ותשמר מן החטא ובמדות האלה תהיה שמח בחלקך. וכאשר תתנהג במדת הענוה להתבושש מכל אדם ולהתפחד ממנו ומן החטא אז תשרה עליך רוח השכינה וזיו כבודה וחיי עולם הבא. ועתה בני דע וראה כי המתגאה בלבו על הבריות מורד הוא במלכות שמים כי מתפאר הוא בלבוש מלכות שמים שנאמר ה' מלך גאות לבש וגו' ובמה יתגאה לב הארם. אם בעושר. ה' מוריש ומעשיר

כְּדֵי לְזַכּוֹת אֶת הָרַבִּים וֶועלֶען מִיר דָא בעזה"י מַעְתִּיק זַיין (אגרת הרמב"ן) עַל לָשׁוֹן אַשְׁכְּנַז. וָואס דֶער הקדוש והטהור המקובל רבינו משה בן נחמן זצ"ל גֶעשְׁרִיבֶּען הָאט צוּ זַיין זוּהְן (מֵעְנְיַן הָעֲנָוָה) :

(שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ. וְאַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ) מַיין קִינְד פַארְנֶעם דִיא שְׁטְרָאף פֿוּן דֵיין פָאטֶער. אוּנ פַארְלָאז נִישְׁט דִיא לֶעהְרֶע פוּן דֵיינֶע מוּטֶער. זָאלְסְט דִיךְ גֶעוֵוינֶען אַלֶע מָאהְל צוּ יֶעדֶען מֶענְשׁ צוּ רֶעדֶען בְּנַחַת. דַארוּרְךְ וֶועסְט דוּ נִיצוֹל וֶוערֶן פוּן כַּעַס. וָואס דָאס אִיז דִיא אַרְגְסְטֶע מִדָּה פוּן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת. אַזוֹ וִויא דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גִיזָאגְט (כָּל הַכּוֹעֵס וכו') אַן דֶעם בַּעַל הַכַּעֲסָן טוּט שׁוֹלֵט זַיין אַלֶע מִינֵי גֵיהִנָּם. אוּנ וֶוען דִיא וֶועסְט בעזה"י נִיצוֹל וֶוערֶען פוּן כַּעַס. זָאלְסְט זֶעהְן כָּל הִתְפַּעֲלוּת צוּ טוּהְן דִיךְ צוּ בֶּעגְרֵייפֶען אַן דִיא מִדָּה טוֹבָה פוּן (עֲנָוָה) דֶעמוּטִהִיגְקֵייט. ווייל דָאס אִיז דִיא בֶּעסְטֶע מִדָּה פוּן אַלֶע מִדּוֹת טוֹבוֹת. וּמִמֵּילָא דוּרְךְ דִיא חֲשׁוּבָה מִדָּה פוּן עֲנָוָה וֶועסְט דוּ קוּמֶען צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם. מֵחֲמַת וָואס דִיא וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין פוּן וַואנֶען דִיא בִּיזְט גֶעקוּמֶען (מִטִּפָּה סְרוּחָה) אוּנ וִויא אַהִין דִיא וֶועסְט וִוידֶער צִירִיק גֵיין (לִמְקוֹם רִמָּה וְתוֹלֵעָה). אוּנ פַאר וֶועמֶען דִיא בִּיזְט אָהְנְגֶעבְּרֵייט דִין וְחֶשְׁבּוֹן אָפּ צוּ גֶעבֶּען פַאר דֶעם מֶלֶךְ הַכָּבוֹד מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב"ה. אוּנ וֶוען דִיא מַיין קִינְד וֶועסְט אַן דִיא דָאזִיגֶע זַאכֶען אֵייבִּיג דֶענְקֶען. אַזוֹ וֶועסְט דוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם. זִיךְ אֵייבִּיג צוּ פַארְכְטֶען פַאר הקב"ה. אוּנ וֶועסְט דִיךְ הִיטֶען פוּן צוּ זִינְדִיגֶען. אוּנ וֶועסְט אוֹיךְ קוּמֶען צוּ דִיא מִדָּה טוֹבָה פוּן הִסְתַּפְּקוּת. זִיךְ בֶּעגְנִיגֶען צוּ לָאזֶען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער בּוֹרֵא ב"ה וֶוערְד דִיר בִּישֶׁעהְרֶען : זָאלְסְט וִויסֶען מַיין קִינְד. וֶוען דוּ וֶועסְט דִיךְ אַלֶע מָאהְל נוֹהֵג זַיין בְּמִדּוֹת הָעֲנָוָה. אוּנ וֶועסְט דִיךְ הִיטֶען פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹ וֶועסְט דִיא זוֹכֶה זַיין לְרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ. אוּנ אוֹיךְ לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. מַיין קִינְד זָאלְסְט וִויסֶען. דָאס דֶער בַּעַל גַּאֲוָה טוּט מוֹרֵד זַיין בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם. וַוייל דִיא אֶמֶתְדִיגֶע גַּאֲוָה גִיהֶער נָאר צוּ הקב"ה. אַזוֹ וִוִיא עֶס שְׁטֵייט (ה' מָלָךְ גֵּאוּת לָבֵשׁ וגו'). אוּנ בֶּאֱמֶת מִיט וָואס הָאט זִיךְ דֶער מֶענְשׁ בְּגַאֲוָה

ומעשיר. ואם בכבוד. הלא לאלהים הוא. שנאמר והעושר והכבוד מלפניך ואיך מתפאר בכבוד קונו. ואם מתפאר בחכמה מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח. נמצא הכל שוה לפני המקום. כי באפו משפיל גאים וברצונו מגביה שפלים. לכן השפל עצמך וינשאך המקום. ע"כ אפרש לך איך תתנהג במדת הענוה ללכת בה תמיד. כל דבריך יהיו בנחת וראשך כפוף ועיניך יביטו למטה לארץ ולבך למעלה ואל תביט בפני אדם בדברך עמו. וכל אדם יהיה גדול ממך בעיניך. ואם חכם או עשיר הוא עליך לכבדו. ואם רש הוא ואתה עשיר או חכם ממנו חשוב בלבך כי אתה חייב ממנו והוא זכאי ממך. שאם הוא חוטא הוא שוגג ואתה מזיד. בכל דבריך ומעשיך ומחשבותיך ובכל עת חשוב בלבך כאלו אתה עומד לפני הקב"ה ושכינתו עליך כי כבודו מלא העולם. ודבריך יהיו באימה וביראה כעבד לפני רבו ותתבייש מכל אדם ואם יקראך איש אל תעננו בקול רם רק בנחת כעומד לפני רבו. והוי זהיר לקרות בתורה תמיד אשר תוכל לקיימה. וכאשר תקום מן הספר תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו

צו האלטען. ווען דורך עשירות. פֿאַרוואָהר עשירות קומט דאך נאר פֿון הקב"ה. אזו וויא עס שטייט (ה' מוריש ומעשיר). ווען ווידער מחמת כבוד. פֿאַרוואָהר דער כבוד געהער נאר צו הקב"ה. אזו וויא עס שטייט (העושר והכבוד מלפניך). זאל זיך ווידער איין מענש וועלען בגאוה האלטען ווייל ער איין חכם איז. הלא פֿאַרוואָהר דיא חכמה איז דאך נאר פֿון הקב"ה אונ ווען ער וויל טוט ער דיא חכמים פֿאַרנארען אזו וויא עס שטייט (מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח) נמצא דאס פֿאַר הקב"ה זענען אלע מענשען גלאך. דיא הופֿערדיגע מענשען טוט הקב"ה נידריג מאכען. אונ דיא נידריגע טוט ער ערהייבען: איבער דעם מיין קינד האלט דיך אליין פֿאַרשעפֿט. אזו ווערד דיך הקב"ה ערהייבען. ועתה אצונד מיין קינד וועל איך דיך אונטערריכטען וויא דוא זאלסט דיך נוהג זיין מיט דיא מדה ענוה. דיינע אלע רייד צו דיא מענשען זאלען אלע מאהל זיין בנחת. אונ דיין קאפּ אַראפּ געבויגען. מיט דיינע אויגען זאלסט דו אַראפּ קוקען: ובשעת דיא ווערסט רעדען מיט איין מענש. זאלסט איהם נישט אין פּנים קוקען. מחמת ענוה אויך יעדען מענש וואס ווערסט זעהן זאלסט איהם האלטען גרעסער אונ חשובֿר פֿון דיר. דען אויב יענער איז איין חכם. אדער איין עושר. אזו ביזט דאך מחויב מצד הדין איהם בכבוד צו האלטען

איז יענער ווידער איין עני. אונ דיא איין עושר. אדער דיא ביזט מעהר חכם פֿון איהם. דארפֿסט איהם מהאי טעמא בכבוד צו האלטען. ווייל דיא ביזט מעהר חייב פֿון איהם ווייל ווען ער טוט עפּעס איין פֿעהלער. איז ער גיראכנט וויא איין שוגג. אונ דיא ביזט גיראכנט פֿאַר איין מזיד:

(בכל דבריך) ביא אלע דיינע רייד. אונ ביא אלע דיינע מעשים וואס וירסט וועלען טוהן. זאלסט אלע מאהל טראַכטען גלאך דיא שטייסט אצונד פֿאַר הקב"ה (כי כבודו מלא עולם) ווייל זיין כבוד איז פֿול אויף דיא גאנצע וועלט: אויך אלע דיינע רייד זאלען זיין באימה וביראה. אזו וויא איין עבד פֿאַר זיין הערר. פֿאַר יעדען מענש זאלסט דיך שעהמען נישט צו איהם הויך צו רעדען. נאר בנחת. גלאך דיא העסט געשטאנען פֿאַר דיין רבי: זאלסט זעהן אייביג צו לערנען תורה וועלכע דיא זאלסט זיא קענען מקיים זיין. אונ יעדעס מאהל וואס דיא ווערסט האבען אויסגילערנט. זאלסט אריין קוקען אין דעם ספר וואס האסט גילערנט. אויב דיא קענסט דאס מקיים זיין. וואס האסט אצונד גילערנט. זאלסט זעהן יעדען פריה אונ מארגען (מפשפש במעשים) צו זיין אין דיא מעשים פֿון דען טאג צו איבערזיכטיגען אויב דיא האסט נישט דען טאג עפּעס איין פֿעהלער געטוהן. דאדורך

ווערסט

לקיימו, ותפשפש במעשיך בבקר ובערב. ובזה יהיו כל ימיך בתשובה. והסר כל דברי העולם מלבך בעת התפלה והכן לבך לפני המקום ב"ה וטהר רעיונך והשוב הדבור קודם שתוציאנו מפיך. וכן תעשה כל ימי חיי הבלך בכל דבר ודבר ולא תחטא ובזה יהיו דבריך ומעשיך ומהשבותיך ישרים ותפלתך תהיה זכה וברה ונקיה ומכוונת ומקובלת לפני המקום ב"ה שנאמר תכין לבם תקשיב אזנך. תקרא האגרת הזאת פעם אחת בשבוע ולא תפחות לקיימה וללכת בה תמיד אחר השם יתברך למען תצליח בכל דרכיך ותזכה לעולם הבא הצפון לצדיקים. ובכל יום שתקראנה יענוך מן השמים כאשר יעלה על לבך לשאול עד עולם אמן סלה :

װעֶרסט זוֹכֶה זַיין (שיהי׳ כל ימיך בתשובה) װאָס אַלֶע דַיינֶע טֶאג װעלֶען זַיין מיט תְּשׁוּבָה: מַיין קִינד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה זָאלְסְט זֶעהֶן פוּן דִיר אָב צוּ טוּהְן אַלֶע עִנְיָנִים פוּן דִיא װעֶלְט. אוּנ זָארְגְסְט זֶעהֶן אָן צוּ גְרֵייטֶען דַיין הָארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ: פַאר יֶעדֶען דִבּוּר װאָס דִיא װִילְסְט רֶעדֶען, זָאלְסְט פְרִיעֶר טְרַאכְטֶען װאָס דוּא װִילְסְט רֶעדֶען. אוֹיךְ פַאר יֶעדֶע זַאךְ װאָס װִילְסְט טוּהְן, זָאלְסְט פְרִיעֶר טְרַאכְטֶען אוֹיבּ דוּא דַארְפְסְט דִיא זַאךְ צוּ טוּהְן. אוּנ װען דִיא װעֶרסט דִיךְ אֵייבִּיג אַזוֹ פִירֶען בַּייא אַלֶע דַיינֶע זַאכֶען. אַזוֹ װעֶרְסְט גָאר נִישְׁט דַארְפֶען צוּ קוּמֶען צוּ זִינְדִיגֶען. נָאר אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים װעלֶען גֶעוִויס רַאכְטְפַארְטִיג זַיין פַאר הַשי"ת. אוּנ דַיין תְּפִלָּה װעֶרְד רֵיין אוּנ לוּיטֶער זַיין. אוּנ אָהְנגֶענוּמֶען זַיין פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. מַיין קִינְד אִיךְ גֶעבִּיטֶע דִיךְ זָאלְסְט דֶעם דָאזִיגֶען בְּרִיעֶף לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע װאָךְ אֵיין מָאהְל דוּרְךְ לֵיינֶען. אַזוֹ װעֶרְסְט דוּא מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע װעֶגֶען. אוּנ װעֶרְסְט זוֹכֶה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא (הַצָּפוּן לַצַּדִּיקִים): אוּנ יֶעדֶען טָאג װָאס דוּא װעֶרְסְט דֶעם בְּרִיעף לֵיינֶען, װעֶרְד מֶען דִיר מִן הַשָּׁמַיִם עֶנְטְפֶערֶן. װאָס דוּ װעֶרסְט פוּן אִיהְם פַארְלַאנְגֶען (מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן):